STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01856

DI HOYPT SHTREMUNGEN IN DER LITERATUR FUN NAYNTSENTEN YORHUNDERT

Georg Morris Cohen Brandes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געארג בראַנדעס

די הויפּט שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון ניינצענטען יאַרהונדערט

באַנד 7

דער נאַטוראַליזם אין ענגלאַנד

איבערזעצט פון
דר. יעקב גרינפעלד

מאַקס נ. מייזעל
אידישער פארלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט
424 גרענד סטריט, ניו יארק
1920

Copyright by
MAX N. MAISEL
New York, 1920.

אינהאַלטס־פאַרצייכניס

14. דער בריטישער פּראָוויזיאָן — 9

15. הומאַניזם, לענדאָר — 15

16. דער ראַדיקאַלער נאַטוראַליזם — 31

17. בייראָן, די לײַדנשאַפטליכע פּערזענליכקייט — 84

18. בייראָן, די לײַדנשאַפטליכע פּערזענליכקייט (פאָרטזעצונג) — 107

19. בייראָן — זיין זעלבסט־פאַרטייפונג — 142

20. בייראָן — דער רעוואָלוציאָנערער גייסט — 153

21. בייראָן — קאָמישער און טראַגישער רעאַליזם — 177

22. בייראָן — דער אַפּאָגעי פון׳ם נאַטוראַליזם — 207

23. בייראָן׳ס טויט — 227

24. שלום — 236

14.

דער בריטישער פּרייזין.

עס איז פאַראַן אַ דיכטער, געבוירען אין שאָטלאַנד, און זייענדיג אַ הייסער שאָטלענדישער פּאַטריאָט, האָט שטענדיג געפיהלט אַ זעהר הייסע סימפּאַטיע צו אירלאַנד און באַזונגען אירלאַנדישע פאָלקס־געשיכטע און אירלאַנדישען פאָלקס־קומער, אַזוי ווי טאָמאָס מאָר, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט ער צונויפגעגאָסען אין איינם די ליעבע צו צוויי אונטערטעניגע קעניגרייכען מיט דעם הייסען און קריגערישען נאַציאָנאַל־געפיהל. דאָס איז טאָמאָס קעמפּבעל, וואָס שטאַמט פון אַן אַלטער בארג־משפּחה.

ער איז געווען ניט נאָר אַ נאַציאָנאַלער דיכטער אין דעם זין ווי וואָרדסוואָרט, נאָר פון דער יוגענד ביז'ן טוידט איז ער פאַרבליבען אַ הייסער אָנהענגער פון פרייהייט. זיינע פּאָעטישע ליעדער און באַלאַדען דערהויבען זיך באַדייטענד איבער וואָרדסוואָרט'ס ליעדער פון'ם זעלבען סאָרט, נאָר ער האָט פאַרמאָגט אַן עכט־לירישע געניאַליטעט; דאָס איז צערציי אָדער פּעטעפּי פון דער נאַטוראַליסטישער גרופּע. אין זיינע אויגען איז דאָס געבורטס־לאַנד און די פרייהייט געווען איין גאַנצעס, און זיינע בעסטע ליעדער צייכענען זיך אויס מיט אַזאַ פרישקייט, מיט אַזאַ שוואונג און אַזאַ פייער, אַז די פון איהם אָנגעשריבענע קליינע צאָהל געקליבענע ליעדער שטעלט איהם אין איין רייהע מיט די גרעסטע דיכטער.

זיין גערדיכט וועגען דעם געשלעג אויפ'ן ים־ברעג מאַכט ניט, זעלבסטפאַרשטענדליך, אויף די דענער קיין איבעריג גוטען איינדרוק. דער שטאָלץ איבער'ן זיעג, וואָס נעלסאָן האָט געפייערט איבער אַ פיעל־שוואַכערען שונא, וועמעס כחות מען האָט צעבלאָזען, פאַרגלייכענדיג זיי מיט די ענגלישע, איז אַ מוסטער פון העב־

סטער פּאַטריאָטישער באַגייסטערונג. אין איין רייהע מיט דעם שטעהט דאָס אין דער זעלבער צייט אָנגעשריבענע ליעד
„Marines of England." א מאַסטערהאַפט ווערק, אין וועמעס יעדער סטראָפע דו הערסט, ווי דער פרישער ים־ווינד שלאָגט זיך אָן אָן די בריטישע קריעגס-שיפען. דאָ גיט זיך אָפּ א לויב דער אמת'ער זוהן פון דער ים־קעניגין זיין מוטער, באַזינגענדיג די בריטישע ים־העלדען.

ווענדט אייער אויפמערקזאַמקייט אויף דער שטורעמדיגער קראַפט און פרייד, וואָס דריקען זיך אויס אין פאָלגענדער סטראָפע:

„אָך, איהר פרעהליכע יונגען פון ענגלאַנד! אונזער ברעגיגע וואַך אונטער'ן פאָהן, מיט וועמעס מוטיגקייט מען האָט זיך גע־ריהמט גאַנצע טויזענד יאָהר, אין שטורעם און אין קאַמף! הויבט ווידער אויף אייער שטאָלצע פלאַג אין קאַמף געגען ענגלאַנד'ס שונאים, און פליהט פלינק פאָראויס, ווערענד די פרישע ווינטען בלאָזען, ווען דאָס געשלעג צופלאַקערט זיך, זידט, און דער שטור־רעם לאַרעמט."

מען קען זעהן פון פאָלגענדען ליעד, ווי דער דיכטער שטאָל־צירט מיט ענגלאַנד'ס וועלט־מאַכט איבער'ן ים.

„בריטאַניע פיהלט ניט קיין מאַנגעל אין פארשטאַרקונגען און טורעמס אויף איהרע פאָרטען. גרינג שוועבט זי איבער דער אויבערפלאַך פון די ים־כוואַליעס; דאָרט איז איהר היים, וואו איהרע זעגלען זיינען ארויפגעצויגען. מיט דער דויערהאַפטיגקייט פון איהרע דעמבענע דעקען שרעקט זי און באַרוהיגט די בייזע ים'ען, ווען די פרישע ווינטען בלאָזען, ווען דאָס געשלעג צופלאַ־קערט זיך, זידט און דער שטורעם לאַרעמט."

קעמפּבעל'ס לעבען איז אריבער רוהיג. ער האָט באַקומען אין גלאַזגאָו א גרויסאַרטיגע בילדונג, זיך דערנאָך געלערענט אין עדענ־בורג, פאַרעפענטליכט צו זיין 25־טען יאָהר זיין פּאָעמע „די פרייד פון דער האָפנונג", וואָס איז איצט, דעם אמת זאָגענדיג, שוין אַלט געוואָרען, נאָר האָט אין איהר צייט געמאַכט א גרויסען איינדרוק. פאַר'ן האָנאָראר וואָס ער האָט געקראָגען האָט ער זיך געלאָזט אויף א רייזע איבער דייטשלאַנד. אין דער צייט פון אָט דער רייזע, ווערענדיג באַגייסטערט פאַר דער פּערספּעקטיווע פון א מלחמה

מיט דענעמארק, האָט ער אָנגעשריבען עטליכע לידער — און צווישען זיי אויך די אויבען־געבראַכטע. 1803 האָט ער געהייראַט אין לאָנדאָן מיט זיין קוזינע און זיך דערנאָך אָפּגעגעבען מיט שריפטשטעלערישער טעטיגקייט, ער האָט אויך געלייענט לעקציעס, און 1820 האָט ער אָנגעהויבען ארויסגעבען א צייטונג. 1830 איז ער אין געזונד און לעבענס־קרעפטען שטארק אראָפּ אזוי, אז פון דער צייט אָן ביז 1844 האָט ער אויסגעקוקט ווי א שאטען פון זיך אליין.

דער גרונד־שטריך פון זיינע פּאָעטישע פעהיגקייטען — ווי ביי אלע אנדערע דיכטער פון דער גרופּע — איז די פרישקייט פון זיין פּארשטענדניס פאר דער נאַטור. ער האָט אָנגעשריבען איין ליעד צום רעגענבויגען, וואָס, ניט קוקענדיג אויף דעם עטוואָס פּראָזאאישען און אויסגערעכענטען אָנהויב, שטעלט פאר דאָס ליעד, מיט איהר פּשוט׳קייט און פאַנטאזיע, א מייסטערהאפט ווערק. קעמפּבעל טראָגט זיך איבער מיט׳ן געדאַנק צו יענער צייט, ווען די ערשטע מענשען האָבען דערזעהן דעם רעגענבויגען, און באמיהט זיך זיך פּאָרשטעלען, וואָס זיי האָבען דעמאָלס געפיהלט. ווען אָט דאָס הימעלשע וואונדער האָט זיך צום ערשטען מאָל באַוויזען, האָט יעדע מוטער אויפגעהויבען איהר קינד אין דער הויך, תפלה־טוענדיג צו גאָט׳ס רעגענבויגען. די ערשטע הימנען האָבען עס באוויזען, און צוליעב דעם כבוד פון׳ם וואונדער האָבען די עלטסטע דיכטער פּארפאַסט לידער. און אויך איצט אפילו דערוועקט עס דיזעלביגע געפיהלען:

„ווי עס גלאנצט דיין גארטעל, וואָס איז איבערגעוואָרפען איבער בערג, טורעמס און שטעדט, אָדער וואָס ווערט אָפּגעשפּיגעלט אין דעם אונענדליכען ים מיט טויזענדער קאָלירען! אויסטיילענדיג זיך פון׳ם אומעדיגען פּאָן, קוקט אוים זיין שעהנקייט אזוי יונג, ווי דאמאלס, ווען דער אדלער איז צום ערשטען מאָל ארויסגעפלויגען אין דער הויך אנטקעגען דיין שטראהלענדען קראַנץ״.

וועגען אן עהנליכער פּארשטענדניש פון דער נאַטור, ווי די וואָס דריקט זיך אוים אין אָט דעם ליעד, דערציעהלט אונז אויך זיין צו לעצט ארויסגעגעבען ווערק „דער טויטער אָדלער״, וואָס ער האָט

אָנגעשריבען אין אָראַן, אַפריקאַ. דאָרט ווערט אויסגעדריקט די עכט ענגלישע פרייד ביים באַאָבאַכטען פון דער מאַכט און שטאַרקייט פון איינע פון די נאַטור־קינדער. פאַרשטעהט זיך, זאָגט דער מחבר, אַז אַ ערראָטאַווע קען זיך אויפהויבען אַזוי הויך ווי אַ אָדלער, אָבער זיין שיף איז אָהן אַ רודער, זי דיענט אלס רויב פאַר די ווינטען און שלעכטע וועטערען; ס'איז ניטאָ קיין ווילען אין זיין פליהען. עפּעס גאַנץ אַנדערש שטעלט מיט זיך פאָר אָט דער שטאָלצער פויגעל; ער קעמפט מיט דעם שטורעם; ער שטעלט זיך אָפּ אין מיטען זיין פליהען אַזוי גרינג, ווי דער אַראַב שטעלט אָפּ זיין פערד, און ווען נאָר עס פאַרגלוסט זיך איהם, שוועבט ער אונבאַוועגליך אין דעם הימעל־רויב, ווי אַ לאָמפּ וואָס הייגגט אַראָפּ פון אַ בלויער סטעליע. אונטער איהם ליגען בערג און שטיינער, און זילבערנע טייכען־פאַסען. און דערנאָך לאָזט ער זיך אַראָפּ נאָך גרינגער פון אַ פאַלענדען שטערען, ביז וואַנען ער וואַרפט ניט זיין שאָטען אויף דער ערד און ברייגגט ניט אַריין קיין פאַניק צווישען די פויגלען און חיות מיט'ן רוישען פון זיינע פליגלען. דערנאָך פליהט ער אין דער הויך. אָן אויסדרוק פון פאַראַכטונג פאַרקערפּערען זיינע אַלע באַוועגונגען, צי ער דרעהט אוים זיין קאָם־באַקרוינטען קאָפּ, אום אַ קוק צו טאָן אונטער זיך, אָדער ער באַווייזט די אינוועניגסטע ווייסקייט פון זיינע פליגלען, מאַכענדיג אין דער לופט רעגעלמעסיגע קרייזען. קעמפּבעל זעהט איהם פאַר זיך, ווי ער שוועבט אין הימעל־רויז, אין דער צייט פון דער גרויסער שלאַכט צווישען די מאַורען און די קריסטען, אַ גלייכגילטיגער צו דעם, ווער עס וועט זיעגען, וועהרענד זיינע פליגלען טראָגען איהם מיט שנעלקייט אַריבער קיין אַלזשיר אָדער צו די קאָראַלען אינזלען, וואָס טרעטען אַרוים אויף דער אויבערפלאַך פון די גרינע כוואַליעס; ער פליהט איבער אין איין שטונדע אַ גרעסערען שטח ווי דאָס גרעסטע שיף קען איבערגעהן אין אַ טאָג. ער לעבט ווייט פון ערדישעם און מענשליכעם; אַפילו די ערד־ציטערניש, וואָס איז 1790 פאָרגעקומען אין אָראַן, און ביי די מורא'דיגסטע געשרייען פון טויזענדער מענשען חרוב געמאַכט קלויסטערס, פאָרטען און שלעסער, און געמאַכט אַ מדבר פון אָראַן, האָט די מאַכט אויפ'ן אָדלער קיין ווירקונג ניט.

דאָ איבערראַשט אונז ניט נאָר די רייכע באַאָבאַכטונג, נאָר אויך די אומגעהייערע פאַנטאַזיע.

נאָר אין זיין גאַנצער גרויסקייט ווייזט זיך קעמפּבעל אַרויס אין זיינע ליעדער, וואָס זיינען געווידמעט דער פרייהייט, צ. ב., „ענגלאַנד'ס כלל־טהוער" ; „סטאַנסען לכבוד דער נאַוואַרישער שלאַכט", א. ז. וו.. אין ווערק פון אַזאַ סאָרט ציינט זיך קלאָר אַרויס קעמפּבעל'ס גייסטיג אַריבערשטייגען די דיכטער פון דער ים־שולע, וואָס האָבען אויך גוט פאַרשטאַנען צו באַזינגען די פעל־קער־שלאַכטען פאַר אונאָפּהענגיגקייט. זיי האָבען עס אָבער געטאָן נאָר דאַמאַלס ווען די שלאַכט איז געווען געגען ענגלאַנד'ס שונא — נאַפּאָלעאָן ; קעמפּבעל, פאַרקעהרט, האַנדעלט אַנדערש : ער ערמוטיגט ענגלאַנד (און אַן אַנדערסמאָל טאַדעלט ער זי) אין'ם נאָמען פון פרייהייט, ווען עהרענד אין די אויגען פון די אַלע דיכטער איז ענגלאַנד שטענדיג געווען און איז פאַרבליבען די פרייהייטס־היים.

קוקט זיך צו אין „ענגלאַנד'ס כלל־טהוער" מיט וואָס'ער אַ וואַרעמקייט קעמפּבעל באַטאָנט, אַז די דענקמאַלען פון קריגערישער געוואַגטקייט איז גאַרניט אין פאַרגלייך מיט דעם פרייהייט־חוש אין מענשען'ס ברוסט. דאָס מאַרטירערטום פאַר פרייהייט ברענגט מעהר כבוד, ווי הונדערטער געוואונענע שלאַכטען.

דאָס ליעד „די געהייליגטע ערד" אין איהר געוואַגטער פּשוט'קייט איז אַן אָפּענער פּראָטעסט קעגען יעדען אַבערגלויבען, אונטער וואָסער אַ פאָרמע ער זאָל ניט ערשיינען, און אַ מוטיגער פּרעדיגען פון פרייהייטס־געבאָטען, וואָס דער נייַנצענטער יאהר־הונדערט האָט אויסגעאַרבייט. וואָס איז אַזוינס הייליגע ערד ? — פרעגט קעמפּבעל. איז דען דאָ אויף דער ערד כאָטש איין אָרט, אויף וועלכען, נאָך גאָט'ס באַגריף, די מענשהייט זאָל ניט טאָרען שטעהן אויסגעגליכט אין דער גאַנצער וואוקס און פריי זיין, נאָר זי זאָל מוזען אונבאַדינגט בויגען די קניה אונטער דער בייטש פון אַבערגלויבען ? ניין, געהייליגטע ערד איז די, וואו עס ליגען באַגראָבען די ליפּען, וואָס מיר האָבען געקושט, ווען מיר האָבען ליעב געהאַט — אָבער ניט אויפ'ן בית עולם, נאָר דאָרט, וואו די געשטאַלט פון'ם געליעבטען ווען איז פאַרבליבען אונבאַריהרט

פון׳ם טויט: אין אונז אליין. דער קוש מאכט הייליג דאָס אָרט, וואו צוויי ליעבענדע הערצער האָבען געפונען איינס דאָס צווייטע. און דער קאמף פאר דעם העלד׳ס פרייהייט און זיין טויט פאר דער פרייהייט לעבען אין די הערצער, כאָטש זיין שטויב זאָל אפילו אין לופט זיין צובלאָזען, זיי לעבען אין די הערצער, ווי אין א געהייליג־טער ערד, ביז וואנען דאָס גאנצע ערד־קעניגרייך וועט, ענדליך, פארוואנדעלט ווערען אין געהייליגטער ערד.

פארשטעהט זיך, אז קעמפבעל געהערט ניט צו די גרעסטע דיכטער פון דער נאטוראליסטישער גרופע; נאָר אין זיין פשוט׳ען, שטארקען פאטאָס קלינגט א סטרונע פון אזא פול־קלאנגענדער ליריק, וואָס דערמאָנט אין די אוראַלטע גריכישע עלעגיקער. זייענדיג א שאָטלאנדער נאָך זיין אָפּשטאמונג, איז ער, פונדעסט־וועגען, מיט זיין גאנצען הארצען געשטאָרבען פאר אירלאנד, און מיט׳ן גייסט איז ער געוועזען א בריטאנישער. כאָטש ער איז געוועזען א ליידענשאפטליכער נאציאָנאליסט, ווי די דיכטער פון דער ים־שולע, איז ער דאָך געוועזען א ליעבהאבער און א פארטיידיגער פון דער פרייהייט, פון דער פרייהייט, אלס א גאָט און ניט אלס אַן אָפּגאָט. ער איז דער איבערגאנג פון די נאציאָנאלע דיכטער פון שאָטלאנד און אירלאנד צו די דריי גרויסע עמיגראנטען פון דער ענגלישער פּאָעזיע פון יענער צייט.

15.

הומאניזם, לענדאָר.

אין דער צייט וואָס ענגלאנד האָט אין דער אינערליכער פּאָלי־טיק געשטיצט דעם הייליגען בונד, און אין לאנד געדריקט די קאַ־טאָליקען און געשטירצט אין נויט די נידעריגע קלאסען, מאַכענדיג געוויסע ערלייכטערונגען פאר די אדעליגע, האָבען די ענגלענדער אין אלע גרעסערע צאָהלען פארלאָזט דאָס לאנד, כדי אלס וואנדערענדע ריטער פון פרייהייט דערמאָנען אייראָפּא, אז ענגלאנד האָט אין אלע צייטען זיך גערעכענט אלס נאַטירליכע פארטיידיגערין פון דער פריי־הייט פון די פעלקער. אזעלכע ענגלענדער, זיינען געווען, צ. ב., גענעראל ווילסאָן, וועלכער האָט אונטער דער פיהרערשאַפט פון באָליוואַרען באפרייט דרום אמעריקא און אדמיראל קארבין וואָס האָט פריהער בארימט געמאַכט זיין נאמען אין דער בראזילישער, און דערנאָך אין דער גריכישער באפרייאונג־שלאכט. צו דעם זעל־בען קלאס פון מענשען געהערט אויך וואָלטער־סעוועדזש־לענדאָר, דער אָריגינעלסטער און שטאָלצסטער פון די פאָרשטעהער פון דער פּאָעטישער ליטעראטור פון יענער צייט.

לענדאָר איז געבוירען דעם 30טען יאנואר 1774 אין ווארוועק, אין א באריהמטער פאמיליע, אלס יורש פון א פירסטליכען רייכטום. ער האָט געשטודירט אין אקספארד, אין יאָהר 1802 האָט ער גע־וואוינט אין פאריז, זיך צוריקגעקעהרט און פארקויפט א גרויסען טייל פון זיין ירושה־לאנד, אום צו קויפען א גוט אין אַן אנדער אָרט, און האָט אָנגעהויבען דאָרט איינפיהרען נאָך זיין געשמאַק אלערליי פארבעסערונגען, וועלענדיג באַזאָרגען זיינע אָנצאָהליגע פארמערס מיט א בעסערער עקזיסטענץ, ווי עס איז אויסגעפאלען אויפ׳ן גורל פון די נידעריגע קלאסען אין ענגלאנד אָדער ערגעץ אנדערש־וואו.

אויף אַט די רעפאָרם־פּארזוכען האָט ער אויסגעבראכט 70,000 פ. סט. נאָר ער האָט עס געטאָן מיט א פיעל גרעסערער באגייסטע־רונג און גוטען ווילען צו ברייגנגען נוצען די מענשען איידער מיט'ן קענען דעם מענשען'ס הארץ. זיינע אונטערטאַנען האָבען אויף א געוויסענלאָזען אופן פארוואנדעלט אין שלעכטס זיינע פילאנטראָפּי־שע צוועקען ; זיי האָבען זיך באנוצט מיט זיין גוטסקייט אום איהם אָפּצונארען ווי ווייט ס'האָט זיך געלאָזט. ווערענדיג ענטריסטעט פון דער אונדאנקבארער און מיאוסער האנדלונג פון זיינע אָרענ־דאטאָרס האָט ער באשלאָסען צו פארקויפען זיינע גיטער, אפילו די וואָס זיינען געוועזן אין דער ערשאפט פון זיין פאמיליע אין פארלויף פון 700 יאָהר, און אָנהויבען לעבען אלס א פרייער וועלט־בירגער. אין יאָהר 1806 האָט ער זיין פּלאַן אויסגעפיהרט.

אין שפּאניען האָט אויסגעבראָכען אַן אויפשטאנד געגען נאַפּאָ־לעאָנישען דעספּאָטיזם. לענדאָר איז אוועק קיין שפּאניען, האָט אויף זיין אייגענע הוצאות געגרינדעט א קליינעם קאָרפּוס און אָנגע־הויבען זיך שלאָגען אין די רייהען פון די אויפשטעהער. ער האָט דערפאר געקראָגען אַן אָפיציעלען דאנק פון דער העכסטער יונטע און דעם טשין פּאָלקאָווניק אין דער שפּאנישער ארמיי. נאָך דעם ווי פערדינאַנד האָט פארנומען דעם טראָהן האָט לענדאָר אָפּגעשיקט צוריק זיין פּאטענט צום קעניג מיט א בריעף, אין וועלכען ער שרייבט, אז כאָטש ער, לענדאָר, בלייבט א שטענדיגער פריינד פון שפּאניען, דאָך קען ער ניט האָבען קיין שום געמיינשאפטליכעס מיט א „שבועה־ברעכער און פאררעטער" ווי איהר קעניג איז. אין אַט דער האנדלונג צייגט זיך אין גאנצען ארויס דער כאראקטער פון'ם מענשען : א שטורמיגער און ניט־איינגעצוימטער, אָבער אויך א שטאָלצער און אויפריכטיגער. אין דער ברוסט פון אַט דעם מענ־שען האָט געקלאפּט א הארץ פון אַן אונאבהענגיגען פיהרער.

אין 1815 איז לענדאָר איבערגעפאָהרען קיין איטאליען, וואו ער האָט דערנאָך דאָרט געלעבט העכער 30 יאָהר. נאָר אין 1857 האָט ער זיך אויף שטענדיג באזעצט אין ענגלאנד (אין דער שטאָדט באט). ער איז פארבליבען אויף זיין גאנץ לעבען א פיינד פון טיראניי אין אַלע איהרע פאָרמען און ערשיינונגען און א ליידענ־שאפטליכער פארטיידיגער פון פרייהייט און איהר קעמפער אויף

יעדען געביעט. ביז זיין טויט האָט ער מיט זיינע אַלע קרעפטען געשטיצט פּאָליטישע עמיגראַנטען און מענשען, וואָס מען האָט פאַר־פאָלגט פאַר זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען. דער טויט האָט איהם געטראָפען אויפ׳ן 90טען יאהר פון זיין לעבען, אין 1864.

זיין לאַנג, עהרליך לעבען האָט ארומגענומען א ברייטע ליטע־ראַרישע טעטיגקייט. ער האָט אָנגעשריבען צוויי מאָל מעהר ווי בייראָן און צו פיעלע פון זיינע שריפטען קען מען זיך ניט באַציהען אָהן א יראת הכבוד. נאָר פאַר דער גאַנצער פעריאָדע פון דער צייט, איז זיין פּאָעזיע פארבליבען אומפארשטענדליך און ניט אָפּגעשעצט. לענדאָר האָט געשריבען, ניט נעהמענדיג אין אכט דאָס פּובליקום, וואָס האָט איהם געלייענט; די קריטיק האָט איהם קיינמאָל ניט געשטיצט, נאָר איהם אָנגערופען א „קאַלטען און אָנגעצויגענעם״ און געגעבען אָנצוהערעניש, אז זיין ענגלישע שפּראַך איז עהנליך צו אַן איבערזעצונג פון א פרעמדער שפּראַך; ער האָט קיינמאָל ניט דערגרייכט קיין שאָטען פון פּאָפּולאַריטעט, און אויף זיין מזל איז קיינמאָל ניט אויסגעפאַלען קיין איינציגער ליטעראַרישער טריאומף. א צעהן יאָהר פאַר זיין טויט האָט מען אָנגעהויבען פון איהם באַגייס־טערט ווערען, און פון 1870 אָן, האָט ער, ווירקליך, אָנגעהויבען האָבען אַן איינפלוס אויפ׳ן פּובליקום.

איבערגעהענדיג פון מאָר׳ען צו לענדאָר׳ען, דוכט זיך, גלייך ווי מיר וואָלטען פון קאָטשענדיגע וועלען איבערגעטראָטען אויף האַרטער ערד. לענדאָר׳ס הויפּט פאַרדיענסט באַשטעהט אין זיין מוטיגער פעסטקייט; ער הויבט זיך אויף הויך איבער זיין צייט, ווי א פּאָעט, נאָר נאָך גרעסער איז ער, ווי א מענש. מען לייענט איהם אַזוי ווייניג, אז ס׳איז זיך שווער פאָרצושטעלען, אז איינס פון זיינע ווערק זאָל זיין באַקאַנט דעם פּובליקום, און דיענען אַלס שטיצונגס־פּונקט אין דעם זכרון אָדער פאַנטאַזיע פון דעם לעזער אום צו אורטיילען וועגען איהם. דאַריבער איז זעהר שווער וועגען איהם צו שרייבען. זיין פעסטקייט איז באַשטאַנען, הויפּטזעכליך, אין דעם געפיהל פון זעלבסטווירדע וואָס שרעקט אָפּ א סך מענשען. ביי איהם, צ. ב., באַגעגענט מען אַזעלכע סאָרטען פראַזען: „דאָס וואָס איך שרייב איז ניט אָנגעשריבען אויף א טאַפעל מיט א גריפעל. און קיין פינגער, אַפילו דער פינגער פון דער צייט, איינגעטונקט

אין דער טיעפקייט פון די יאָהר־הונדערטע, וועט ניט זיין בכח דאָס צו פארניכטען. *)

אָדער אזא ענטפער צו די קריטיקער פון זיינע „אויסגעטראכטע געשפּרעכען“:

„איך האָב שוין אָנגעשריבען מעהר ווי א הונדערט פון די גע־שפרעכען; זאָל דער פארשטענדליכסטער פון דער גרויסער צאָהל פון מיינע קריטיקער נעהמען פון זיי צעהן פון די שוואכסטע און אזוי גוט ווי די, וועל איך איהם געבען א איבערבייסען פון הייסען פראנצויזישען ברויט און א האלבען קרוג פאָרטער“.

א מענשען פון א קלענערער באדייטונג וואָלט אזא גרויס־מוטיגקייט געמאכט פאר קאָמיש, נאָר לענדאָר׳ען מאכט עס ניט לעכערליך, און אָפטמאָל פאסט עס איהם אפילו. עס דערמאָהנט אין דער ענטצוימטער און פארלאנגטער זעלבסטווירדע ביי שאפּענ־הויער׳ן; דער אונטערשיעד איז נאכדעם, וואָס לענדאָר איז געווען און פארבליבען ביז צו לעצט א באריהמטער, גוט־ערצויגענער דזשענ־טעלמען פון אריסטאָקראַטישער אָפּשטאָמונג, ווערהענד שאפּענהויער מיט זיין פולער פאראכטונג צו די רעגעלען פון העפליכקייט איז געוועזן און פארבליבען אויף שטענדיג א גרויסער פלעבעי. ערטער־ווייז האָט לענדאָר מיט זיין גרויסער חכמה, מיט זיין אונאפּהענגיג־קייט, מיט זיינע ווערק דערמאָהנט אין נאָך א מענשען פון גאָר א גרויסען ראַנג, וועמעס נאמען ס׳איז צו גרויס, אז מען זאָל איהם אזוי דרך אגב׳דיג דערמאָהנען; כאָטש יענער שטעהט פיעל הע־כער פון לענדאָר׳ן אין חכמה, אָבער ס׳איז גאנץ מעגליך, אז ער וואָלט אליין איינגעוויליגט צו אנערקענען זיין גייסטיגע עהנליכקייט מיט איהם — איך מיין דעם איינזאמען און רויהען מיקעל אנזשעלאָ.

ס׳איז געווען עפּעס רויהעס אין זיין כאראקטער, עס האָט זיך געמערקט יענע רויהע שטרענגקייט, וואָס קומט אלס רעזולטאט פון ניט וואקלענדער פעסטקייט אין פולער גערעכטיגקייט צו זיך און צו יענעם. לייענט מען לענדאָר׳ס ווערק נאָך מאר׳ן פיהלט מען אין עפּעס א מין וואויל־טוענדיגע הארטקייט. דאָס ליעד „היפּערביאָן“

*) לענדאָר, „אויסגעטראכטע געשפּרעכען“.

און „העלעניקס" קען דיענען אלס גוטער ביישפּיעל פון לענדאָר'ס סטיל.

„היפּערביאָן איז געווען איינער פון אַפּאָלאָן'ס אויסגעקליבענע, און די מענשען האָבען אַ געוויסע צייט געפיהלט אַ יראת הכבוד צו איהם, און דורך איהם אויך צו גאָט. נאָר אנדערע מענשען האָבען אויך אַזוי הויך געזונגען און אָט האָט אַ מענגע פון קינדער מיט דער זעלבער קראַפט אָנגעהויבען זיי זינגען שבחים. היפּערביאָן, ווערענדיג אויפגעבראַכט אין אַזאַ מאָס, וואָס עס פּאַסט ניט קיין דיכטער, האָט זיך געווענדעט צו אַפּאָלאָן מיט אַ פראַגע: פאָטער! הערסטו די געשרייען פון די שקלאַפען דאָרט אויפ'ן פעלד, וואָס וואַגען זאָגען, אַז זיי קענען דיך פון דער צייט, וואָס דו האָסט געפי־טערט די ווייס־פעליגע אָקסען פון אדמעטא'ן?" — „איך הער! — האָט גאָט געענטפערט — „כאָפּ פון זיי אָן דעם ערשטען, וואָס פאַלט דיר אַריין אין די הענט און הויב איהם אויף איבער די מענשען'ס קעפּ. דאַמאלס וועלען זיי פאַר פרייד אָנהויבען זינגען פאַר דיין כבוד!"

איינגעשפּאַרט און שטאָלץ איז היפּערביאָן געווען; איך צוויי־פעל צו די לאָרבער־בלעטער אויף זיין שטערען וואָלטען איהם אָפּגע־קיהלט. דערפאַר ווען ער האָט דערהערט די שקלאַפען פאַר זיין טויער, און איייניגע פון דעם המון האָבען אָנגעהויבען אויפשרייבען אויף דער וואַנד דעם נאָמען פון זיין געגנער, האָט ער זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען און געכאַפּט דעם נידערטרעכטיגען זינגער, דעם פיהרער פון די שקלאַפען. דער לעצטער האָט זיך געוואָרפען און געריסען — אָבער אומזיסט. היפּערביאָן האָט איהם אַרומ־געכאַפּט מיט זיין קרעפטיגער האַנד און מיט דער לינקער האָט ער פאַרצויגען אַרום זיין האַלז, אַ שטריק, אויף וועלכען ס'איז שוין געווען אַ שלייף. דער שטריק האָט געוועהנליך געדיענט אום איינצוהאַלטען דאָס קאַלב ווען מען האָט געמאָלקען די מוטער, נאָר איצט זיינען די בהמה און דאָס קאַלב געווען אין פעלד, מיט אַלע כחות האָט היפּערביאָן מיטגעשלעפּט דעם אומגליקליכען און איהם אַרויפגעזעצט אויף אַ בוים, וואו ער איז אַ דערשטיקטער, אַנטשווי־גען געוואָרען, נאָר מיט אַ שטיקעל צייט שפּעטער האָט היפּערביאָן איינמאָל ביינאַכט דערזעהן דעם זינגער אין חלום. דאַמאַלס האָט

ער זיך געווענדעט צו גאָט מיט אַ געבעט, אַז ער זאָל איהם ערקלע־רען, צו ער איז ניט באַגאַנגען קיין פאַרברעכען מיט זיין האַנדלונג.

„דו האָסט ריכטיג געהאַנדעלט, היפּערביאָן, — האָט גאָט'ס שטימע זיך געלאָזט הערען, — ווי איך האָב זיך באַגאַנגען מיט מאַרס'ען איידער דו ביזט געוואָרען. נאָר בעסער וואָלט געווען, דו זאָלסט בעסער געווען פאַרשטעהען מיינע ווערטער, ווארום איצט וועט מען אָנהויבען אויף דיר אָנפאַלען מיט דעם אויסרייד, אַז דו האָסט פאַרלעצט דאָס געזעץ. מיין עצה איז באַשטאַנען אין דעם, אַז דו זאָלסט איהם דערהויבען אויף אַ הויכען אָרט אין דיין נשמה, אויף אַזאַ'ן אופן צייגען די הויכקייט פון דיין גייסט, דערטראָגענ־דיג איהם".

פאַרווירט איז דער זינגער געשטאַנען פאַר גאָט. נאָר פּעב האָט געזאָגט:

„זיי מוטיג, היפּערביאָן! אויב דער שטריק איז ניט אויסגע־ריבען אויף אַזוי פיעל, אַז ער זאָל ניט קענען איינהאַלטען דאָס קאַלב, איז דיין גרעסטע שולד נאָר דאָס, וואָס דו האָסט, ציהענדיג איהם, זעהר שטאַרק איינגעפּרעסט דעם אַלטען בוים, און די קאָרע פון דעם בוים ווערט קיינמאָל ניט פאַרהיילט".

זעלטען האָט אַפּאָלאָן זיך אַזוי שאַרף אויסגעדריקט וועגען דער מיטעלמעסיגקייט אין קונסט. לענדאָרס פאַראַכטונג צו'ן אַט דער מיטעלמעסיגקייט ליגט אין די ערנסטע קינסטלערישע פאָדע־רונגען, וואָס ער שטעלט זיך אַליין. ער איז דער שטרענגסטער סטיליסט אין דער ענגלישער פּראָזע. אַ סטיליסט ניט אין דער היגזיכט, וואָס ער האָט באַהערשט אַ זעלטענע שפּראַך ווי אַ וויר־טואָז — עס איז ניטאָ נאָך אַ ענגלישער דיכטער וואָס זאָל זיין וויינציגער בויגיג ווי ער, — נאָר אין דעם זין, וואָס ער האָט אַלע זיינע סוזשעטען, די איינפאַכסטע, ווי די ערהאַבענסטע, פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון דער געגענוואַרט אויסגעפיהרט אין'ם זעל־בען אַטטישען סטיל. אַ דאַנק זיין נייגונג צו אַלעם העלדישעם און גרויסעם, האָט ער אריינגעגעבען אין זיינע „געשפּרעכען" — די קונסט־פאָרם וואָס ער האָט פאָרגעצויגען — אַ דורכדרינגענדע רוהיגקייט און ערהאַבענקייט, און דאָס האָט ניט ווילענדיג געלעגט אַן איינענטליכען שטעמפּעל, אַ גריכישען — צוליעב דער געזונדער

שעהנקייט און א רוימיש־ענגלישען — צוליעב דער שטאָלצקייט און באַשטימטקייט. זיין סטיל איז ריין, ריכטיג, קורץ, און א דאַנק זיין אַטישען שטעמפעל. איז דאָס ווי געוואונשען צוגענגליך פאַר די סטודענטען, וואָס זיינען גענומען פון אלטען גריכענלאַנד און רוים. די אַטענישע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, דער רוימישער סענאַט און דער פאָרום לעבען אין זיינע „געשפרעכען" מיט׳ן לעבען פון זייער צייט. פאַרקעהרט, דער דיאַלאָג פון דער איצטיגער צייט גיט זיך איהם ניט איבערינס איין; די געשפרעכען פון דער נייער געשיכטע, געלינגען איהם נאָר דעמאָלט ווען די געשילדערטע לאַגע איז פון אַזאַ פאָרם, וואו לענדאָרס באהאַלטענע אומצופרידענהייט גיט צו דעם געשפרעך לעבען און פייער. ווער עס וויל זעהן לענדאָר׳ען אין זיין גאַנצער פרישקייט און זיין פולען גלאַנץ, זאָל לייענען זיין ראָמאַן אין בריעף־פאָרם „פעריקל און אספאַזיע", א ווערק פון דעם זעלבען פאָרם ווי ווילאַנד׳ס „אריסטיפּ", נאָר אָנגעשריבען אין א גאַנץ אנדער גייסט און סטיל. דאָרט ווי ווילאַנד איז תאווה׳דיג און קאָקעטיש, באַצויבערט לענדאָר מיט זיין צוציהענדער מוטיגקייט; דאָרט ווי ווילאַנד איז ווייך, אין לענדאָר שטאָלץ און איידעל; דאָס ווערק איז ניכער אויסגעקריצט פון א קונסט־קריצער, איידער אָנגעשריבען. פעריקעל ווערט באַזונגען ווי א רעפּובליקאַנישער טיפּ פון גרויסער הומאַניטעט און פּאָליטישער קלוגהייט; אספּאַזיא ווערט געמאָלען ניט ווי קיין העטערא, נאָר ווי א פאַרקערפּערונג פון דער העלענישער שענקייט און איידעלע געפיהלען, היידענשע ווייבליכקייט און פריידענקענדער אַטישער חכמה און בילדונג. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאָ איז ניט פאַראַן קיין שפור פון געוועהנ־ליכער קאָקעטסטווא, אַלץ וואָס איז קליינליך און אומווירדיג, ליגט אויסער דעם בוך און זיין מחבר. נאָר דאָס ווערק מאַכט מיעד מיט דער אַלטער און שטאַרק צוגעצויגענער בריעף־פאָרם, און דעם ווינ־ציגער געדולדיגען לעזער עצה איך בעסער נעהמען לענדאָר׳ס מייס־טערהאַפט ווערק — געשפרעך צווישען עפּיקורען, לעאָנטיאַנאַן און טעכניסאָיען. *)

אויב דער געשפרעך קען זיך ניט פאַרגלייכען מיט פּלאַטאָנ׳ס

*) Landor "works," V. 1, 499.

דיאלאָגען, איז נאָר אפשר אין דער אינהאַלטליכער טיעפקייט, גאָר זיכער ניט אין דער שפּאַנונג, אין דער קינסטליכער כאַראַקטעריסטיק און דעם נאַטירליכען דיאַלאָג. דער סימפּאַטישער פילאָסאָף פון די מיטעל־הונדערטע שפּאַצירט ארום חין און צוריק מיט צוויי יונגע, גריכישע מיידלעך און שמועסען וועגען קליינליכע, טעגליכע געשעהענישען און וועגען ערנסטע לעבענס־פּאַסירונגען ; עפּעס א ספּעציפישער גייסט פון אַטיציזם, א איידעלער און איינגעהאַלטענער געפיהל, א באַשיידענע און באַצויבערענדע גראַציע דרינגט דורך דער גאַנצער סצענע, און מעהר פון אלץ אין די קליינע שטריכען, מיט וועלכע די יונגע מיידלעך זיינען געשילדערט, צוממייסטען די זעכצעהניעהריגע, מיט'ן געמיש פון שעמעוודיגקייט און לעבענס־ווירדיגע אָפענהערציגקייט. דאָ האָט לענדאָר באַשאַפען א פּרויען פענדאַנט צו פּלאַטאָנ'ס יונגען־מאַן ; ער האָט ענטדעקט די גריכישע יונגע מיידעל, וועלכער פּלאַטאָן האָט קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט און וועלכע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט נאָר א טראַגעדיע אין דער פייערליכער און דערהויבענער אומגעבונג, און נאָר איהרע אויסערליכע קאָנטורען זיינען פאַר אונז פאַרבליבען אין פּראַכטפולע רעליעפען. ווער עס וועט וועלען נאָכפאָלגען נאָכ'ן גאַנג פון דיזען געשפּרעך, וועט זיין באַלוינט פאַר זיין טרחה. ער הויבט זיך אָן מיט א וואונדערבאַרער באַשרייבונג פון דער נאַטור און באַזינגען די איינזאַמקייט, וואָס איז נויטיג פאַר די, וואָס ווילען לעבען און שאַפען גייסטיגעס, און שוין דאָ, אונטער דער פיגור פון עפּיקורען טרעטען ארויס שטריכען פון לענדאָר'ען אליין, וואָס האָט געהאַט אַזאַ דראַנג צום איינזאַמען לעבען, ווייט פון דעם רעש און טומעל פון דער אויסען־וועלט. (זעהט דעם אריינפיהר צום דיאלאָג 57, סאָרעטעי און לענדאָר).

עפּיקור פיהרט זיין געשפּרעך אין א הומאָריסטישען טאָן מיט טערניסען, די אינגערע מיידעל, וועגען דעם, ווי אַזוי מען דאַרף פאַרשטעהען דעם מיף וועגען באַרעי, זעט און קאַלעי צי אין בוכשטעבליכען זין אָדער ניט, וועהרענד די עלטערע, ליאָנטיאָנאַ, שמייכעלט אונטער פון טערניסעס לייכטגלויביגקייט. דערנאָך, ווען דער געשפּרעך דרעהט זיך אַביסעל אין א שפּילעוודיגען טאָן ארום די אליוו בוימער וואָס מען האָט ערשט געבראַכט, און דעם פרישען

וויינטרויב־צווייג, געהט ער איבער אין א טיעפזיניגען שמועס ווע־גען דער שרעק פון טויט, און די יונגע מיידלעך ווערען באגייסטערט פון עפיקורסעם ווירדיגער מוטיגקייט, און פיהלען א פערדראָס אויף די, וואָס פאַרפאָלגען און באַפלעקען איהם פאַר זיין אַטעאיזם. דערנאָך ציינט זיך ארויס, אַז ליאָנטיאַנא האָט אָנגעשריבען א גאַנצען העפט, פאַרטיידיגענדיג עפּיקורס׳ען געגען טעאָפראַסטאַ׳ס אָנפאַ־לען. עפּיקור וויל איהר איבערציינען מיט אַן ענו׳דיגער גרויסמוט, ווי נוצלאָז אַזאַ פאַרטיידיגונג איז געגען די אָנפאַלען אויף איהם און ער ערקלעהרט איהר פאַר וואָס ער האָט פּערזענליך קיינמאָל ניט געוואָלט אָנפאַנגען א שטרייט און ניט קאָנקורירען מיט קיינעם.

„איך וואָלט ניט געוואָלט אריינטרעטען אין קאַמף אפילו מיט מענער, וואָס זיינען פעהיג אָנפאַנגען א קאַמף מיט מיר... מיט וועמען זאָל איך שטרייטען? מיט שוואַכע? דאָס וואָלט געווען שאַנדהאַפט. מיט שטאַרקערע, דאָס וואָלט געווען נוצלאָז“.

ווידער קוקט דורך די ווערטער ארויס דאָס געזיכט פון לענ־דאָר׳ן אליין; אָט דער געדאַנקען־גאַנג האָט איהם געצוואונגען עטליכע יאָהר פאַר זיין טויט צושרייבען צו זיין לעצטען בוך אַן עפיגראַף מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„איך האָב מיט קיינעם ניט באַשטריטען, דערפאַר וואָס קיינער איז ניט ווערטה געווען, אַז איך זאָל מיט איהם שטרייטען; איך האָב ליעב געהאַט די נאַטור, און נאָך איהר — די קונסט; איך האָב געוואַרימט ביידע הענט ביי דעם פייער פון דעם לעבען: ער צאַנקט, און איך בין גרייט צום אָבפאָהר“.

די ערשטע שורה ענטהאַלט אין זיך אין איין צייט אי דאָס געשטענדניס, אי די רעכטפערטיגונג פאַר דעם אראַגאַנץ, וואָס די קליינע נשמות האָבען מיט שווערקייט איהם פאַרגעבען אָדער פאַר־טראַגען. די צווייטע שורה ערקלערט, וואָס עס איז געווען דער ערשטער געגענשטאַנד פון זיין פאָרשען און פון וואָס עס איז באַשטאַנען זיין צווייטער, וואָס האָט פאַרענדיגט דעם ערשטען, די דריטע שורה דריקט אויס די פילאָסאָפיע, וואָס האָט איהם אונ־טערגעהאַלטען און געשפּייזט זיין געדאַנק אין דער צייט פון אַזוי פיעל דורכפאַלען און ניט־אויפריכטיגקייטען, און די לעצטע ציינט איהם אונז דייטליך ווי ער איז באַוואָפענט מיט דער רוהיגער וויר־

דינקייט, וואָס שטימט מיט׳ן כאַראַקטער פון דעם מאַן, וואָס איז גרייט, ווען די שטונדע וועט שלאָגען, צונויפנעהמען זיין פארמעגען און אָפּטרעטען. דער פאַרגלייך צווישען די שורות און עפּעקור׳ס אויסדרוקען זיינען פשוט שטוינענד.

לעאָנטיאַנאַ זעצט פאַר דעם געשפּרעך:

„די אַלטע, זאָגט זי, זיינען אַלע געגען אייך, ווארום דאָס ווארט אַליין, — די פילאָסאָפיע פון גליק — קוקט אויס ווי אַן ארויסרוף וואָס איז געווענדעט צו זיי. זיי ווייסען ניט פון קיין אנדערע פארגעניגען, אויסער די, וואָס עס האָבען שוין געגעבען די בלומען און די קערנער און די פארוועלקטע שטיינגלען, וואָס האָבען א טרויעריג אויסזעהן. דאָס, וואָס מיר רופען אַן טרוקען, רופען זיי אַן געזונד; קיין זאַך דארף ניט פארהאַלטען אין זיך דעם זאַפט; זיי באַקומען א פארגעניגען איבערקייענדיג דאָס וואָס איז האַרט און האָבען ניט קיין הנאה פון דעם, וואָס איז זאַפטיג און געשמאַקפול“.

לעאָנדאָר, וועלכער האָט נאָך פון בייראָנען אויסגעהערט א פאַר־וואורף פאַר דער פריוואַליטעט פון זיינע ליעדער, פיהרט אויס גאַנץ קלאָר (אַזוי ווי סטיואַרט מילל האָט אביסעל שפּעטער געטאָן מיט זיין מאָראַל) די פילאָסאָפיע פון גליק, וואָס ער פּרעדיגט פון דעם הייד עפּיקור.

דערווייל געהט דער געשפּרעך איבער פון איין זאַך אויף דער צווייטער, אָט שטעלט ער זיך אָפּ אויף דער רויטקייט, וואָס האָט באַדעקט טערניסעס באַקען, ווען מען האָט דערמאָנט וועגען די סטאַטועס פון די סאַטירען און די בלומען אין די באָדע־צימערען, אָט אויף די ריין ווייבליכע באַמערקונגען פון לעאָנטיאַנען געגען אַריס־טאָטלען און טעאָפראַסטען, ביז וואַנען ער שליסט זיך ענדליך אויף דעם ריין־גריכישען, עראָטישען און עפּיקורישען אופן ווי עפּיקור און טעכנים שטעלען פאַר די סצענעס צווישען פעלעע און פעטידען מיט׳ן געגענזייטיגען קוש.

אין דעם דיאַלאָג שטעהט לעאָנדאָר אויף דער הויכקייט פון זיין קונסט און זיין רוהיגען הומאַניזם. אויב מיר ווילען זיך איצט אומקעהרען צו די געשפּרעכען וועגען דער איצטיגער צייט, ווילען מיר אין איהם זעהן א סאָלדאַט, א באַוואָפענטען קעמפער, א שרייבער, וואָס איז שטענדיג גרייט צום שטרייטען, וועלכער אין טויזענ־

דער פארשידענערליי אופנים פאלט אַן אויף יעדער פאָרם פון ליגען און אונטערדריקונג, וואָס ערוועקט אין איהם א ניט־צופרידענהייט אין זיין ראָל, אַלס הייד, רעפובליקאַנער און פילאַנטראָפ. זיינע 125 „אויסגעטראַפטע געשפּרעכען" וואָס ווערען געפיהרט מיט א שטוינענדער געלערזאמקייט, כאַפּען ארום דעם גאנצען ערד־קוגעל, פון לאָנדאָן ביז קיטאַי, פון פאַריז ביז די אינזלען פון דעם דרום־ים, און געהט דורך דער גאנצער געשיכטע פון ציצעראָן ביז באַסיועטאָן, פון קראָמוועל'ן ביז פעטראַרקא, פון טאַססאָן ביז טאַילעראַנען, אום אין יעדען לאַנד און אין יעדען יאָהר־הונדערט זאָל ער קענען מאַכען שאַרפע אויסדרוקען געגען טיראַניי און זאָגען א שווערד־שאַרף וואָרט פאַר פרייהייט. מיר הערען דאָס געהיימע געשפּרעך פון קאַטארינאַ דער רוסישער קייזערין, מיט איהר הויף־דאַמע, אין דער צייט, ווען איהר מאַן ווערט ערמאָרדעט. מיר הערען ווי לודוויג דער 18טער פיהרט א געשפּרעך וועגען פאָליטיק מיט'ן קלוגען טאָלעראַנען, און ער מאַכט א באַמערקונג, ווי דורך די פאָליטישע פּלענער פון דעם בורבאָנישען קעניג געהט דורך ווי א רויטער פאָדעם זיין אומבאַזיג־באַרע ליידענשאַפט צו פאַזאַנען און פאַזאַנישע אייער. מיר זעהען דעם גענעראַל קלעבער צווישען זיינע אָפיצירען אין עגיפּטען און מיר הערען, ווי אויפגעבראַכט זיי זיינען געגען באָנאַפּאַרטס פיינד־שאַפט צו פרייהייט. מיר זעהען די ערמאָרדונג פון קאָצעבו און עס הערט זיך פון זאנדעס ליפען זיין פאַרטיידיגען זיך, וואָס ער באַגרינ־דעט דאַרויף, אז ער האָט געוואָלט איבעררעדען קאָצעבו'ן ער זאָל פאַרלאָזען דעם וועג, אויף וועלכען ער האָט זיך געלאָזט געהן.

עס איז געווען א זאַץ אין לענדאָר'ס פּאָליטישען קאַטאָכיזם: דער אונטערדריקער מוז פאַלען דורך'ן שווערד. לענדאָר איז געווען באַפריינדעט מיט די גרויסע אייראָפּעאישע רעוואָלוציאָנערען, וואָס האָבען מיט מאַדזיניון אַן דער שפּיץ געשוואָרען אייביגע פיינדשאַפט צו די אונטערדריקער פון די פעלקער. ניט נאָר אַלס פאָליטיקער איז ער אריבער איבער זיין ציעל. נאָר די גרעסטע צאָהל פון זיינע היסטאָרישע געשפּרעכען ליידען עסטעטיש פון דער קלאָר אויסגע־שפּראָכענער טענדענץ: זעהסט יעדע מינוט ווי דער דיכטער שטעקט ארויס דעם קאָפּ. ווען ער שילדערט, למשל, קאַטארינאַ פון רוסלאַנד אין יענעם מורא'דיגען אויגענבליק, קען ער זיך ניט

צוריקהאַלטען און באַנוצט די געלעגענהייט אונז צו ווייזען דורך דער גרעפין דאשקאָף די גאָטלאָזינקייט פון וואָלטער און די אונמאָראַליטעט פון זיין „פוסצעלע“ אום אויף אַזאַ’ן אופן צו באַווייזען דעם לעזער דעם שלעכטען איינפלוס פון’ם פראַנצויזישען גייסט אין רוסלאַנד. איבערגעבענדיג צ. ב., דעם געשפּרעך צווישען לודוויג דעם 18טען און טעלעראַנען, קען ער זיך ניט צוריקהאַלטען פון צו מאַכען די סאַטירע אַזוי בלוטיג, לודוויג’ס נאַרישקייטען אַזוי נידעריג, טאַלעראַנס באַציהונג צו זיין הערשער אַזוי איראָניש, אַז דער לעזער קען קיין פאַל ניט גלויבען אין דעם היסטאָרישען אמת פון דער ערצעהלונג, לענדאָר פיהלט אַן אונווידערשטעהליכען פאַרלאַנג צו הערען ווי אַזוי מען לויבט די ענגלענדער און וועלינגטאָנען; ער וויל דורכאויס נאָר קלאָר באַווייזען אַז לודוויג דער 18טער איז אַ טויגעניכטס און ער טוט עס אַזוי ניט צוריקהאַלטענד, וואָס איינצייטיג לעגט ער אריין אין מויל פון דעם קלוגען פראַנצויזישען הויף־מאַן אַ לויב־געזאַנגען פאַר ענגלאַנד, אַ אַפּשפּעטעניישען פון לודוויג’ן.

ער האָט געקענט פיעל לערנען צו געברויכען ; סאַטירישען שווערד ביי די פון איהם פאַרהאַסטע פראַנצויזען. נאָר ער האָט אין דערזעלבער מאָס פאַרהאַסט זייער פּאָליטיק ווי זייער פּאָעזיע, און אין דעם זעלבען גראַד געהאַסט וואָלטערען אַלס פּערזענליכקייט ווי אַלס פּאָעט. זיין אייגענער געשפּרעך מיט’ן אבאַט דעליל צייגט אונז איהם אין דער ראָל פון אַ קריטיקער פון דער פראַנצויזישער טראַגעדיע, וואָס רעדט נאָך מיט אַ מעהר בייזען טאָן ווי לעסינג, און גלייך ווי לעסינג, ווייזט ער אַרויס זיין גאַנצע אומפאַרשטענדליכקייט פון די גרויסע סטיליסטישע פאַרדינסטען פון די פראַנצויזישע שרייבער. אַ שרעקליכען איינדרוק באַקומסטו, ווען דו הערסט ווי אַ שרייבער מיט דער גרעסטער גראָבקייט טאַדעלט אַ וויטען פאַר זיין איבעריגער שעהנקייט.

פאַרשטעהט זיך, אַז מיט אַזעלכע בליקען אויף דער פסעוודאָ־קלאַסישער פראַנצויזישער פּאָעזיע האָט ער זיך באַצויגען מיט דער גרעסטער גלייכגילטיגקייט צו פּאָפּאַ’ן, און איז געווען אַ ליידענשאַפטליכער אַנהענגער פון מילטאָנען, און איז עפּענטליך געווען גע־

נייגט צו די רעפאָרמען, וואָס וואָרדסוואָרט האָט איינגעפיהרט אין דער ענגלישער פּאָעזיע. כמעט אַלע היסטאָריש־ליטעראַרישע און קריטישע שמועסען, וואָס באַגעגענען זיך אין די דיאַלאָגען, לויבען וואָרדסוואָרטען און סאוטין, אַלס פּאָעטען, און ער מאַכט פּאָרווירפען צו די לעזער פאַר זייער וועניגען פאַרשטעהן פון אַזאַ זעלטענער פּאָעזיע.*) לענדאָר לויבט אויך אין די וואַרימסטע אויסדריקען קיטסען און שעלין און ער באַדויערט, וואָס ער האָט זיי פּערזענליך נישט געקאָנט: אַזוי האָט דער פאַלשער קלאַנג וועגען שעלי׳ס באַציהונג צו זיין ערשטער פרוי איהם אָפּגעהאַלטען צו באַזוכען דעם ענגלישען דיכטער אין פּיזאַ. ער זאָגט וועגען שעלין, אַז ער באַהעפט אין זיך דאָס פייער פון אַ דיכטער מיט דעם געדולד פון אַ פילאָסאָף און געפינט אויס, אַז שעלי מיט זיין גרויסמוטיגקייט און וואָהלטעטיגקייט שטייגט אַריבער אַלע זיינע צייט־גענאָסען. (1, 341) נאָר ווען דער געשפּרעך פאַרגעהט וועגען באַיראָנען הויבט לענדאָר אָן זיך אויסצודריקען פּונקט ווי אַ פּאָעט פון דער ים־שולע. דער מענש, וואָס דענקט „אַז ער מיט דער פען אין דער האַנד פאַרמאָגט מעהר מאַכט אין זיינע צוויי פינגער ווי עס פאַרמאָגען ביידע פּאַלאַטעס פון׳ם פּאַרלאַמענט״**) האָט קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרגעסען בייראָן׳ס אָפּשפּעטען פון „געביר״. פּונקט אַזוי, האָט ער, נישט קוקענדיג אויף דעם אונטערשייד אין די פּאָליטישע און רעליגיעזע מיינונגען, זיך שטענדיג באַצויגען מיט דער צערטליכסטער פריינדשאַפט צו סאוטין, און דעריבער האָט ער נישט געקאָנט פאַרגעסען די קלעפּ וואָס באַיראָן האָט געגעבען זיין פון איהם אַליין פאַרעהרטען פאַרעהרער. פאַרשטעהט דאָך, אַז די עגאָאיסטישע און אומרוהיגע זייט פון באַיראָן׳ס כאַראַקטער האָט אָפּשטויסענד געווירקט אויף לענדאָרען, נאָר מעהר פון אַלץ האָט אויף איהם געווירקט די פריינדשאַפט מיט סאוטין; זי האָט איהם בלינד געמאַכט צו באַיראָנ׳ס בעסטע מעלות. אין אַלגעמיין, קען מען זאָגען,

*) זעהט צ. ב. דער דיאַלאָג „סאוטי און פּאָרסאָן״, 1, 16, 1, 68. פאַרגלייכט 1, 340 און דער בליק אויף די ענגלישע פּאָעטען אין "Miscellaneous." CXVI.

**) זעהט די ענדע פון׳ם דיאַלאָג צווישען לענדאָרען און דעם מאַרקיז פּאַלאַווועטשין.

אז סאוטי האָט קאַליע געמאכט לענדאָר׳ס לעבען, און די צוציוגענע, ניט גוט־לייענבארע פּאָסטער׳ס ביאָגראַפיע פון איהם איז נאָך מעהר אונלעזבאַר דערפאַר, וואָס די בריעף פון אזא ניט אינטערעסאַנטער פּערזענליכקייט ווי סאוטי און די ענטפערס אויף זיי פאַרנעהמען דאָרט פאַרהעלטניסמעסיג א זעהר גרויסען פּלאַץ*) נאָר אין לענדאָר׳ס אויגען איז סאוטי געווען א גרויסע אָדער יעדענפאַלס א זעלטענע גוטסקייט: ער איז געווען איינער פון די צוויי, וואָס האָ־בען די ערשטע איבערגעלייענט און געקויפט דאָס געדיכט „געביר", ווי נאָר ס׳איז ערשינען. דע־קווינסי, וואָס איז געווען דער צוויי־טער, דערצעהלט, אז אין דער יוגענד פלעגט מען אויף איהם טייטען מיט די פינגער אויף די גאַסען פון אקספּארד, ווי אויפ׳ן איינציגען לעזער פון דער ליעד. פון דעם איז פאַרשטענדליך, וואָס וועגען סאוטין, וואָס האָט איהם ניט נאָר געקויפט און איבערגעלייענט, נאָר אויך געלויבט, און שפּעטער אין דער „קוואַרטערלי רעוויו" האָט ער זיך מיט לויב אָפּגערופען אויף דעם ווייט ניט געלונגענעם לענ־דאָר׳ס ווערק „גראַף יוליאַן", דאַרף דענקען דער דיכטער, וואָס איז, ווי עס זעהט אויס, ווינציג געניינט צו באַשיידענהייט, ווי וועגען א מענשען מיט אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען".

דאָך איז „געביר" מיט זיין גאַנצען רעפּובליקאַניזם א שלעכט, נאַריש אָנגעשריבען ווערק, וואָס האָט די זעהבארע סמנים פון זיין ערשטען אורשפּרונג, נעמליך: דער אָריגענעלער, מיט די מערק־ווירדיגע איינפאַלען, מחבר פון „געביר" האָט עס צוערשט אָנגעשרי־בען אין לאַטיין. לענדאָר׳ס ליעדער זיינען שטענדיג געווען אָנגעצ־הויבט מיט׳ן לאַטיינישען גייסט. אפילו גאָסע, וואָס איז ענטציקט פון זיי, קען ניט אָנערקענען, אז דער כאראקטער פון לענדאָר׳ס ליעדער, גלייך ווי דער טעם פון אַליווען, איז געגוג אונגעוועהנליך און עס מוז ניט זיין קיין צייכען פון אַפעקטאַציע אויב אימיצער זאָגט, אז זיי געפעלען איהם ניט. זיין שטאַרקייט דאַרף געזוכט ווערען אין דער פּראָזא.

נאָר דער דיכטער, וועמענס ליעדער עס פעהלט די שעהנקייט פון אויסדרוק און לירישער שוואונג, וועמעס דראַמען מען האָט ניט

*) דזשאַן פאָרסטער „דאָס לעבען פון לענדאָרען" צווייטער טייל.

געלייענט און מען האָט אויף דער ביהנע ניט אויפגעפיהרט, דער דיכטער, וואָס האָט פון אלע ליטעראַרישע און היסטאָרישע געביעטען געפונען אַ צוגענגליכע אַרענא פאר זיין טעטיגקייט נאָר אין פּראָזאַאישען דיאַלאָג, וואָס איז ניט פאַרבונדען מיט קיין דראַמאַטישען ווערק האָט ניט געקאָנט, ניט קוקענדיג אויף דער גאַנצער שאַרפקייט פון זיין ראַדיקאַליזם, און אויף דער ערליכקייט פון זיינע מיינונגען, באַשאַפען אַ ליבעראַלע איבערקעהרעניש אין דער געזעלשאַפטליכער מיינונג פון אייראָפּא. ער האָט פון זיך אָפּגעשטויסען מיט זיינע זאָנדערבאַרע איינפאַלען; ער האָט, אַ שטייגער, פאַרטיידיגט נעראָנען מיט זיין וועלען פאַרברענען רוים, רעכטפערטיגענדיג איהם, אַז דאָס איז געווען אַ היגיענישע אונטערנעהמונג; ער האָט פיטטאַן אָנגערופען מיטעלמעסיגקייט, און פאָקסען — שאַרלאַטאַן; נאָר מעהר פון אַלץ האָט ער זיך סקאַנדאַליזירט דערמיט וואָס ער האָט גע'עצה'ט די גריקען אין זייערע שלאַכטען מיט די טערקען וואַרפען פייערשפייענדע באָמבעס און זיך אומקעהרען צו דעם אַלטען געוועהר — פיילען־בויגענס. ער איז געווען זעהר אָריגינעל און אין זיך פאַרשלאָסען אום ער זאָל זיך קענען ערווערבען נאַכפאָלגערס און פאַרעהרער; ער איז געווען אין דער מאַסע, דערפאַר איז ער ביז'ן סוף פון זיין לעבען פאַרבליבען ניט צוגענגליך, פאַר זיינע טוגענדען, ווי פאַר זיינע חסרונות, פאַר זיין האסטיגער געוואַגטקייט, ווי פאַר זיין אונמעסיגער גרויסהאַלטונג. און אויב ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט, ווי מאָר, זיך צופאַסען צו די עקזיסטירענדע אומשטענדען, האָט קיינמאָל ניט געקענט ווערען דער דיכטער פון די מאַסען, האָט ער אויך אין דער זעלבער צייט ניט געהאַט גענוג קרעפטען איינצוויקלען זיין ראַדיקאַליזם אין אַזאַ פּאָעטישען הייטעל אַז ער זאָל נאַכציהען נאָך זיך די לעזער־וועלט. מיט זיין טיעפען פאַרשטעהן די גרויסע באַוועגונגען פון דער נייער צייט אין רעליגיעזער, פּאָליטישער און געזעלשאַפטליכער באַציהונגען, באַלאַנגט ער צו דער זעלבער גרופּע וואָס זיינע צוויי יונגערע פון איהם, אָבער גרעסערע צייט־גענאָסען: שעלי און באַיראָן. ער האָט שטענדיג געדיענט דער אידעע ווי אַ געוואַגטער און שטאָלצער רעפּובליקאַנישער סאָלדאַט. נאָר ער איז ניט געווען באַשאַפען פאַר דער ראָלע פון אַ קאָמאַנדיר און האָט קיינמאָל ניט געקאָנט באַאיינ־

פלוסען און עלעקטריזירען די מענשען, וואָס האָבען דיזעלבע באַגריפען ווי ער האָט געהאט *).

לענדאָר, דער עלטסטער פון די דריי ליבעראַלע פארטריבענע, האָט איבערגעלעבט די איבעריגע צוויי און האָט געלעבט אזוי לאַנג, אַז ער איז געוואָרען דער צייט־גענאָסע פון דעם יונגערען דור פון די ענגלישע דיכטער; בראונינג איז געוועזען זיין פריינד, די צאַרטע פאַרעהרונג פון סווינבורען האָבען פארזיסט די לעצטע יאָהרען פון דעם אַלטען, וועמען דער יונגער דיכטער האָט אין ווארימע אויסדרוקען געווידמעט זיין „אטלאנטא“. אזוי האָט זיין גרויסען שאַטען, האַלטענדיג פאַר איין האנד ווארדסוואָרטען און פאַר דער צווייטער סווינבורנען, ארומגענומען די גאנצע פּאָעטישע ענטוויקלונג פון ענגלאַנד אין דער פעריאָדע פון ניט ווינציגער פון אכציג יאָהר.

*) די בראָשורע, וואָס ער האָט ארויסגעלאָזען אין יאָהר 1836 „די בריעף פון אַ קאָנסערוואַטאָר, וואָס ווייזען אַז די עקזיסטירענדע מיטלען אויף צו ראַטעווען דאָס, וואָס איז געבליבען פון דער ענגלישער קירכע“, האָט קיין איינדרוק ניט געמאַכט

.16
דער ראַדיקאַלער נאַטוראַליזם.

ווען מען זאָל אין יאָהר 1820 פרעגען ביי א באַלעזענדען ענגלענדער: „ווער איז שעלי?" — איז אָדער ער וואָלט גאָר ניט געקאָנט ענטפערען, אָדער ער וואָלט זיכער געזאָגט פאָלגענדעס:

— דאָס מוז זיין עפּעס א שלעכטער דיכטער מיט אבשייליכע אַנזיכטען, אַ מענש מיט מעהר ווי א צווייפעלהאפטען כאראקטער.

— די „קוואָרטערלי רעוויו", אַ זשורנאל, וואָס פארנעהמט זיך ניט אין אַלגעמיין מיט רכילות'ן, זאָגט וועגען איהם, אַז זיין לעבען שטעלט מיט זיך פאָר א „צונויפשמעלץ פון נידעריגער גרויסהאלטונג, קאלטען עגאָאיזם און אוממענשליכער גרויזאמקייט" און דער גרונד־שטריך פון זיין פּאָעזיע איז די אַבסאָלוטע גדאנקלאָזיגקייט, ער האָט ניט לאנג אַרויסגעלאָזט א דראַמע „פּראָמעטעאוס", אין וועלכען די ליעדער, ווי דער זשורנאל זאָגט, שטעלען מיט זיך פאָר א מעלאנכאָליש־פאַרקריפּעלטע פּראָזע, און די גאנצע פּרעס איז דערמיט איינשטימיג. די „ליטערערי גאזעט" שרייבט וועגען בוך, אַז די לעזער וואָלטען געקאָנט דענקען, אַז דער מחבר איז אַזוי וואַהנזיניג, אויף וויפיעל זיינע גרונד־פּרינציפּען זיינען לעבערליך, ווארום זיין פּאָעזיע איז א צונויפמישעכץ פון פּלאפּלערייען, נאַרישקייטען, גייסטיגע אָרימקייט און פּעדאנטעריע. ווייטער שרייבט זיך: „דאָס איז א אונזיניגע פּלאַפּלעריי פון א היציגען פּאנטאַזיאָר. גאנץ מעגליך, אַז דער קריטיקער וואָלט שטילערהייד צוגעגעבען: „אַ סך שלעכטע קלאנגען טראָגען זיך וועגען איהם". די „ליטערערי גאזעט" וואָס האָט זיך שטענדיג זעהר שטרענג באַצויגען צו די פיינד פון רעליגיע, גיט עפּעס ווי אָנצוהערענישען וועגען בלוט־שאַנדע:

„פאַר אזא מענשען וואָלט געווען גאַנץ נאַטירליך אוועק'גנב'ע־נען פון א בכבוד'ן פּאַטער זיין טאָכטער און לעבען אין בלוט־שענד־ליכער באַציהונג מיט אַלע מיטגלידער פון דער משפחה, וועמעס מאָראַל איז געזונקען געוואָרען, א דאַנק דער אבשייליכער סאַפּיס־טיק פון דעם פאַרפיהרער".

אויב דיזע אויסדרוקען זיינען איצט אַביסעל שאַרף, קען מען זיך קוים פאָרשטעלען, אז זיי זאָלען זיין ניט קיין פּאַרדיענטע, ווארום דער „בלעקוואוד מעגעזין", דער איינציגער זשורנאַל, וואָס האָט אין א געוויסען זין שוין גוט באַהאַנדעלט דעם דיכטער, זאָגט וועגען זיין „פּראָמעטעאוס", אז „מען קען זיך ניט פאָרשטעלען קיין מעהר פאַרפעסטעטען אויסמיש פון גאָטס־לעסטערונג, שטורעמדיגען גייסט און זינליכקייט", — און איהר האָט דאָך זיכער געהערט טעאָדאָר נוק'ס שאַרפזיניגע באַמערקונג וועגען דעם בוך: „א צעלאָזטער פּראָמעטעאוס" — א גוטער נאָמען: — „ווארום ווער וואָלט איהם געוואָלט שמיעדען!"

צוויי יאָהר שפּעטער, ווען אַט דער דיכטער, וועמען מען האָט אזוי שטרענג ארונטערגעריסען איז געשטאָרבען, אויב אימיצער זאָל זיך געווען וועגדען צו זיין פאַרלעגער מיט דער פראַגע, צי עס זיינען פאַראַן א סך קויפער פון זיינע פּאָעטישע ווערק, אויף וועלכע מען איז אזוי אָנגעפאַלען, וואָלט דער ארויסגעבער זיך זיכער אָנגע־הויבען באַקלאָגען אויפ'ן שלעכטען אויסגאַנג פון זיין אונטערנעה־מונג און וואָלט דעם פראַגער געענטפערט, אז ביי שעלי'ס לעבען איז ניט פאַרקויפט געוואָרען אפילו קיין הונדערט עקזעמפּלאַרען פון איינעם פון זיינע ווערק. (מיט דער אויסנאַהמע פון „קעניגין מעב" און „טשענטשי") און וועגען „אדאָנאַיסען" און „עפּיפּסיכידיאָנאַ" קען בען באַהויפּטען, אז זיי זיינען ניט פאַרקויפט געוואָרען אפילו אין א צאָהל פון 10 עקזעמפּלאַרען.

ווי אַנדערש וואָלט אָבער געקלינגען דער ענטפער, ווען אימי־צער טוט א פראַגע איצט, ווער איז שעלי — נאָר איצט איז אין ענגלאַנד ניטאָ קיין איינציגער, וואָס זאָל שטעלען אזא פראַגע.

דעם 4טען אויגוסט 1792, איז געבאָרען געוואָרען ענגלאַנד'ס גרעסטער ליריקער אין דעם זעלבען טאָג, ווען אין פּאַריז האָבען די אנפיהרער פון דער רעוואָלוציע — סאַנטער, קאַמיל, דעמולען און

אַנדערע — זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַ באַראַטונג אין אַ הויז אויף׳ן בולוואַר, אום אָנצונעהמען באַשלוסען, וואָס האָבען מיט עטליכע טעג שפּעטער געפיהרט צום פאַלען פון דער קעניגליכער מאַכט אין פראַנקרייך, איז געבאָרען געוואָרען אין פיעלד־פּליים (סוסעקס, ענגלאַנד) אַ שעהן אינגעלע מיט טונקעל־בלויע אויגען, וועמעס לעבען עס האָט געהאַט אַ גרעסערע באַדייטונג פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענשהייט, ווי אַלץ, וואָס איז געשעהן אין פראַנקרייך אין אויגוסט פון דעם יאָהר 1792. זיין נאָמען איז געוועזען — אין 30 יאָהר אַרום — אויסגעקריצט אויף אַ קבר־שטיין אויף׳ן פּראָטעסטאַנטישען בית עולם אין רוים, וואו ער איז באַגראָבען: „פּערסי ביש שעלי“ — און צו דער אויפשריפט זיינען צוגעגעבען דיזע ווערטער: ק אָ ר ק אָ ר ד י ו ם.

קאָר קאָרדיום — דאָס האַרץ פון הערצער — אַזוי איז דאָס פּשוט׳ע און טיעפע וואָרט, מיט וואָס שעלי׳ס יונגע ווייב האָט פאַר־קערפּערט דעם באַגריף וועגען זיין פּערזענליכקייט, — דאָס אמת׳ע און טיעפסטע וואָרט, וואָס האָט געקאָנט געזאָגט ווערען וועגען איהם.

ער שטאַמט פון אַן אַלטער אַדעליגער פאַמיליע, וואָס האָט פאַרנומען אַ אָנגעזעהענעם געזעלשאַפטליכען אָרט. זיין פאָטער איז געוועזען אַ באַראָנעט, מיט אַ גרויס פאַרמעגען, אַ באַגרעניצטער מענש, אַ אָנהענגער פון אַלעם, נאָר דערפאַר וואָס עס עקזיסטירט. נאָר די אונרעגעלמעסיגקייט פון דעם לעבען איז געוועזען טראַדיציאָנעל אין שעלי׳ס פאַמיליע, ווי די אויסגעלאַסענקייט און ליידענשאַפט צו געוואַלט אין באַיראָנ׳ס פאַמיליע. שעלי׳ס זיידע, אַ אונרוהיגער און עקזעלטערטער מענש, האָט פאַרפיהרט דריי פרויען און צוויי פון זיינע טעכטער זיינען אויך פאַרפיהרט געוואָרען, — שטריכען, וואָס דערמאָנט זיך, ווען דו לייענסט די ביאָגראַפיע פון זיין אייניקעל וועגען פאַרשיעדענע פּאַסירונגען אין זיין לעבען, אַזוי אויך ווען מען דערוואוסט זיך וועגען באַיראָנס פיעל אויפטואונגען, דערמאָנ־סט זיך וויפיעל אונפאַרצוימטע ליידענשאַפט ס׳איז צו איהם איבער־געגאַנגען פון דעם פאָטער׳ס אָדער דער מוטער׳ס זייט. נאָר די אונרעגעלמעסיגקייט אין לעבען שטעלען פאַר מיט זיך נאָר די אויסערליכע און ווייניג באַדייטענדע זייט פון באַיראָנ׳ס עקזיסטענץ

און נאַטור. עס איז דער אימפּעטאַם פון יענער טיעפער עמפּינדליכ־קייט און געפיהלפולקייט וואָס ערשיטערען דעם פאָרשער פון זיין לעבען נאָך אין דער פריהער יוגענד. זייענדיג אַליין אונטערוואַר־פען די שלעכטע באַציהונגען אין שולע, האָט איהם אויפגעקאָכט דאָס שלעכטע פערהאַלטען, וואָס די קלענערע און שוואַכערע שילער האָבען איבערגעטראָגען פון די עלטערע שילער און לערער. קיינער, ווייזט אויס, איז ניט געווען מעהר ווי ער צוגעגרייט צו זיין אַ קרבן פון די גראָבע אָנפאַלען, ווי אין אַלגעמיין פון יענע אַלע גראָב־קייטען, וואָס האָבען איהם דערנאָך אָנגעטראָפען אויף זיין לעבען; דערפאַר וואָס די גאַנצע נידערטרעכטיגקייט, נאַרישקייט און שמו־ציגקייט איז שטענדיג געווען ווייט פון איהם, און ער האָט זיך קיינמאָל ניט ערנידעריגט דערצו עפּעס צו טאָן אום זיך צו דעם אַלע־מען צוצופּאַסען.

מען קען באַקומען אַ קלאָרען באַגריף וועגען דעם איינדרוק, וואָס אָט דער ערשטער אריינטריט אין זיין לעבען האָט אויף איהם געמאַכט ווען מען לייענט איבער אַן אויסצוג וואָס מען האָט געפונען נאָך זיין טויט, אָפּגעשריבען אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער:

„אָך, ניט אַזוי האָב איך זיך פאָרגעשטעלט דאָס לעבען. אמת, איך האָב געגלויבט, אַז עס עקזיסטירען פּארברעכענס, שלעכטסקייט, פיינדשאפט, איך האָב ניט געהאָפט צו אויסמיידען קיין ליידען, נאָר איך האָב אין מיין אייגענעם הארצען געזעהן די אָפּשפּיגלונג פון אנדערע מענשענס הערצער, ווי אין אַ שפּיגעל“.

ער האָט באַוואָפענט זיין הארץ, זאָגט ער, מיט אַ דרייפאַכיגען פּאַנצער פון רויהער שטאַנדהאַפטיגקייט. פאַר דער פּאַסיוועער קראַפט פון ווידערשטאַנד איז ביי איהם געגאַנגען די שטאַרקע ענטריסטונג. דאָס הארץ, וואָס ער האָט זיך באַמיהט צו באַוואָ־פענען מיט אויסדויער, איז געווען צופיעל פּאַנטאַסטיש און הייס, אַז עס זאָל זיך ניט אַרומטראָגען, ניט־קוקענדיג אויפ'ן פּאַנצער מיט אנגריפס־פּלענער.

אין דעם אריינפאָהר צו „דער אויפשטאַנד פון איסלאַם“, דער־מאָנט ער זיך וועגען יענער צייט, ווען זיין שכל האָט צום ערשטען מאָל אויפגעוואַכט. (די פּאָעטישע ווערק פון שעלי 4—63).

„ס'איז געווען אַ מילדער מאַי־פריהמאָרגען, ווען איך בין ארויס־

געגאַנגען זיך דורכשפּאַצירען איבער דעם מיט טוי־באַדעקטען גראָז, און איך האָב געוויינט אַליין ניט וויסענדיג פאַרוואָס, ביז וואַנען עס האָבען פון דער נאָהענטער שולע זיך דערהערט קולות, וועלכע — אוי! — זיי זיינען געווען נאָר אַן עכאָ פון אַ גאַנצער וועלט פון ליידען — דער גראַבער, שווערער קאַמף צווישען די טיראַנען און זייערע פיינד. — דעמאָלט האָב איך קראַמפּהאַפט צונויפגע־דריקט די הענט און האָב זיך אַרומגעקוקט; אָבער קיינער איז ניט געווען נאָהענט, וואָס זאָל לאַכען פון מיינע טרערען, די ביטערע טראָפּענס זיינען געפאַלען אויף דער פון דער זון באַלויכטענעם ערד. און אָט האָב איך, ניט שעמענדיג זיך, אָנגעהויבען רעדען: „איך וויל זיין קלוג און אויפריכטיג, און פריי און גוט, אויב איך האָב נאָר די פעהיגקייט אַזעלכער צו ווערען, דערפאַר וואָס מיר איז שוין נמאס געוואָרען צו קוקען ווי אַזוי די עגאָאיסטען און די שטאַר־קע טיראַניזירען די שוואַכע, ניט באַגעגענענדיג קיין פּאָרוואורף און קיין ווידערשטאַנד. דעמאָלס האָב איך איינגעהאַלטען מיינע טרערען, מיין האַרץ האָט זיך באַרוהיגט, און איך בין געוואָרען צו־פרידען און קאַמפּסלוסטיג“.

דער דור, וואָס איז געבאָרען געוואָרען גלייכצייטיג מיט דער ערשטער פראַנצויזישער רעפּובליק און אונטער איין שטערען, איז פריה־צייטיג געוואָרען דער קריטיקער פון דער אַלטער אָרדנונג. שעלי, וואָס האָט נאָך אין שולע באַמערקט, וואָס'ר אַ ענגע פאַרבינ־דונג עס הערשט צווישען דעם געפיהל פון אונטערדריקונג און צוויי־פּנים'דיגער רעליגיעזיטעט, און אין וועמעס הענט עס זיינען פריה אַריינגעפאַלען די ווערק פון די פראַנצויזישע ענציקלאָפּע־דיסטען, און אויך פון יומא, גודווין און אַנדערע ענגלישע ליבע־ראַלע דענקער, האָט נאָך, זייענדיג כמעט אַ אינגעל, נאָכגעדענקט וועגען דער געשיכטע, וועגען דעם צוועק פון פאַרפיהרערישקייט פון דער מענשהייט, ער האָט נאָכגעדענקט, אמת, קינדיש, נאָר פריי, אין דעם גייסט פון'ם אכצעגטען יאהר־הונדערט.

זיינע חברים איז געבליבען אין זכרון וועגען איהם נאָר דאָס, וואָס ער האָט אָפט פאַרלעצט די פּיעטעט און לאָיאַליטעט, אַז „ער האָט זיך שלעכט אָפּגערופען וועגען זיין פאָטער און דעם קעניג“. ביי די אינגלעך איז ער געווען באַקאַנט אַלס דער „וואַנזיניגער

שעלי", אָדער „שעלי דער אטעאיסט". אזוי ארום איז דאָס ער־שטע מאָל דאָס העסליכע וואָרט, פארבונדענע געוואָרען מיט זיין נאמען, — דאָס וואָרט, וועלכען איז געווען באַשערט, עס זאָל זיין פארבונדען מיט איהם זיין גאנצען לעבען, עס זאָל מאכען באקוועמ־ליכער דאָס ארויפוואַרפען אויף זיין נאמען פארשידענע נארישע און העסליכע באשולדיגונגען.

עס וואָלט געווען איבעריג זיך אָפצושטעלען אויף די געשעני־שען אין שעלי'ס לעבען, וואָס זיינען באקאנט כמעט יעדען, וואָס האָט זיין נאמען געהערט: ווי אזוי ער, אלס 18 יעהריגער סטו־דענט, האָט געהאט א זאָנדערבאַרע געוואוינהייט ארויסזאָגען זיינע צווייפלען וועגען גאָט, רעגירונג און געזעלשאפט אין א בריעף־פאָרם, און שיקען בריעף צו מעהר וועניגער באריהמטע מענשען, וואָס ער האָט אליין פערזענליך ניט געקאָנט, ביי וועלכע ער האָט געבעטען א אָפלייקענונג פון זיינע פאָרגעבראכטע מיינונגען, וואָס ער איז אליין ניט בכח צו געפינען אויף זיי קיין ענטפער, ווי אזוי עס איז פון די בריעף, וואָס די גרעסטע טיילען פון זיי זיינען בעשטאַלען פון אויסצוגען און ציטאטען פון יומא'ן און פון די ווערק פון די פראנ־צויזישע מאטעריאליסטען, בעשאַפען געוואָרען די אָנאָנימע בראָ־שורע „די נויטווענדיגקייט פון אטעאיזם" אונטערגעשריבען פון טש. ע. ד. (זי איז איצט פארשוואונדען גע־וואָרען), וואָס שעלי האָט, אין דער נאאיווער האָפנונג צו ווירקען אויף דער אומבייטונג פון דעם געזעלשאפטליכען פארשטאנד, עס אוועקגעשיקט אין העכסטען עפיסקאָפּישען געריכט. ס'איז אפילו באקאנט וואָס עס האָט זיך דערפון אויסגעלאָזט. אויף שעלי'ן האָט מען אָנגעצייגט, אז ער איז דער מחבר און מען האָט איהם ארויס־געטריבען פון'ם אוניווערסיטעט, דערנאָך האָט מען איהם אויך פון דעם פאטער'ס הויז פארטריבען. אין דער איצטיגער צייט גלויבען מיר ניט, אז פאר א ערנסטע וויסענשאפטליכע איבערציי־גונג, ווי אזוי זי זאָל ניט זיין, דארף מען שענדליך באשטראָפט ווערען; נאָר די שטראָף, וואָס שעלי האָט געקראָגען איז צוויי־פאכיג אומגערעכט, ווארום ווי מען קען זעהן פון זיין בראָשור (דער הויפט אינהאלט פון וועלכער איז אויסגעדריקט אין די באמערקונגען צו „קעניגין מעב",) איז ער געווען אין דער ווירקליכקייט ניט קיין

גרעסערער אטעאיסט, ווי צ. ב., ערענסטעד אין זיין באוואוסטען בוך: „דער גייסט אין דער נאטור“. צו יענער צייט האט זיך נאך ביי איהם ניט געקאנט אויסארבייטען א קאנסעקווענטע און צוזאמענהענגענדע לעבענס־אנשויאונג. ער האט נאר איין זאך ביי זיך באשלאסען: אז ער איז ניט קיין אנהענגער פון איינע פון די אזוי־גערופענע באשטימטע רעליגיאנען און וועט קיינמאל אזעלכער ניט ווערען. נאר אין אלגעמיין, די מאטעריאליסטישע געדאנקען, וואס ער טראגט ארוים פון זיין לייענען האבען זיך צוזאמענגעגאסען ביי איהם אין א פאנטאסטישען פאנטעאיזם, וועלכען ער האט קיינמאל שוין ניט אויפגעגעבען. ווען טרעלאוני האט אין יאהר פון שעלי'ס טויט איהם געפרעגט: „פארוואס האט איהר זיך אליין אנגערופען אטעאיסט?“ האט שעלי געענטפערט:

„איך האב באנוצט דאס ווארט, כדי אויסדריקען מיין פאראכטונג צום אבערגלויבען; איך האב זיך באוואפענט מיט איהם ווי אין די אלטע צייטען פלעגט דער ריטער זיך באוואפנען מיט א האנד־שוה אום צו געהן אין שלאכט קעגען דער אונגערעכטיגקייט“.

שעלי איז געוועזן הויך געוואקסען, שלאנק און דאר, מיט שמאלע פלייצעס און אונרעגעלמעסיגע געזיכטס־ציגען, נאר מיט א אויסערגעוועהנליך שעהן מויל, א צוציהענדעס און קלוגעס; אויגען האט ער געהאט ווייבליכע, ווי מיט א מלאכ'ישען בליק און מיט א אויסדרוק, וואס האט זיך אפט געביטען, אזוי אז אפט האט ער אויסגעקוקט ווי 19 יאהר, און אפט אריבער 40. אין די לעצטען צעהן יאהר פון זיין לעבען האט ער באקומען א מעהר מענערשען אויסזעהן, נאר דאך האט ער אפט געמאכט א האלב־קינדערשען, האלבווייבליכען איינדרוק. דערמיט ערקלערט זיך טרעלאוני'ס פארוואונדערונג ביי זיין ערשטער באגעגעניש מיט שעלי'ן. איז מעגליך, אז אט דער גוטמוטיגער נעט־באבערדילטער יונגערמאן זאל זיין דער וואונדער־מענש וואס געפינט זיך אין קריגערישע באציהונגען מיט דער גאנצער וועלט און אויף וועלכען זיינע געגנער האבען אנגעצייגט ווי אויפ'ן גרינדער פון דער שדים־שולע אין דער ליטעראטור? אין יענער צייט האט דער אויסדרוק פון זיין געזיכט, וואס איז געוועזן ביז איצט ענערגיש און ענטשלאסען, זיך געביטען צווישען ערנסטקייט און פרייד, רירענדע טרויעריגקייט און גלייכגיל־

טיגע מיעדקייט. עס האַרמאָנירט מיט די פאָלגענדע ווערטער אין זיין ליעד צו עדוארד' וויליאמסען:

„איך בין שטאָלץ מיט דער פיינדשאפט צו מיר; מיט דער פאראכטונג בין איך צופרידען; צו דער גלייכגילטיגקייט וואָס האָט מיך פריהער באליידיגט, בין איך איצט פאָלקאָם גלייכגילטיג".

אין אלגעמיין, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט איינער פון זיינע יוגענד־פריינד, האָט ער אויסגעקוקט צו זיין אויסערגעוועהנליך פעהיג, און מולרעדי, איינער פון די גרעסטע פאָרטרעט־מאהלער פון יענער צייט, האָט באמערקט, אַז עס איז אוממעגליך צו מאָלען א בילד פון שעלי'ן: ער איז „שטארק באצויבערנד".

אזוי אייגענטליך האָט ער אויסגעקוקט צו זיינע יוגענד־פריינד, וועלכע ער פלעגט באזוכען: באגייסטערט ווי א דיכטער, מוטיג ווי א העלד, צארט ווי א פרוי, באשיידען און שעמעדיג ווי א יונגע מיידעל, פלינק און לעבעדיג ווי אריעל ביי שעקספיערען. פרוי וויליאמס זאָגט וועגען איהם: „ער קומט צוגעהן און געהט אוועק ווי א גייסט. קיינער ווייסט ניט וואוהין און פון וואנען".

זיין געזונד־צושטאנד פאַר זיין גאַנץ לעבען איז געווען זעהר שוואך, און ער וואָלט, פיעלייכט, אזוי לאנג ניט געווען דערצויגען ווען ער זאָל ניט געווען האלטען א שטרענגע דיעטע; פון 20 יאָהר אָן, האָט ער, אייגענטליך מיט צוויפעלהאפטען נוץ, זיך גענעהרט מיט וועגעטעריאנישע מאכלים. ער האָט געהאט אַן אנלאגע צו שווינדזוכט, האָט אָפט געליטען פון נערווישע און קאָנוואולסישע אָנפאלען, אזעלכע שטארקע, אַז ער האָט זיך געקאַטשעט איבער די פאדלאָגע פון וועהטאָג און האָט שטענדיג באנוצט אָפּיום צו לינדערען זיינע ליידען; ווען ער פלעגט אויסערגעוועהנליך ליידען פלעגט ער די גלאָז מיט אָפּיום ניט ארויסלאָזען פון די הענט. באזוכענדיג אין 1816 די לאָנדאָנער שפּיטאָלען מיט'ן צוועק צו ערלערנען מעדעצין כדי ער זאָל קענען געהן ארום אָרימע קראנקע, איז ער ערנסט קראנק געוואָרען און א באוואוסטער דאָקטאָר האָט איהם פאָראויסגעזאָגט, אַז ער וועט שטארבען פון שווינדזוכט. פונדעסטוועגען האָט זיך מיט עטליכע יאָהר שפּעטער זיין ברוסט אביסעל ערהאָלט. ווען ער האָט אמאָל באזוכט אָרימע לייט אין זייערע דערפער, וואָס זיינען איבערגעפילט געווען מיט פארשידענע אנשטע־

קענדע קראַנקהייטען האָט ער געקראַגען אַ געפעהרליכע אויגען־ענטצינדונג; זי איז צו איהם צוריקגעקומען אין יאָהר 1817 און נאכהער אין 1821, ניט געבענדיג איהם קיין מעגליכקייט צו לייענען, אזו לאנג ווי ער האָט געליטען דערפון.

אזוי טייער האָט ער געמוזט באַצאָהלען פאר זיין עקזעלטירטע מענשען־ליעבע, וואָס איז ביי איהם געוואָרען אַ רעליגיע, דאָס האָט ביי איהם קיינמאָל ניט אויפגעהערט. וואוינענדיג אין מאַרלאָו, אין ענגלאַנד, האָט ער, ניט קוקענדיג אויף זיינע קליינע מיטלען, געמאכט אַלע אָרימע לייט פון דער אומגעגענד פאר זיינע פענסיאָנערען; זיי זיינען יעדע וואָך צו איהם געקומען נאָך פענסיע; ער פלעגט זיך זעצען ביי זייערע בעטען, אויב זיי האָבען צוליעב קראַנקהייט ניט געקאָנט קומען. איינמאָל איז ער געקומען אַ באָרוועסער צו זיינע דאָרפישע שכנים. עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אז אויפ׳ן וועג האָט ער אַ אָרימער פרוי אוועקגעשענקט זיינע שיך. פרייוויליג האָט ער צוליעב זיינע שוועסטער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין ירושה, וואָס איז אויף זיין חלק געבליבען פון זיין פאטער. דאָס איז געווען באַלד נאָכדעם ווי מען האָט איהם פארטריבען פון אָקספאָרד, און קריגענדיג דערנאָך אַ פארמעגען פון 1000 פ. סטערלינג אַ יאָהר, האָט ער עס כמעט אין גאנצען צוטיילט, צום מייניסטען צווישען אָרימע שרייבער, ווּעמעס חובות ער האָט געצאָהלט און פלעגט זיי באַזאָרגען מיט לעבענס־מיטלען, וואָס האָבען פיעל איבערגעשטיגען זיינע אייגענע מיטעל.

די געשיכטע פון זיין ערשטער הייראַט איז אזוי: דורך מיספארשטאַנענער און איבערטריבענער ריטערליכקייט האָט ער, ווען ער איז 19 יאָהר אַלט געווען אוועקגעפיהרט די זעכצעהן יעהריגע שילערין, וואָס האָט איהם ליידענשאַפטליך ליעב באַקומען און זיך באַקלאָגט פאר איהם אויף דער שלעכטער באַהאנדלונג פון איהר פאטער. דער פאטער האָט זי געוואָלט נויטען (!) באַזוכען די שולע און איהר פארוועהרט די ליעבע צו שעלי׳ן. נאָך עטליכע באַגעגענונגען איז שעלי אנטלאָפען מיט הערריעט וועסטברוק קיין שאָטלאַנד און געהייראַט מיט איהר אין עדינבורג. קעגען די פיעלע שאַרפע און בייזע אָנפאַלען, וואָס דער דיכטער איז אויסגעשטאַנען פאַר אָט דער האנדלונג זיינער, איז אין פלאַץ ראָסעטי׳ס באַמערקונג:

„ווינציג יונגע רעכטגלויביגע באַראָנען וואָלטען זיך געפונען, וואָס וואָלטען געוואָלט חתונה האָבען מיט א געוועזענעם שענקער׳ס טאָכ־טער, וואָס האָט איהם אַליין פאָרגעשלאָגען איהר נאכפאָהרען אלס זיין געליעבטע“. אָט די איבעראיילטע הייראט האָט זיך אַרויס־געוויזען פאר זעהר אומגליקליך. זי איז אויפגעלעזט געוואָרען אין 1814, ווען שעלי האָט זיך באקאנט מיט דער 17 יעהריגער מערי אואָלסטאנסקראפט גאָדווין און דערפיהלט צו איהר א שטארקע ליעבע. זי איז געווען די טאָכטער פון דער ערשטער באוואוסטער קעמפערין פאר פרויען־עמאַנסיפאַציע און א ראַדיקאַלען מחבר פון ווערק, וואָס האָבען אויף שעלי׳ן אין זיין יוגענד געהאט א גרויסע ווירקונג. זי האָט זיך פריי איבערגעגעבען צו איהר הייסער ליעבע, ענטפערנדיג איהם אויף זיין פאָרשלאג מיט „יא“, וואָס האָט גע־שטימט מיט די פרינציפען פון זייער אייגענער מאָראל. זייערעביידענס בליקען אויף דער הייראט, זיינען צופיעל אידעאַליסטיש געווען, אז זיי זאָלען ניט באשמוצט ווערען פון די גראָבע יונגען. אין אמת׳ן לעבען אָבער האָט זיך אָט די הייראַט אַרויסגעוויזען אַלס ניט פראַקטיש און אונדורכפיהרבאר כאָטש זיי האָבען געהאלטען אז די היילִיגסטע הייראַט איז נאָר די געגענזייטיגע ליעבע, אָהן שום בירגערליכע פאָרמאַליטעטען, האָבען זיי דאָך מיט א יאָהר שפעטער צוליעב פראַקטישע צוועקען און צוליעב די נוצען פון זייערע קינדער באשלאָסען פאָרמעל צו הייראטען. זיי האָבען צוזאמען פארלאָזט ענגלאנד און צוערשט אַביסעל אַרומגערייזט פראנקרייך, כמעט די גאַנצע צייט צופוס, דערנאָך אַוועקגעפאָהרען אויף גרעסערע רייזען. צו יענער צייט האָט מען שעלי׳ס נאמען פארבונדען מיט באיראָנ׳ס. די ענגלישע פרעסע איז מיט כעס אָנגעפאַלען אויף זיי ביידע, און פארגאנגען אזוי ווייט, אז מען האָט פארשפרייט א קלאנג, וואָס האָט אויף א מיאוסען אופן אויסגעטייטשט די פריינדשאפט פון די צוויי שעהנע מענער.

די אורזאכע וואָס האָט אַרויסגעבראַכט דיזען פיינדליכען אויסברוך פון סאוטי׳ס זייט איז געווען א אומבאַדייטענדער און אומשולדיגער אומשטאנד, נעמליך: שעלי האָט אין א קליינער, בערגיגער הויז אין מאנטאוועָר, אין טהאָל שאַמאָני, אונטער א גאנצער רייהע פון זיסלעך־רעליגיעזע פראזען וועגען דער נאטור

אויפגעשריבען אין גריכיש דעם ניט זעהר ריכטיג־צונויפגעשטעל־
טען העקזאַמעטער:

„איך בין א פילאַנטראָפּ, א דעמאָקראַט און אַן אַטעאיסט".
דערפון נעהמט זיך סאוטי'ס מאַניפעסט וועגען באַיראָנען, וואָס מיר
האָבען שוין דערמאָנט פריהער.

דאָס איז אין קורצען די אָוועראַטיורע פון שעלי'ס לעבען און
פּאָעזיע.

„קאָר קאָרדום" איז געוועזען דער ריכטיגער נאָמען פאַר איהם.
איך וויל זאָגען, אַז ער האָט געקאָנט פאַרשטעהן און פיהלען דעם
שורש און די טיעפּעניסען פון זאַכען, זייער גייסט און נשמה, און
די געפיהלען, וואָס ער האָט אויסגעדריקט זיינען געוועזען די האַר־
ציגסטע, די, פאַר וועלכע ווערטער זיינען צו גראָב, אַזוי אז מען קען
זיי נאָר אויסדריקען אין מוזיק אָדער, ווי ער, אין ליעדער, וואָס
זיינען אַזוי מוזיקאַליש, ווי די רייכע האַרמאָנישע מעלאָדיען.

דער איינגעהאַלטענער טרויער אין שעלי'ס ליריק, דערמאָהנט
אין שעקספּיר'ס לירישע ווערק; דאָס קליינע ליעדעל ביי דער ווע־
קערין אין „בעאַטריס סענסי", איז, למשל, עהנליך צו דעם ליעד
פון דעם נאַר פון „וואָס איהר ווילט" אָדער צו די ליעדער פון
דעסדעמאָן און אָפעליע.

אין יענע לירישע ליעדער, וואו שעלי איז מעהר ער אליין,
געהט ער אריבער מיט זיין פיינקייט שעקספּירען. אין אַלגעמיין
קען מען איהם ניט פאַרגלייכען מיט קיין אַנדער דיכטער, דערפאַר
וואָס קיינער קען זיך העכער פון איהם ניט דערהויבען. די קליינע
ליעדער פון די יאָהרען 1821 און 1822 שטייגען אריבער אַלע
ליעדער וואָס זיינען ווען אמאָל געשריבען געוואָרען אין דער ענגלי־
שער שפּראַך.

מיר וועלען ברייננען פאַר א ביישפּיעל אָט דאָס קליינע גע־
דיכט אונטער'ן נאָמען „הערבסט":

„דער בייזער ווינד, וואָס באַקלאָגט זיך אין דער הויף אויפ'ן
אומעט, וואָס איז צו טרויעריג פאַר געזאַנג, דער ווילדער ווינד, וואָס
רוישט אין יענער צייט, ווען די מעלאַנכאָלישע הימלען גיסען א גאַנ־
צע מאַכט אָהן אויפהער שטראָמען; די טרויעריגע שטורעמס ווע־
מעס טרעהרען זיינען אומזיסטיגע, די נאַקעטע וועלדער, וועמעס

צווייגען עס פאַרדעקען די טיעפע אָפּגרונדען אין די שרעקליכע הימ־לען, אַלע ווייגען זיי אויף די שווערע אונגערעכטיגקייטען פון דער וועלט!"

אויך אַזוי וואונדערבאר־שעהן איז די מעלאָדיע און דער אינ־האַלט פון דעם געדיכט:

„עס איז דאָ אַ וואָרט וואָס איז שוין זעהר אָפט פאַרוואָכע־דיגט געוואָרען, אַז איך זאָל עס אייך פאַרוואָכידיגען; עס איז דאָ אַ געפיהל, וואָס איז פיעל מאָל פאַלש פאַרהאַסט געוואָרען, אַז דו זאָלסט עס אויך האַסען; עס איז דאָ אַ האָפנונג, שוין צופיעל עהנליך אויף פאַרצווייפלונג, אַז קלוגהייט זאָל עס קענען שוואַך מאַ־כען, און דיין רחמנות איז פאַר מיר טייערער ווי דאָס מיטגעפיהל פון אימיצען אַנדערש".

קיין פיעל ווערטער זיינען דאָ ניטאָ, און אין דער ריטם־צוזאַ־מענשטעלונג באַמערקט זיך ניט קיין אויסערגעוועהנליכעס, נאָר קיין איין שורה וואָלט אַן אַנדער האַנד ניט אויסער שעלי'ס ניט גע־קאָנט אָנשרייבען.

אין אָט די קליינע געדיכטען טרעט די מעלאַנכאָליע שאַרף אַרויס אין פאָדערגרונד. אין זיינע אַנדערע ליעדער ווערט זי פאַר־שטעלט אָדער אָפּגערוקט אין הונטערגרונד דורך'ן ליכטיגען גלויבען אין דער צוקונפט און דורך די גלענצענדע האָפנונגען אויף דעם פאָרשריט פון דער מענשהייט. אין די טיעפענישען פון זיין נשמה האָט שטענדיג געוואורצעלט דאָס געפיהל אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט פאַרענדערט זיך. פון דער ערפאַהרונג, וואָס האָט איהם געלערנט, ווי אַזוי די געפיהלען פאַרפיהרען אונז, האָט ער געהאַט די איבערצייגונג אַז די ליעבע ברענגט אונז ענטטוישונג און דאָס לעבען נאַרט אונז אָפּ. די געדאַנקען האָט ער אויסגעדריקט אין אַן אויסגעצייכענטען געדיכט „מוטאַבילימי" (שעלי, 499).

„די בלומען וואָס שמייכלען צו אונז היינט, שטאַרבען מאָרגען: אַלעס וואָס מיר וואָלטען געוואָלט לאַנג זעהן רייצט אונז אויף און אַנטלויפט. וואָס מיינט געגוס אין אָט דער וועלט? אַ בליץ־שלאַג אין דער נאַכט, וואָס טוט אַ שיין און פאַרשווינדט. ווי אונשולדיג די טוגענד איז! ווי זעלטזאַם ס'איז די פריינדשאַפט! מיט וואָסערע אָרימע מתנות די ליעבע צאָהלט פאַר שווערע פאַרצווייפ־

לונג! נאָר כאָטש זיי ווערען אויסגעוועבט, זעטצען מיר פאָרט אונזער פאַרגעניגען, איבערלעבענדיג די פרייד, וואָס זיי ברייגנגען מיט זיך, איבערלעבענדיג אַלץ וואָס מיר רופען אונזערס. אַזוי לאַנג ווי די הימלען זיינען בלוי און העל, אַזוי לאַנג ווי די בלומען זיינען פרעהליך, אַזוי לאַנג, ווי די אויגען וואָס בייטען זיך בייגאַכט, מאַכען דעם טאָג פרעהליך, אַזוי לאַנג ווי די צייט פליסט רוהיג, דרעמעל — און כאַפּ זיך אויף פון דיין שלאָף מיט אַ געוויין".

דער ערשטער פערז ווייזט די אויגענבליקליכקייט פון יעדער שעהנקייט און יעדער פרייד אויף דער וועלט. די צווייטע ווייזט אויף דער פיין וואָס ליגט באַהאַלטען אין יעדער פרייד. די לעצטע סטראָפע, זאָגט אונז, אַז מיר דאַרפען וואָס לענגער געניסען פון דעם שלאָף, אין וועלכען עס פאַרזינקט אונז די פרייד פון לעבען.

אַן ענגליכע שטימונג דריקט זיך אויס אין דעם פראַכטפולען ליעד, וואָס טראָגט אַ פּשוט'ען נאָמען: „ליינעס". שעלי וואָלט עס קיינמאָל ניט אָנגעשריבען, ווען אין זיין פערזענליכען לעבען וואָלט זיך ניט געטראָפען אַז איין שווערמעריי נאָך דער אַנדערער זאָל זיך אויסלאָזען מיט גאָר ניט. ווען ניט די ליעבע צו העריעט, צו מערי'ן און צו עמילי וויוואַנ, וואָלטען זיך ניט געענדיגט מיט אַ שמערצליכען אויפוואַכען. דאָך טראָגט דאָס געדיכט ניט קיין כאַראַקטער פון פערזענליכער ווידוי. דאָס איז אַ שטענדיג זיך־טראָגענדיגע ידיעה וועגען דעם אַלגעמיינעם לעבען־געזעץ, אין וועלכען עס איז ניט פאַראַן קיין רוה. דאָס ליעד איז אַרויסגעזונגען מיט אַזאַ קול, וואָס מען קען קיין גלייכען דערצו ניט געפינען. דער ערשטער פערז לויטעט:

„ווען דער לאָמפּ איז פאַרלאָשען, לעגט זיך דאָס ליכט טויט אין שטויב; ווען די כמארעס פאַרשטעלען די הימלען ווערט דער בלאַסק פון דעם רעגענבויגען אויסגעלאָשען; ווען די פליוט איז צובראָכען, פאַרשווינדען די זיסע קלאַנגען פון דעם זכרון; ווען די ליפּען הערען אויף רעדען, פאַרגעסען זיך געשווינד די קלאַנגען פון דעם באַליעבטען רעדען."

אינ'ם דריטען פערז ווערען די זעלביגע געדאַנקען אויסגעדריקט אין באַצוג צו דעם מענשענ'ס האַרץ; זיי זיינען אויסגע־

דריקט קורץ, גלייך ווי פּאָפּ'ס פּראָזען, און מיט זייער מעלאָדיע דערמאָהנען זיי בעטהאָווענ'ס מוזיק:

„אָ, ליעבע, וואס פארשטעהסט די שוואכסטע זאכען אין דער וועלט! פאר וואס האָסטו אויסגעקליבען דאָס שוואכסטע פאר דיין בעטעל, דיין הויז און דיין קבר?"

און דאָס ליעד פארענדיגט מיט דער נבואה, אין וועלכער ס'הערט זיך ווי די ליידענשאַפטען שטורעמען:

„זיינע ליידענשאפטען וועלען דיך אויפטרייסלען, ווי דער שטורעם טרייסעלט אויף אין דער לופטען די הערדע ראָבען; דער קלאָרער פארשטאנד וועט זיך אויסלאכען פון דיר גלייך ווי די זון לאכט זיך אויס פון דעם ווינטערדיגען הימעל. אלע שטרויעלעך פון דיין נעסט וועלען דורכפוילען אינגאנצען, און דיין אָדלער־נעסט וועט דיך ארויסשטעלען א נאקעטען פאר שפּאָט, ווען די בלעטער וועלען אראפפאלען און די קאלטע ווינטען וועלען אָנהויבען פריי ארומשפּאצירען."

שטארק אין ווידערשפרוך מיט אָט דער הארצליכקייט איז יענע אייגענטימליכקייט פון שעלי'ן, וואס יעדער איינער, וואס איז באקאנט נאָר אפילו מיט זיינע געדיכטען דורך די אנטאָלאָגיען וועט זיכער באמערקען, נעמליך, אז אלע זיינע באריהמטע לירישע ליעדער זיינען אנגעשריבען אויף טעמען, וואס שטעהען אויסער די גרעניצען פון געפיהלס־לעבען, אפילו אויסער די גרעניצען פון דער מענשליכער וועלט, און זיי רעדען וועגען ווינט און וואָלקענס, וועגען דעם באוועגליכען לעבען פון דרויסענדיגע עלעמענטען, וועגען דער אונערמעסליכער פרייהייט און שטורעמדיגער מאכט פון וואסער און ווינטען. דאָס זיינען מעטעראלאָגישע און קאזמישע ליעדער. נאָר ס'איז ניטאָ קיין ווידערשפרוך אין דעם, וואס דער הארציגסטער ליריקער פארנעהמט זיך אין דער זעלבער צייט מיט אויסערליכע זאכען. אן ערקלערונג וועגען אָט דער ערשיינונג געפינען מיר אין דעם קורצען ארטיקעל וואס שעלי האָט אנגעשריבען מיט'ן נאָמען: „וועגען ליעבע". ער באהויפּטעט, אז ליעבע איז נאָר אן אונווידערשטעהליכער דראנג נאָך סימפּאטיע.

„ווען מיר דענקען, ווילען מיר מען זאָל אונז פארשטעהן;

ווען אונזער פאַנטאַזיע שאַפט, ווילען מיר, אז דאס לופט־קינד פון אונזער מח זאל איבערגעטראַגען ווערען אין אַנדערע מחות; ווען מיר פיהלען, ווילען מיר ניט אז פאַרפרוירענע אומבאַוועגליכע ליפען זאלען ענטפערען אויף ליפען, וואס ציטערען און ברענען מיט'ן בעסטען בלוט פונ'ם הארצען. דאָס איז ליעבע. ענטדעקען א שכל, וואס קען אפשעצען אונזער שכל, ענטדעקען די מאַכט פון איינבילדונג, וואָס קען אויפכאַפּען די שווערע, ווי די איידעלסטע אייגענטימליכקייטען, וואס מיר ענטוויקלען און מיט וועלכע מיר קוויקען זיך אין דער טיעפקייט פון אונזער נשמה. דאָס איז יע־נער אונזעהבארער און אונדערגרייכליכער פונקט, צו וועלכען עס שטרעבט יעדע ליעבע. דעריבער ווען מיר זייגען אליין, אָהן מענ־שען ארום זיך, האָבען מיר ליעב בלומען, גראָז, וואסער, הימעל, די שעהנע שפּראַך פונ'ם ווינד און זיין מעלאָדיע, און מיט דער זעל־בער באַגייסטערונג פאַרהאַלטען מיר זיך צו זיי, מיט וועלכער מיר פאַרנעמען די שטימע פון א געליעבטער וואס זינגט נאָר פאר אונז אליין."

אין א באמערקונג צו „דער פעיע פון אַטלאַס" זאָגט פרוי שע־לי, אז נאָר די זיכערקייט אין דעם, אז ער וועט ניט געפינען קיין מיטגעפיהל ביי זיינע מיטבירגער, און די מורא זיך איינגאַנצען אי־בערגעבען צו ליידענשאַפטען און אויף אזא אופן ווידער אויפריי־סען די וואונדען פונ'ם הארצען, האָבען איהם געצוואונגען צו זו־כען פארגעסונג אינ'ם שוואונג פון דער פאַנטאַזיי.

נאָר גראד דער טיעפער פארלאנג נאָך מיטגעפיהל, וואס האָט ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג אין דער וועלט, וואס האָט איהם ארומ־גערינגעלט, האָט ענטוויקעלט זיין פארשטענדניס פאר דער נאַטור צו א פייערינגער ליידענשאַפט, וואס האָט איהם געמאַכט צו זיין אָריגינאל. אזוינס האָט מען ביז איהם אין דער פּאָעזיע ניט גע־זעהן. פּאָפּ'ס שטייפע שול קונסט איז פארדרענגט געוואָרען דורך דעם ים־שול. פּאָפּ האָט אָנגעזעטיגט די לופט מיט אפעקטאציעס, די ים שולע האָט ברייט אויפגעעפענט דאָס פענסטער פאר דער פרישער לופט פון די בערג און טייכען. נאָר וואָרדסוואָרט'ס ליעבע צו דער נאַטור איז געווען אָהן ליידענשאַפט, ווי ער האָט עס מיט זיין „טינטער אבעי" צוגעגעבען. די נאַטור האָט פאר

איהם נעדיענט אלס מיטעל זיך אָפּצופרישען און אלס מאטעריאל פאר געדאנקען אין דעם גייסט פון פּראטעסטאנטיזם. אָט דאָס בלומעלע, וואס האָט דערוועקט אין איהם די טיעפע פּאָר טרערען געדאנקען, רייסט ער אָפּ, שטעקט עס אריין אין זיין לאַץ און באַשעהנט זיך דערמיט, אראפּקוקענדיג אפּטמאָל דארויף מיט אַ רוהיגער ווירדע, טראכטענדיג וועגען אַ פּאסענדען פארגלייך דערצו*).
שעלי ווארפט זיך אין די ארעמס פון דער נאטור, דערפאר וואס די מענשליכע וועלט האָט זיך פון איהם אפּגעקעהרט; דערפאר איז די נאטור פאר איהם ניט ווי פאר אנדערע — אַ קאלטע, אַ גלייכגילטיגע און בייזע. זיין פארשטיינערטע רוהיגקייט ווען ער קוקט אויף דעם מענשענ׳ס שמערצען און זיינע פריידען, די געפיהללאָזיגקייט פון אונזער לעבען און טוידט, אונזערע קורצע טריאומפען און לאנגע פּייניגונגען, דוכטען זיך איהם אוים ווי מילדקייטען אין פארגלייך מיט דער טפשות און גראָבקייט פון דער מענשליכער וועלט. ער לאכט אָפּ אין זיין „פּעטער בעלל דער דריטער" פון ווארדסווארט׳ען, דערפאר וואס דער לעצטער, נאָך זיין מיינונג, האָט ליעב די נאטור, ווי דער גייסטיגער קנעכט, וואס וואגט ניט אויפצובינדען איהר גארטעל; ער, שעלי, האָט זי אזוי ליעב, ווי מען האָט ליעב אַ געליעבטע פרוי. ער פּאָלגט איהר נאָך אין איהרע פּארבאָרגענסטע ערטער; גלייך ווי דער שאָטען פון זיין פולס וואלט געקלאפּט אין געהיימער פארשטענדניס מיט דעם פולס פון דער נאטור. ער איז זעלבסט, ווי זיין אלאסטאר, עהנליך צו דעם גייסט פון דעם ווינד און לופט מיט זיינע גלאנצענדיגע אויגען, פרישען אטעם און פלינקען גאנג.

ער רופט אָן די חיות און פלאַנצען ליעבע ברידער און שוועסטער און מיט זיין טיעפען געפיהל און וואכזאמער עמפּפינדליכקייט פארגלייכט ער זיך צווישען די חיות מיט׳ן כאמעלעאן, צווישען די פלאנצען — מיט דער מימאָזא. אין איינעם פון זיינע ליעדער רעדט ער וועגען די כאמעלעאנען וואָס לעבען מיט ליכט און לופט, עהנליך צו פּאָעטען וואס לעבען מיט ליעבע און רוהם,

*) To me the meanest flower that blows can give
Thoughts that so often lie too deep for tears.

און וואס בייטען צוואַנציג מאָל אַ טאָג די קאָלירען, צופּאַסענדיג זיך צו די זון־שטראַהלען וואס פאַלען אויף זיי; ער פארגלייכט דאָס לעבען פון די פּאָעטען אויף דער קאַלטער ערד מיט'ן לעבען, וואס די כאַמעלעאָנען וואלטען געפיהרט, ווען מען זאָל זיי פון געבורט אָן פארשליסען אין די היילען אונטער דער ערד. אין אַ צווייטען וועלט־באַריהמטען ליעד דערצעהלט ער, ווי אַזוי די מימאָזא וואקסט אין גאַרטען, ווי דער ווינט ערנעהרט זי מיט זיל־בער־טוי און ווי זי פארשליסט זיך אונטער דעם קוש פון דער נאַכט. ארום יעדען בלימעלע, זאגט ער ווייטער, טראגט זיך ליכטיגקייט און פיינער דופט, וואס די ארומיגע בלומען גיבען פון זיך ארויס, גלייך ווי יונגע פארליעבטע אָטעמען מיט פארגעניגען אין זיך אריין איינער דעם צווייטענס אָטעם. אבער די מימאזא, וואס קען ניט אויסדריקען דעם פּאַרצעהרענדען ברען פון ליעבע, האָט באַקומען מעהר פון אַלע און איינגאַנצען געציטערט פון ליעבע, ביז די שפּיצען פון איהרע בלעטלעך; ווייל, אַך, די מימאזא פאר־מאגט ניט קיין זיסען דופט, וואס צוגליהט זיך אין שימערירענדע פארבען. אויף איהר מזל זיינען ניט אויסגעפאלען קיין ליכטיגע קאָלירען. זי ליעבט ווי די ליעבע און בייִנקט נאָך דעם, וואס זי קען אַליין ניט געבען — שעהנקייט.

נאָך מעהר אָריגינאַל, נאָך מעהר אינדיווידועל טרעט ארויס שעלי'ס אינערליכע זייט, זיין קאַר־קאָרדיום, דאָס, וואס ער איז געוואָרען און צו וועלכען ער האָט זיך ענטוויקעלט אונטער'ן איינ־פלוס פון דער שווערער נויט, וואס איז אויסגעפאלען אויף זיין גורל, אין דער שעהנער עלעגיע צו קיטס'ן, וואס איז אנגעשריבען געוואָ־רען אונטער דעם איינפלוס פון שטאַרקער אונצופריעדענהייט, וואס האָט איהם ארומגעכאַפּט נאָכ'ן איבערלעזען די העסליכע און רויהע אָנפאַלען אין דער „קוואָרטערלי רעוויו".

שעלי באַשרייבט, ווי אַזוי אַלע דיכטער פון יענער צייט האָ־בען זיך צונויפגעזאַמעלט באַוויינען אַ טוידטען. (שעלי, 3־392.)

שעלי האָט זיך אינ'ם ליעד פארגליכען צו אקטעאָן, וועמען די סצענע פון דער נאַקעטער שעהנקייט פון דער נאַטור האָט צעריי־סען. ווי עס זעהט אויס, איז נאָר אַ דאַנק זיין שטאַרקען ווילען האָט ער געקאָנט ביי אַזא צאַרטען און שוואַכען געזונדס־צושטאַנד

ניט קראַנק ווערען פון די זעהענישען און האַליוצינאַציעס, וואס האָ־בען זיך איהם אזוי אָפט גע׳חלום׳ט. פיעל מאָל האָט זיך שעלי׳ן געדוכט, אז די האַליוצינאַציעס, וואס האָבען באהערשט זיין פאַנ־טאַזיע וועלען צעררייסען זיין מח, און ווען ער האָט ביי אזא צו־שטאַנד אויף פרעמדער ערד, אין גלות, אין איינזאמקייט געזוכט אן ערלייכטערונג פון זיינע ליידען, האָט ער איבערגעלעבט יענע איינדרוקען פון דער נאַטור, וואס ער האָט באשריבען אין די מערק־ווירדיגע „סטאַנסען, וואס זיינען אָנגעשריבען געווארען אין א טרויעריגער מינוט נעבען נעאַפּאָל”, וועלכע מען רופט אָן די קווינט־עסענץ פון שעלי׳ס פּאָעזיע. ער שילדערט ניט די ליידענשאַפטען, ער שילדערט איבערהויפּט ניט. ער באשרייבט אויך ניט די אי־נערליכע פאָרם פון זאכען און בלומען, נאָר ער זאפט אין זיך איין מיט דער גרעסטער עמפּפינדליכקייט, דאָס, וואס מיר רופען אָן גייסט און נשמה פון זאכען.

מיט עטליכע שטריכען גיט ער אונז א בילד פון א טייך:

„די זון ברענט, דער הימעל איז בלוי, די כוואַליעס טאַנצען גיך און גרינג; די בלויע אינזלען אין די באדעקטע מיט שנעע בערג באפארבען זיך אין העלען פּורפּור פונ׳ם טאָג. די כוואַליעס צו־שפּריצען זיך ביים ברעג, אין א שטערען־רעגען, און פון דער אָפענער ים־ברוסט דערטראָגט זיך צו מיר א קלאַנג”. ווי אנגע־נעהם וואָלט מיר געווען, שרייט שעלי אויס, ווען כאָטש איין הארץ זאָל מיט מיר טיילען מיין אויפרעגונג!

„און איך האָב ניט קיין האָפנונגען און בין ניט געזונד. איך האָב ניט קיין וועלט אין מיר, ס׳איז ניטאָ קיין רוהיגקייט ארום, סאיז ניטאָ יענער טייערער ווי רייכטום פארגעניגען, וועלכען דער חכם געפינט אין טראַכטען און מיט וועלכען ער געהט ארום בא־קרוינט מיט אינערליכען רוהם; איך האָב ניט קיין רוהם, קיין ליעבע, קיין פרייע צייט. איך זעה אנדערע, וואס זיינען געבענשט מיט דעם אלעמען — זיי לעבען לאכענדיג און רופען אָן דאָס לע־בען — פארגעניגען. מיר איז באשערט אנדערש טרינקען דעם לעבענס־כוס. אבער דאָ באקומט אפילו די פארצווייפלונג א מיל־דערע פארם ווי די ווינטען און וואסערען; איך וואָלט זיך געקאָנט לייגען אויף דער ערד, גלייך ווי א מיעד קינד, און באוויינען דאָס

לעבען פון זארגען, וואס איך האָב שוין אויסגעטראגען און דארף נאָך ווייטער טראגען — ביז וואנען דער טוידט וועט אויף מיר ניט אראפקומען ווי א שלאָף און ביז וואנען איך וועל ניט דער־פיהלען ווי אין דער קאלטער לופט קיהלט מיין באק, און וועל ניט הערען, ווי דער ים־ווינט, וואס טראגט זיך דורך איבער מיין שטארבענדען שטערען, וועט מיר אויסזינגען זיין לעצטע איינ־טעניגע ליעד.״ אָט די ווערטער קלינגען ווי א פּראָפעצייהונג, אבער נאָך מעהר פּראָפעצייהונג ליגט אין די פאלגענדע שורות: „מעגליך, אז אנדערע וועלען זיך באקלאָגען אז איך בין קאלט, אז איך האָב צושטערט מיט מיין אומעטיג און פארעלטערט הארץ, די לעצטע מינוטען פון דעם ליכטיגען טאג. זייט ניט אין כעס אויף מיר! איך בין דאָך איינער פון יענע, וואס מענשען האָבען ניט ליעב, און וועמען זיי באדויערען נאָר; איך בין ניט עהנליך צו יענעם טאג, וואס אפילו דעמאלס, ווען זיין זון הערט אויף צו שיינען בלייבט דאָך נאָך אין זכרון א סך ליכטיגקייט און פרייד.״

דער דיכטער אויף וועמעס שטארבענדען מח די שרעקליכע כוואליעס האָבען זיך באדארפט פארשליסען, האָט געפיהלט מיט א מילדען טרויער, ווי זיין וועזען ווערט צופאלען אין נאטור׳ס עלע־מענטען און ער פארגלייבט זיין טוידט מיט׳ן פארגעהן פון א וואונדערשעהנעם דרום׳דיגען זומער־טאָג. ער האָט ליעב די נאַ־טור ניט נאָר ווען זי איז אויפגערעגט, ווי בייראָן, נאָר זייענדיג איינפאך אין דער נשמה, האָט ער ליעב געהאט איהר פראכטפולע פשוט׳קייט, איהר געהייליגטע נאאיוויטעט.

נאָר דאס איז ניט זיין הויפּט־שטריך. עס איז נאָך פארהאן א צווייטער: אליין פארמאָגענדיג טיטאנישע און גיגאַנטישע פע־היגקייטען, האָט ער ליעב די טיטאנישע און גיגאַנטישע שעהנקייט פון דער נאטור, אבער אַלץ אנדערש ווי בייראָן. ער באזינגט ניט די פאר יעדען פארשטעלטע פּאָעזיע פון דער נאטור — ווי א שטייגער, די פּאָעזיע פון דעם וואלד אדער פון די בלומען. ניין, זיין גרויסער גייסט ווערט על פי רוב פאר׳כשופ׳ט פון דעם גרויסען און ווייטען, פון די גראנדיעזע באוועגונגען פון די וועלט־יסודות און מיט׳ן וועלטען־טאנץ אין דעם הימעלשען רוים. מיט זיין אריינדרינגען אין די העכערע ערשיינונגען פון דער נאטור און איהר־

רע גראַנדיעזע איבערקעהרענישען איז ער עהנליך צו בייראָנ׳ען, נאָר אזוי ווי דער בלאָנדער געניע איז עהנליך אויפ׳ן ברונעטען געניע, אזוי ווי אוריאל איז עהנליך צום מאָרגען־שטערען מלאך, וועלכער ברענגט פייער.

ביי בייראָנ׳ען קאָנצענטרירט זיך די פּאָעזיע פונ׳ם ים אין דער באשרייבונג פון א שיף־אונטערגאנג, אין דעם קאַמף און אין דעם ליארם פון אן אונגעוויטער און בייזע ווינטען, אין דעם רוי־שען פונ׳ם ים, וואס פּאָדערט אלץ מעהר און מעהר רויב. ביי איהם געפינט די פּאָעזיע פונ׳ם הימעל א פּערזאָניפיצירונג אינ׳ם פייפען פון דעם ווינד, אינ׳ם רעש פונ׳ם דונער און אינ׳ם בלאסק פון דעם בליץ. ער גיסט זיך צונויף מיט דער פארניכטענדער נאטור און לעבט אין איהר אויף. אין די באריהמטע סטראפען פונ׳ם דריטען ליעד „טשאילד האראָלד”: „לארעם, טונקעל־בלויער אָקעאַן, לארעם!” — פרעהט ער זיך דערמיט וואס דער ים אטעמט אריין אין זיין ברוסט פלאָטען און פארשלינגט מדינות, און ערלויבט נאָר א קליינעם שוים זיך אויפצוהויבען אויף זיין אויבערפלאך, אלס דער איינציגער עדות, אז אין דעם אָרט איז א מענש דערטרונקען געווארען. אָט די בייראָנ׳ס סטראפען זייגען ווי א פּרעליודיע צו דער גראנדיעזער זעהעניש פון דעם אלוועלט־ליכען מבול, וואס הייסט „הימעל און ערד”, און עס איז א לויב־געזאנג צו דער פארניכטונג.*)

לייענט דערנאָך איבער שעלי׳ס באריהמטע ליעד „דער וואל־קען”. לייענענדיג עם הערסטו ווי אלע סטיכישע קרעפטען פון דער נאַטור שפּיעלען זיך און שטיפען אין אן אויסברוך פון ניט־פאר־צוימטער פרעהליכקייט, מיט א טיטאַנישער פרייד, מיט אן אוי־סערגעוועהנליכער גוטסקייט און פריידיגקייט קעגען דער ערד. וואס׳ער א רעש׳יגע פרישקייט עס פיהלט זיך אין דעם געזאנג פונ׳ם וואלקען וועגען דעם, ווי ער ברענגט די דורשטיגע בלומען

---

*) סוועבורן ווייזט אָן אין זיין קליינעם מייסטערהאַפטען אַרטיקעל וועגען באַיראָנ׳ען אויף איין זייט פון דער נאַטור, וואָס איז געמיינ־שאַפטליך ביי בייראָנ׳ען און שעלי׳ן, נאָר ער דערמאָנט ניט וועגען דעם אונטערשיעד, וואָס עס באַגעגענט זיך ביי זיי, ניט קוקענדיג אויף זייער עהנליכקייט.

גאַנצע שטראָמען פון אַפּפּרישונג פון די ימים און טייכען, און ווי אַזוי ער וואַרפט אַרויף לייכטע שאָטענס אויף די בלעטער, וואָס זיינען פאַרזונקען אין זייער בייטאָגעדיגען דרעמעל! די נאַטור איז שטיפעריש ווען זי שיקט אויף די גרינגע פעלדער אַ שטראָם פון קלאַפּענדע האָגלען אָדער שיט אַרויף אַ שנעע אויף די בערג, וואָס ליגען אונטער איהם, כדי ער זאָל דערנאָך אַ גאַנצע נאַכט שלאָפען אויף דער שנעע ווייסער קישען אין די אָרעמס פון דעם שטורעם־ווינד — אָדער ווען ער רעגט אויף די אוראַגאַנען, וואָס מאַכען די וואָלקאַנען זיך לעשען און די שטערען צו ציטערען; די נאַטור איז איבערמוטיג ווען זי לויפט דורך מיט׳ן רעש פון דעם דונער; זי איז שטאָלץ ווען דער בלוטיגער זון־אונטערגאַנג מיט די מעטעאָר־אויגען באַלייכט די שוועבענדע וואָלקען־שלייער. זי איז אַמאָל אויך רוהיג און שטיל, ווען איינגורענדיג זיך אין׳ם לופט־נעסט, זעהט זי ווי דער העל־רויטער אָבענד־צודעק פאַלט אַראָפּ פונ׳ם הימעל, און דער לויטערער ים פון אונטען אָטעמט מיט הייסען פאַרלאַנג נאָך ליעבע און רוה. זי ווייסט איהר קראַפט, ווען זי הייגנט איבער אונז, ווי אַ גרויסער בריק, זיך אויסשפרייטענדיג פון איין באַרג צום צווייטען; זי האָט הנאה פון איהר זיעג, ווען זי פליהט דורך מיט שטורם, פייער און שניי אונטער די טריאומף־אָרקען, פונ׳ם רעגענבויגען וואָס איז פאַרצירט פון מיליאָנען פאַרבען. אָבער זי שפּיעלט זיך שטענדיג ווי אַ קינד: אויב די זון־שטראַלען פאַרטרייבען זי פון דעם הימעל־געוועלב לאַכט זי נאָר דערפון און מיט אַ געלעכטער ערשיינט זי ווידער פון גאַרניט און רייסט אַראָפּ פון דעם הימעל דעם בלויען קופּאָל.

ניט נאָר דער געגענזאַץ צו בייראָנ׳ס אומעטיגער ליידענשאַפט איבערראַשט אונז אין אָט דער גראַנדיעזער נאַאיוויטעט, אין דער ליעבע צו אַלץ וואָס דער וואָלקען פאַרמאָגט; עס איז נאָך דאָ פאַרהאַן אַ שטריך, אויף וועלכען מיר ווילען דאָ אָנווייזען, אום דערנאָך זיך ווידער אַמאָל אומצוקעהרען צו איהם: דאָס איז דער פרימערער און פרימיטיווער כאַראַקטער פון אָט דער פּאָעזיע, וואָס דערמאָהנט די אַלטע־אַרישע הימנען, די לידער פון וועדען און האָמערען. בייראָן איז אין פאַרגלייך מיט שעלי׳ן אַ ריין מאָדערנער דיכטער. ווען דער וואָלקען רעדט וועגען אַ מיידעל געקליידט

אין ווייסע פייער־פלאמען, וואס די שטערבליכע רופען דאס אַן לבנה, וואס שיינענדיג, שווימט זי ארום איבער דעם הימעל־געוועלב, און וועמעס אונזעהבארע טריט מיט׳ן לייכטען שוועבען, וואס נאר די מלאכים קאנען קאנקורירען, צורייסען דעם געוועב פון דעם לייכטען דאך פון איהר ביידעל, אדער ווען זי זינגט וועגען דעם בלוטיגען זון־אויפגאנג מיט די מעטעאר־אויגען — דאמאלס טראגט אונז דער דיכטער איבער, מיט דער מאכט פון דער אור־שפרינגליכער פרישקייט פון זיין פאנטאזיע, צוריק צו יענער צייט ווען די נאטור־ערשיינונגען זיינען פארוואנדעלט געווארען אין מיפען, באצויבערענדיג די מענשען מיט זייער נייקייט.

פאר שעלי׳ן זיינען אַט די נאטור־ערשיינונגען געווען אייביג ניי. ער האט געלעבט צווישען זיי גאנץ אנדערש ווי אַן אנדער פּאָעט ביז איהם אדער נאך איהם. זיין קורץ 29־יאהריגער לעבען האט ער כמעט אינגאנצען פארבראכט אונטער פרייען הימעל. דער ים איז געווען זיין ליידענשאפט; ער איז שטענדיג ארומגעפאהרען אויף איהם, און ליגענדיג אויפ׳ן דעק פון זיין שיפעל, האט ער, וועהרענד די זון האט געברענט זיין באגייסטערט געזיכט און זיינע צארטע הענט, פארפאסט זיינע בעסטע לידער. די ליידענשאפט צום ים איז געווען זיין לעבען און האט איהם אויך געבראכט דעם טוידט. אלץ, וואס עס האט געהאט צו טאָן מיט שיפעל און שווימען האט אין זיינע אויגען געהאט א באזונדערע אנציהונגסקראפט. ער איז דאמאלס פשוט פארוואנדעלט געווארען אין א קינד. ער האט געקענט האבען דאס גרעסטע פארגעניגען פון מאכען פאפירענע שיפעלעך און זיי לאזען איבער׳ן וואסער. איינמאל, ווען ער האט קיין פאפירעל ביי זיך ניט געהאט האט ער ארויסגענומען א געלט־פאפיר פון 50 פונט סטערלינג און מאכענדיג דערפון א שיפעל עס געלאזט איבער׳ן וואסער אין זיין נארמען־קאנאל.

שווימען האט ער ניט געקענט. ווען איינמאל, ווען ער איז צוזאמען מיט בייראנ׳ען ביי טאג און ביי נאכט ארומגעפאהרען איבער דעם זשענעווער־זעע האט זיך מיט איהם שיעור אן אומגליק געטראפען, האט ער זיך אפגעזאגט פון יעדער הילף און איז גאנץ רוהיג געזעסען און ערווארט דעם טוידט.

„מיינע געפיהלען, שרייבט ער, וואלטען ווינציגער געליטען, ווען איך זאל געוועזען זיין אליין; איך האב געוואוסט אז מיין פריינד וועט אנווענדען אלע מיטלען מיך צו ראטעווען, און געפיהלט א גרויסע באליידיגונג ביים געדאנק, אז זיין לעבען וועט זיין אין געפאהר צוליעב מיינעם.”

מיט עטליכע יאהר שפעטער האט ער ניט איינמאל מיט פיינליכע געפיהלען געטראכט וועגען אזא טוידט. ווען ער איז איינמאל, אייניגע מאנאטען פאר זיין טוידט, שיעור ניט דערטרונקען געווארען און טראלאוני האט איהם געראטעוועט, האט ער זיך אויסגעדריקט:

„דאס איז געוועזען א גרויסער פארזוך! אויב די אלטינקע פרויען זיינען גערעכט וואלט איך שוין איצט געוועזען אויף א צווייטען פלאנעט.”

אין איטאליען האט ער שטענדיג געוואוינט אויף דער פרייער לופט, פארברענגענדיג די צייט אדער אין ארומפאהרען רייטענדיג מיט בייראנ'ען איבער ווענעציא, ראווען און פיזא, אדער אין ארומשפאצירען אויף א רודער־שיפעל איבער דער ארנא און סערקיא, אדער אויף א זעגעל־שיפעל איבער דעם טאסקאנישען ים. עס איז אויך ווערט צו באמערקען, אז ער מאכט גערן פארגלייכונגען צו א שיפעל. אויב ער האט אמאל ניט געשאפען אויפ'ן ים, האט ער עס יעדענפאלס געטאן אויף דער לופט. „פראמעטעי” האט ער אנגעשריבען אין רוים, ליגענדיג אויף די בערגיגע חורבות פון די קאראקאלאווע בעדער — און נעמליך אויף דיעזע שווינדיגהויכע מיט בלומען־קוסטען באוואקסענע פלעצער האט ער באקומען די אינספיראציע פאר זיינע ליעדער אונטער'ן לויטערען הימעל פון רוים אין דער צייט פון דער שטארקער, כמעט פאר'שיכור'ענדער ערוואכונג פון דעם פריהלינג און דעם וואונדערבארען קלימאט פון איטאליען. „דער זיעג פון לעבען” האט ער אביסעל געשריבען זיצענדיג אויפ'ן דאך פון זיין הויז אין לעריטשי, און אביסעל אין שיף אין דער צייט פון א שרעקליכער היץ. שעלי האט פארמאגט א נאטור פון א סאלאמאנדרע און האט זיך אמבעסטען געפיהלט ביי די ברענענדע שטראהלען פון דער זון.

זיין „אָדע צום מעריב־ווינד" — זיין מייסטערהאַפט ווערק — האָט ער אָנגעשריבען אין אַ וועלדעל, ביים ברעג פון אַרנאָ, נעבען פלאָרענציאַ.

די ערשטע סטראָפען רופען ביי אונז אַרויס די עראינערונג וועגען דעם הערבסטיגען ווינד, וואָס פּאַקט די טוידטע בלעטלעך, גרינע, געלע, שוואַרצע, בלאַסע, שווינדזיכטיג־רויטע, גלייך ווי זיי זאָלען זיין אָנגעשטעקט פון דער וועלט־צרעת; עס דערמאָהנט אונז אין'ם ווינט'ם פריהלינג־בלאָזען, וואָס פילט אָן די בערג און טאָלען מיט לעבעדיגע פאַרבען און דופטען — דאָס ווינט־רוישען געפינט זיך אָן אָפּקלאַנג אין'ם צושפּיעל פון זיין ליעד „הער אויס, אָ, הער אויס!"

און דערמאָנט מען זיך דען ניט אָן די אַלטע מעשיות פון דער מיטאָלאָגיע ווען ער זינגט וועגען די צעוואָרפענע איבערן הימעל רעגען־וואָלקענס, וואָס דער ווינט טרייסעלט אַראָפּ פון די צונויפ־געוויקעלטע צווייגען פון דעם הימעל און ים; וועגען דעם שטורעמ'ס לאָקען, וואָס טראָגען זיך איבער דער אויבערפלעך פון דער לופט גלייך ווי צולאָזענע האָר, וואָס שטעלען זיך אויף אויף מענאַדעס בעס'דיגען קאָפּ.

נאָר דאָס בלאָזען פון דעם מעריב־ווינד און שעלי'ס גאַנצע נשמה זעהט מען אַרויס אין אָט די שלוס־ווערטער (שעלי 459-60):

„אָ, הויב מיך אויף ווי אַ כוואַליע, ווי אַ בלאַט, ווי אַ וואָל־קען! איך פאַל אויף שווערטען! איך לויף אָפּ מיט בלוט! די שווערע משא פון דער צייט האָט געשמידט אין קייטען און איינ־געזויגען דעם, וואָס איז, אַזוי ווי דו ניט פאַרצוימט, פלינק און שטאָלץ. — מאַך מיך ווי דעם וואַלד פאַר דיין לירע. וואָס אַרט דאָס מיך, אויב מיינע בלעטלעך וועלען אַראָפּפאַלען אַזוי ווי עס פאַלען אַראָפּ די בלעטלאַך פון דעם וואַלד? דער קלאַנג פון דיי־נע הילכיגע האַרמאָניען וועט פון אונז ביידע פאַרנעהמען דעם טיעף־הערבסטיגען טאָן — אַ זיסער, ניט קוקענדיג אויף זיין טרויע־ריגקייט. דו שטאַרקער גייסט, ווער מיין גייסט! זיי איך, דו שטורמדיגער העלד! צעשפּרייט מיינע טויט־געדאַנקען איבער דער וועלט, גלייך ווי די פאַרוועלקטע בלעטער; איך באַשווער דיך ביי מיינע ליידענשאַפטליכע ליעדער, צעבלאָז גלייך ווי אַש און

פונקען פון א ניט־אויסגעלאָשענעם פייער מיינע ווערטער צווישען דער מענשהייט! ווער דורך דער פארמיטלונג פון מיינע ליפּען א שופר פון א נביא פאר דער ניט אויפוואכענדער ערד! אָ, ווינט, שטים איין. ווען דער ווינטער איז שוין דאָ, קען דען דער פריהלינג זיין אזוי ווייט?"

פארגלייכט די אדע מיט די מערקווירדיגע ווערטער, וואס בייראָן רופט אויס אינ'ם דיכטער ליעד פון זיין „טשאילד הע־ראלד."

„ווען איך זאל קענען צונויפשמעלצען אלץ, וואס אין מיר גע־פינט זיך, — ווען איך זאָל קענען אנטאָן אין איין אויסדרוק מיי־נע געדאנקען און אזוי ארום אויך אויסגיסען מיין נשמה, מיין הארץ, מח, ליידענשאפטען, געפיהלען, די שטארקע און די שוואַ־כע — אלץ, וואס איך האָב געזוכט און אלץ וואס איך זוך, וואס איך טראג איבער, וואס איך פיהל, אלץ, מיט וואס איך אָטעם — אין א י י ן ווארט, אזוי אז דאָס ווארט זאל זיין א ד ו נ ע ר, וואלט איך גערעדט."

אָדער פארגלייכט עס מיט די ווערטער, וואָס ער שרייט אויס זיך ווענדענדיג צו דער נאכט, ווען עס איז געווען א שטארקער שטורעם אויף דעם זשענעווער זעע.

„ערלויב מיר צו טיילען מיט דיר דיין ווילדע און גרויסע פרייד, נעמען א טייל פון דעם שטורעם אין א טייל פון דיר!"

עס באקומט זיך א באלעהרענדער פארגלייך פון'ם געגענזאץ צווישען ליעבע צו דער נאטור, פון אן אלץ־ארומכאפּענדען פּאָעטי־שען געדאנק און פון א קריגערישען געדאנק, וואָס רופט שטענדיג צו דער שלאכט. שעלי וויל ניט, ווי באירָאן, צונעהמען פון דער נאַטור איהרע דונערנדע פיילען. ער האָט זי ליעב ניט ווי זיין געוועהר, נאָר ווי זיין אינסטרומענט, ער האָט זי ליעב, ניט שרעַ־קענדיג זיך פאר איהרע גראנדיעזע פּראָפּאָרציעס, פארטרויט מיט איהר מעכטיגער גרויסקייט, פיהלענדיג זיך אין דער וועלט, ווי ביי זיך אין דער היים. זיין פאַנטאזיע האָט מעהר פון אלץ ליעב זיך דרעהען צווישען די הימעלשע וועלטען; זייער שעהנקייט און לעבען באַצויבערט איהם מיט אַזאַ קראפט, ווי אנדערע באצויבערט די שעהנקייט אין לעבען פון בלומען.

וואָס'ר א מעכטיגע, וועלט־באהערשענדע פאַנטאַזיע ווערט אויסגעשפּראָכען אין'ם ליעד, וואָס שעלי האָט אָנגעשריבען ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון נאַפּאָלעאָנס טויט.

„ווי אַזוי, ערד, נאָך אַלץ אַזוי מוטיג און לעבעדיג? אפשר איז דאָס צופיעל מוטיג? ווי! ווי פריהער לויפסטו נאָך פאָראויס אין דער בלויער מאָרגען־פרייד, דו לעצטער פון די שטערען? אך, באוועגסטו זיך נאָך טאקע אַלץ ווי פריהער? זיינען דיינע אברים נאָך טאקע ניט פארגליווערט געוואָרען, און קענסטו אין אמת'ן זיך איצט באוועגען ווען נאַפּאָלעאָן איז געשטאָרבען? — ווי! איז דיין שטאַרק־קלאַפּענדיג הארץ ניט פארקיהלט געוואָרען? איז נאָך דען דאָ א לעבעדיגער פונק ביי דיין הערד? ווי, זיין ליעד האָט זיך שוין געענדיגט און דו לעבסט נאָך אַלץ מוטער־ערד? דו האָסט געוואַרעמט דיינע אַלטע פינגער איבער דעם פייער פון דעם שטאָל־צעסטען פון די גייסטער, ווען ער איז געפלויגען — צו קענסטו, מוטער, איצט לאַבען ווען ער איז געשטאָרבען? די ערד יובעלט: „איך לעב נאָך אַלץ און בין נאָך אַלץ מוטיג!" און וואָס עלטער איך ווער אַלץ מוטיגער און מוטיגער ווער איך. די טויטע פאַר־פיעלפאַכען צעהן טויזענד מאָל מיט פלינקייט, גלאַנץ און פרייד. איך בין געווען נעבעלדיג, אומעטיג און קאַלט, גלייך ווי א צונויפ־געדרעהטער אין א קנויל פאַרפרוירענער כאָאָס, ביז וואַנען דער גייסט פון דעם מעכטיגען טויטען האָט דערוואַרעמט מיין האַרץ; איך שפּייז מיך מיט אַלץ וואָס עס שפּייזט מיך".

מיט זיין גייסטיגען בליק זעהט שעלי ווי די וועלטען באווע־גען זיך אין דעם הימעלשען רוים באגייסטערטע, מיט א אינערלכען פייער, וואָס לויכטען אין דער נאַכט; זיין בליק דרינגט אריין אין די טיעפע אָפּגרונדען, וואו עס געהן דורך איינער נעבען צווייטען גרינע וועלטען, בלאַנדזשענדע שטערען מיט בליסטשענדע לאָקען, קאַלטע, קלאָרע אייז־לבנות. ער פארגלייכט זיי מיט די טוי־טראָ־פענס, וואָס פילען אָן אין די פריהמאָרגענס די בלומען־בעכערלעך; ער זעהט, ווי איין וועלט קאַטשעט זיך נאָך דער צווייטער פון בריאת העולם ביז דער ערד, גלייך ווי בלעזלאך אויף דער אויבער־פלאַך פון די טייכען. זיי ערשיינען און פארשווינדען און זיינען דאָך אונשטערבליך; באַשאַפענדיג אַלע מאָל נייע וועזענס,

ארויסגעבעבענדיג נייע געזעצען; נייע געטער — ליכטיגע אדער פינסטערע, גלייך ווי קליידער, וואס זיינען ארויסגעווארפען אויף נאקעטען ריפען פון דעם טויט. ער זעהט זיי אזעלכע, ווי ראפאעל האט זיי געמאהלען אין רוים אין סאנטא־מאריא דעל פאפאלא; יעדערער ווערט געפיהרט און באהערשט פון זיין מלאך. מיט דער מאכט פון דעם פאעטישען שוואונג פון זיין פארשטעלונגס־קראפט ווייזט שעלי אן דעם ארימען, געשטארבענעם קיטסען איינעם פון אזעלכע לעדיגע טראנען — א זון אהן א בעל־הבית.

זיין פעיע פון אטלאס־בערג וואוינט אין דעם עפיר. פונקט ווי אריאן פאהרט רייטענדיג אויפן רוקען פון דעלפין, אזוי טראגט זי זיך דורך מיט א ליעד אין דער לופט אויף א וואלקען און לאכט, ווען זי הערט אונטער זיך דעם בייזען רעש פון די דורכפליהענדע אין רוים פייערדיגע קוגלען. דא שפיעלט זיך שעלי מיט הימעל־קערפערם ווי א זשאנגלער מיט שפיעל־באלען, — אין פראמעטעען האט ער זיי אויפגעעפענט, ווי א באטאניקער עפענט אויף א בלום. אין פערטען אקט ווערט די ערד געמאלען אלם א דורכזיכטיגע, ווי קריסטאל; עם ווערען באשריבען איהר'ע אלע שיכטען, וואס ליגען איינער אויפ'ן צווייטען, איהרע פייערדיגע וואלקענס, איהרע גראנדיעזע קוואלען, מיט וועלכע דער ים שפייזט זיך, איהר פארשטיינערטקייט, די באגראבענע אין איהר טראפעען, איהרע חורבות אין שטעדט — שעלי'ם געניאליטעט שוועבט איבער דעם אלעמען, אטעמט אריין דעם שטארקען אטעם פון די וועלדער, זעהט דאס גרינע, סמאראגד־ליכט, וואס די בלעטלעך ווארפען פון זיך אפ און הערט די ווילדע מוזיק פון די הימעל־קערפערם. נאר די ערד שטעלט זיך איהם ניט פאר אלס אן אגרעגאט; דאס איז א לעבעדיגער גייסט, אין וועמעס אונבאקאנטען אינערען עס דרעמעלט א קיינמאל ניט־געהערטע שטימע, וועמעס שטילקייט עס רייסט זיך נאר דאמאלס איבער, ווען פראמעטעע באפרייט זיך פון זיינע קייטען.

ווען יופיטער ווארפט זיך אריין אין אפגרונד, זינגען די לבנה און די ערד א פרעהליך ליעד, א הימן פון אויסערגעוועהנליכער שעהנקייט. די ערד פרעהט זיך איבער איהר באפרייאונג פון גאט'ס טיראניע, די לבנה זינגט אוים א הייסע, באצויבערנדע ליעבע־ערקלערונג צו דער ערד; ער באשרייבט, ווי אומבאוועגליך און

שטום ער ווערט, ווען דער שאָטען פון דער ערד, דעקט איהר צו און וואָס'ר א טיעפע ליעבע ער פיהלט דאַמאַלס צו דער פּראַכטפולער ערד. זיין אונפּרוכטבאַרקייט הערט אויף, לעבעדיגע בלומען ער־שיינען אויף זיין אויבערפלעך, ער הערט מוזיק אין ים און אין דער לופט, וועהרענד די פליגעלדיגע וואָלקענס שוועבען ארום איהם, שווערע פון רעגען, ווענן וועלכען עס טרוימען די יונגע בליטען פון איהרע בלומען, און ער שרייט פריידיג אויס : — דאָס איז ליעבע, אלץ איז ליעבע !

שעלי'ס פאַנטאַזיע צולעגט דאָס גאַנצע נאַטור־לעבען און, ווי א קינד, פרעהט ער זיך מיט יעדען באַזונדערען עלעמענט. פּעיע, א שטייגער, פרעהט זיך מיט'ן פייער. (שעלי, די פּעיע פון אטלאַס 364) :

„איך צווייפעל צו די מענשען ווייסען, ווי שעהן ס'איז דאָס פייער ; יעדער פלאַם זיינער איז עהנליך אויף קאָסטבאַרען שטיין, וואָס איז צומישט אין דעם אייביג־באַוועגליכען ליכט, און געהערט צו יעדען, וואָס קוקט אויף איהם“.

די פּעיע האָט אויך ליעב די שעהנקייט פון שלאָף (שעלי, די פּעיע פון אטלאַס, 370) :

„זי האָט אָהן צווייפעל געפיהלט א זיסען פאַרגעניגען ווען זי האָט געזעהן טויטע, וואָס זיינען פאַרזינקען אין פאַרשידענע אָרטען פון שלאָף. אָט ליגען צוויי צווילינג־שוועסטער פון קינדערשען עלטער; דאָרט וויינט אן איינזאַמער אינגעל פון שלאָף ; דאָ זיינען צוויי געליעבטע אונשולדיגע צונויפגעבונדען מיט זייערע צולאָזענע לאָקען, וואָס הילען זיי ביידען איין, ווי סאַמעט הילט איין א שטאַם. און דאָ ליגט רוהיג די עלטער מיט שנעע־ווייסע האָר און צונויפ־געלעגטע הענט“.

שעלי פיהלט מיט די טייכען, וועלכע די ים'ען האָבען ליעב און פאַרשלינגען זיי אין זיך; ער באַזינגט דעם טוידט פון דער נאַטור און איהר לויה אין הערבסט און ווינטער, ער דערמאָנט ווע־גען די בלומען, וואס מען האָט געוואָרפען אויף אַדאָניסען, ער באשרייבט די זומער־גערטין און די גערטין פון שעהנקייט, וואס געהט ארום, ווי באַלדער, אין פרויען געשטאַלט ארום די בלומען אין גאָרטען און ער מאָהלט די ווילדע ראָזע פון די בערג איבער'ן הי־

מעל.*) יעדען לעבענס־עלעמענט דריקט ער אויס מיט א באזונ־דערען פּאַטעטישען ווארט — די ברייטע, וויסטע פלאַכיגע שטח'ן, וואו מיר ווערען באַצויבערט פון דעם פּרעהליכען געדאַנק, אז אלץ, וואס מיר זעהען איז גרעניצלאָז, אונענדליך, אזוי ווי מיר וואלטען געוואלט זעהן אונזער לעבען. („דזשוליאן און מאַדדאל") — די צייט, — דעם אונענדליכען ים, וועמעס כוואליעס עס זיינען יאָה־רען און זייער טעם איז ווי מענשליכע טרערען, — דעם שניי אין אלע פאַרמען פון דעם גלענצענדיגען פראַסט.

לייענט איבער דאס ליעד, אין וועלכען עס געפינען זיך די לעצ־טע ווערטער. עס פאַרקערפּערט אין זיך שעלי'ס טרויעריגע ליעבע צו דער נאַטור, און עס איז געווענדעט צו דעם גייסט פון דער פרייד. שעלי באַקלאָגט זיך, וואס דער גייסט פון דער פרייד האָט איהם פאַרלאָזט, וואס ער האָט נאָר ליעב די, וועלכע נויטיגען זיך ניט אין איהם, וואס א מענש ווי ער, שעלי, קען איהם קיינמאָל ניט באַצווינגען, אז ער זאָל זיך אומקעהרען צוריק און ער אנטלויפט פונ'ם אומעט. „די זיפצען פון טרויער טאַדלען דיך פאַר דיין אנטלויפען נאָר דו האָסט ניט ליעב קיין פאַרוואורפען." (שעלי, 498).

„איך האָב ליעב אלץ, וואס דו האָסט ליעב, דו גייסט פון פרייד! די פרישע ערד אין דער באַצירונג פון נייע בלעטלעך און די אויסגעשטערענטע נאַכט; דעם הערבסטיגען אבענד און פאַר־טאָג, ווען עס קומען ארוים די גאָלדענע דעמערונגען. איך האָב ליעב דעם שניי און אלע פאַרמען פון דעם גלאַנצענדיגען פראָסט; איך האָב ליעב די כוואליעס און די ווינטען — אלץ כמעט וואס גע־הערט צו דער נאַטור און קען ניט באַפלעקט ווערען פון דעם מענ־שענ'ס עלענד. — איך האָב ליעב די שטילע איינזאַמקייט, און אזא געזעלשאַפט וואס איז רוהיג, קלוג און גוט. וואס־זשע פאַר אן אונטערשיעד איז צווישען מיר און דיר? אך, כאָטש איינמאָל נאָך קעהר זיך אום צו מיר!"

אבער פון אָט די אומעטיגע שטימונגען שווינגט זיך שעלי'ס

---

*) Sensetive Planst, Autumn, Pon, Apollo, Arethusa, Promehteus Nubound.

גייסט, ווערענדיג באגייסטערט פון דער נאטור, ארויף מיט דער פלינקקייט פון א פויגעלע. זיין אָדע צו דעם לערך, וואס באצייכענט דעם איבערגאנג צו די פרייהייטס־ליעדער, איז אנגעשריבען געווארען אין א זארגאלזער און פרעהליכער שטימונג. איך צווייפעל, צי ווארדסווארט'ס ליעד צום פויגעלע, וואס איז עטוואס עהנליך צו דעם, און אזוי טיפיש פאר'ן גייסט און פּאָעזיע פון דער ים־שולע, איז שענער פון שעלי'ס:

„לאָז פאר'ן נאכטיגאל זיינע שאָטענדיגע וועלדער; דאָס שעהנע וועלט־קעניגרייך געהערט צו דיר."

אין אט דעם ליעד שרייט אוים דער קאָנסערוואטיווער דיכטער, ווענדענדיג זיך צום פויגעלע מיט די פיעל־באַדייטענדע ווערטער:

„דו ביסט א טיפּ פון א חכם, וואס שוועבט אין דער הויכקייט, נאָר אנטלויפט קיינמאָל ניט — בלייבענדיג געטריי צו די, צווישען זיך קרובים, הימעל און פאטערלאנד."

לאָמיר זיך יעצט אומקעהרען צו שעלי'ס לערך, וואס הויבט זיך אויף זינגענדיג און זינגט זיך אויפהויבענדיג. עס דוכט זיך, גלייך ווי אלע ווינטען וואלטען געקלונגען פון מעלאָדיען, ווי מיר וואלטען געשוועבט אין א ים פון אייביגע מאָרגען־פרישע טענער וואס האלט אין איין שטורעמען. דאָס איז דאס אינגסטע און קלאָרסטע טריאומף־ליעד פון פרייד און גליק. עס באשאפט דעם איבערגאנג צו דער, לאנגער רייה פון פרייהייטס־ליעדער, צו דער גרויסער גרופּע פון געדיכטען, וואו שעלי'ס געניאליטעט זאגט אן דאָס אָנקומען פון שפּעטערדיגע איבערקערענישען. זיין פרייהייט־ליעד איז אן איינציגער לאנגער קריעגס־רוף, איינגעקליידעט אין פארשיעדענע מעלאָדיען. אזוי שאפט ער אין זיינע אָדעס צו דער פרייהייט און איהרע פארטיידיגער — ליעדער, וואס זיינען אזוי גרויס און פּראכטפול ווי די מארסעליעזע — אזוי אין זיינע פּאָליטישע סאטירען קעגען פארשיעדענע צושטאנדען און פּערזענליכקייטען, און זיינע אריסטאָפאנישע קאָמעדיעס, וואס לאכען אויס אלץ וואס האָט ניט קיין ריכטיגע פאָרם און וואס איז לעכערליך אין זיין פאטערלאנד, אין זיינע מיסטישע און היסטאָרישע טראַגעדיעס, ביי אלע די געלעגענהייטען דריקט זיין פּאָעזיע אוים איין

אונאויפהערליכען, שטאַרקען אויסגעשריי אויף דער אונגערעכטיגקייט און חניפה, און עס איז ווי א שטאַרקער אויסרוף צו זיינע צייט־גענאָסען, וואָס טראָגען נאָך א פונק פון ענטריסטונג אין זייער ברוסט.

גלייך נאָך זיין ערשטער הייראַט איז שעלי אַרויסגעטראָטען אין זיין ראָל פון א פּאָליטישען אַגיטאַטאָר. ער איז אַוועק קיין דובלין אום צו העלפען דער ארבייט פון עמאַנסיפּאַציע פון די קאַטאָליקען. ער האָט פאַרפאַסט אַן אויפרוף צו די אירלאַנדער פול מיט אינגעלשען פייער בעטענדיג דערביי דאָס פאָלק צו פאַרמיידען געוואַלט, וועלכע האָט אויך פאַרפלעקט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. ער איז געווען אַזוי נאַאיוו, אַז פון זיין באַלקאָן האָט ער זיי אַראָפּגעוואָרפען צו די פאַרבייגעהער, וואָס ער האָט, נאָך זייער אויסזעהן, פאַרשטאַנען, אַז זיי וועלען זיך באַציהען מיט סימפּאַטיע צו די אידעען, וואָס ער זאָגט דאָרט אַרויס. ווי קינדעריש ער און זיין פרוי האָבען זיך דערצו באַצויגען קען מען זעהן דערפון, וואָס שפּאַצירענדיג א מאָל מיט הערייעט'ן האָט ער זיך ניט געקענט אָפּזאָגען פון דעם פאַרגעניגען ניט אַריינלעגען איין אויפרוף אין א פרוי'ס העט, פון וואָס זיין פרוי איז — ווי זי האָט דערצעהלט — שיער ניט געשטאָרבען פון געלעכטער. ער איז אַנוועזענד געווען אויף פיעל פאַרזאַמלונגען און איינמאָל, אין דער אַנוועזענהייט פון אָ'קאָנעל'ן און אַנדערע באַריהמטע פּערזענליכקייטען, האָט ער געהאַלטען א רעדע, וואָס האָט געדויערט א שטונדע צייט. הערענדיג איהם איז דאָס אַנוועזענדע פּובליקום אַריינגעבראַכט געוואָרען אין אַן אונבאַשרייבליכער באַגייסטערונג; אורטיילענדיג נאָך דעם, ווייזט אויס, אַז שעלי איז געווען נאָך א גרעסערער אָראַטאָר ווי פּאָעט.

ווען שעלי'ן איז א צווייטעס מאָל אויסגעקומען זיך צוזאַמענטרעפען מיט דער רעגירונגס־פּאַרטיי האָט דער צוזאַמענשטויס באַקומען א גאַנץ אַנדערען, טראַגישען כאַראַקטער. האַריעט איז געשטאָרבען, און אויפ'ן פאַרלאַנג פון איהר פאַטער, האָט דאָס קאַנצעליאַר־געריכט אָנגעהויבען אַן אונטערזוכונג וועגען דעם, ווער עס פאַרמאָגט מעהר גייסטיגע און מאָראַלישע פעהיגקייטען צו ערציהען שעלי'ס קינדער: דער געוועזענער שענקער וועסטברוק, אָדער דער

מחבר פון „קווין מעב" און „אַלאַסטאָר", וועלכען מען האָט פאַר־דעכטיגט אין דעם, אַז, זייענדיג אַן אַטעאיסט, וועט ער אין זעלבען גייסט אויך ערציהען זיינע קינדער.

לאָרד עלדאָנ'ס אורטייל איז געווען ווי פאָלגט: „שעלי'ס אויפפיהרונג ביז איצט איז אין העכסטען גראַד אונמאָראַליש; אַנ־שטאַט זיך צו שעמען, האָט ער, פאַרקעהרט, אין דער עפענטליכקייט אַרויסגעזאָגט זיינע שרעקליכע פּרינציפּען און זיי אפילו רעקאָמענ־דירט אַנדערע; דעריבער דאַרף מען אויף שטענדיג ביי איהם צו־נעמען די קינדער, נאָר ער דאַרף זיי באַזאָרגען מיט אַ פינפטען־טייל פון זיינע פאַרדיענסטען. די קינדער זיינען איבערגעגעבען געוואָ־רען צו אַ גלח פון דער הערשענדער קירך. שעלי איז אַזוי געווען פאַרטרויערט אַז די נאָהענטסטע באַקאַנטע האָבען דערנאָך פאַר איהם ניט געוואָלט דערמאָנען די נעמען פון זיינע קינדער.

אין אַ ליעד צו לאָרד עלדאָן שרייט ער אויס:

„איך פאַרשעלט דיך מיט דער באַליידיגטער פאַטער־ליעבע, מיט די האָפענונגען, וואָס איך האָב אין זיך אַזוי געוואַרעמט און פריה פאַרלאָרען, מיט די ערהאַבענע געפיהלען, וואָס דו האָסט קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען — מיט דער פאַלשער צביעות, וואָס וועט איצט באַפלעקען זייערע אונשולדיגע ליפּען ווי סם, וואָס רינט פון אַ אָפענער גיפט־בלום, מיט דעם בייזען גלויבען, וואָס מאַכט פינ־סטער דעם וועג פאַר זיך, וואָס וועט פאַרפינסטערען זייער וועג פון'ם וויעגעלע ביז'ן קבר, מיט מיין פאַרצווייפלונג, וואָס האָט מיך געמאַכט וויינען און קלאָגען; מיינע קינדער זיינען מעהר ניט מיינע; דאָס בלוט וואָס אין זייערע אָדערען איז מיינס, אָבער, אָ. טיראַן! זייער באַפלעקטע נשמה איז דיינע!"

אין אַ ליעד צו וויליאַמ'ען, זיין קליין קינד פון מערין, הייסט עס:

„זיי האָבען ביי דיר צוגענומען דיין קליין ברודעריל און שוועס־טעריל און האָבען דיך פאַרפרעמדט פון זיי, אַוועקגענומען דעם רייץ פון'ם שמייכעל און די הייליגקייט פון די טרערען. אַ מער־דערליכע אמונה, אַ שמאַך־געזעץ האָט פאַרשפּרייט אַ נעץ איבער די קינדער'ס קעפּ, און די קינדער וועלען פאַרשעלטען דיין און מיין נאָמען, ווארום מיר גלויבען פריי און אָהן מורא."

„גיט אייביג הערשט דאָס וואָרט פון'ם טיראַן און דאָס שענדליכע געבאָט פון'ם פּריסט; זיי שטעהען ביים ברעג פון'ם כעס'דיגען שטראָם און באַשמוצען זיין וואסער מיט טויט. נאָר די כוואַליעס ריננלען זיי ארום, זיי וואקסען און קאָכען; זיי ערנעהרען זיך אין דער טיעפעניש פון טויזענטער צרות. איך זעה, ווי זייערע שווערטען און פּיקעס ווערען אוועקגעוואשען ווי אונטערגעגאנגענע שיפען אויף די וואסערען פון דער אייביגקייט.“

פון שרעק, אַז מען קען נאָך ביי איהם צונעמען אַט דאָס לעצטע קינד זיינס, האָט שעלי פאַרלאָזט זיין פאַטערלאַנד, אום קיינמאָל אַהין ניט צוריקקערען. נאָר אין דער צייט וואָס דער קאַנצלער-לאָרד האָט ערקלערט שעלי'ן אַלס דעם אונפעהיגסטען מענשען, אום אויספיהרען די סאַמע עלעמענטאַרסטע געזעלשאַפטליכע פליכטען און זיך באַנוצען מיט די רעכט פון א בירגער, האָט זיך שעלי געגרייט צו באַווייזען, אַז איהם, אַלס איינעם פון ווינציגע צייט-גענאָסען זיינע געהערט דאָס רעכט אויף אונשטערבליכקייט.

געשטעמפּעלט ווי אַ פאַרברעכער האָט ער פאַרלאָזען ענגלאַנד און אומעטום, אין אויסלאַנד, ווען ער האָט זיך באַגעגענט מיט לאַנדסלייט האָבען זיי פאַר איהם מורא געהאַט און איהם געהאַסט ווי א מענשען, וואָס איז פעהיג אויף יעדען פאַרברעכען.

ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, האָט ער נאָך לאַנג צוריק באַארבייט א בראָשורע וועגען פאַרלאַמענטאַרישער רעפאָרם, וואָס איז ערשיענען אין יאָהר 1817; זי איז געווען אַזוי גוט און גייסטרייך אָנגעשריבען, אַז די רעפאָרמען, וואָס מען האָט דורכגעפיהרט אין יאָהר 1869, זיינען אין די הויפּט-יסודות אין תוך, געווען ענליך צו דעם פּראָיעקט פון'ם „אַטעאיסט און רעפּובליקאַנער“, וואָס איז אָנגעשריבען געוואָרען מיט 50 יאָהר צוריק. ער האָט ניט געוואָלט גלייך איינפיהרען אַלגעמיינע שטים-וואַהלען ניט אומבייטען די מאַכט פון דעם קעניג און פון דער אַריסטאָקראַטיע, און האָט זיך זעהר אָפט ארויסגעזאָגט קעגען אַלע סאָרטען פון איבעראיילטע ענדערונגען. זיין ראַדיקאַליזם איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז אויף 50 יאָהר געווען פאָראויס זיין צייט.

פאַרפאָלגט פון עם-הארצות און נארישקייט האָט ער אָנגעהויבען פאַרעפענטליכען זיינע פּריוהייטס-ליעדער קעגען ענגלאַנד.

זיינע פּאָליטישע ליעדער זיינען אָנגעשריבען מיט'ן בלוט פון זיין הארצען. ער האָט רעכט געהאַט אָנצורופען קעסטלער'ן און סידמוטען „צוויי וועלף, וואָס רעווען מיט זייערע איבערגעטריקענטע העלזער, צוויי שלאַנגען, וואָס האָבען זיך צונויפגעקנוילט אינאיינעם". מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז קעסטלערי, סידמוט און על־דאָן, זיינען פאַר איהם געוועזען ניט קיין באַזונדערע מענשען, נאָר די פאַרקערפּערונג פון אַ געוויסען פּרינציפּ, דער גרויסער, שלעכטער פּרינציפּ פון דער רעאַקציע, וועמען עס זיינען געבראַכט געוואָרען אַלס קרבנות זיין לעבען און גליק. ער זאָגט („די מאַסקע פון דער מאָנאַרכיע): „איך האָב אויפ'ן וועג באַגעגענט דעם מאָרד, ער האָט געטראָגען קעסטלערי'ס מאַסקע; ער איז געוועזען אויסערליך רוהיג, נאָר מיט אַ פאַרקרימטען אויסדרוק אויפ'ן געזיכט. זעקס בלוט־דורשטיגע הינט זיינען איהם נאָכגעלאָפען. נאָך זיי זיינען נאָכגעגאַנגען — די צביעות, אָנגעטאָן אין פאַלשקייט און עהנליך אויפ'ן לאָרד סידמוט; די חניפה האָט נאָכגעפאָלגט רייטענדיג אויף אַ קראָקאָדיל. אונטען איז נאָכגעגאַנגען אַ וואַנזיניג מיידעל; איהר נאָמען איז — האָפנונג, אַזוי האָט זי געזאָגט. נאָר זי איז געוועזען מעהר עהנליך אויף דער פאַרצווייפלונג, און האָט הויך געשריען, פאַרבייגעהענדיג: מיין פאַטער — די צייט — איז גרוי און שוואַך געוואָרען אין ערוואַרטונג אויף בעסערע טעג. זעהט וואָסער אַ אידיאָטישען אויסזעהן ער האָט און ווי שוואַך ער פיהרט מיט זיין האַנט איבער די האָר. ביי איהם זיינען קינדער געבוירען געוואָרען איינס נאָך איינס. זייערע ביינער האָבען זיך צונויפגעמישט מיט אַש און ערד; דערפאַר וואָס אַלע זיינען דורכגעגאַנגען דורכ'ן פלאָם פון'ם טוידט. איך בין איינע ביי איהם געבליבען. אוי וועה, אוי וועה!"

נאָר ניט נאָר אין לירישע ליעדער אליין האָט שעלי אין יענע יאָהרען ארויסגעזאָגט זיינע פּאָליטישע און סאָציאַלע אידעען און ליידענשאַפטען. אינ'ם יאָהר 1818 האָט ער פאַרפאַסט צוויי זעהר אייגענטימליכע דערצעהלערישע ליעדער: „דזשוליאַן און מאַדאַלאָ" און „ראָזאַלינד" און העלען". דאָס ערשטע מאָהלט אַ בילד פון זיין צוזאַמענלעבען מיט באַיראָנ'ען אין ווענעציע, און די געפיהלען, וואָס ער האָט דערוועקט ביי שעלי'ן. יענער מאַן, „וועמעס הארץ

א פרעמדע טרער האָט געקאָנט שניידען, ווי א וואסער טראָפּען שניידט דעם זאמד פון א פאָנטאַן, יענער מאַן וואָס האָט געקאָנט טרויעריג זיין פון ליידען, וועלכע אנדערע האָבען גאָר ניט באַמערקט", האָט, נאַטירליך, געדאַרפט געווען דערפיהלען א טיעפען מיטגעפיהל צו אומגליקליכע, וועלכע מען האָט אין יענער צייט געשמיעדט אין קייטען און געשמיסען מיט ריטער. ווי ווניציג מען האָט דאַמאָלס פאַרשטאַנען וואָס עס מיינט נשמה ליידען און מיט וואָסער א באַרבאַריזם מען האָט זיך באצויגען צו פאַציענטען קען מען זעהן פון דער באַציהונג צו משוגעים אין דער צייט פון געאָרג דעם 3-טען, נאָך אין יאָהר 1788. דעם קעניג'ס קראַנקהייט האָט ארויסגעוויזען אין צופיעל פלאַפּלעריי, נאָר אָהן א נייגונג צו געוואַלט, דאָך האָט מען איהם די גאַנצע צייט געהאַלטען אין א צוואַנגס-יאַקע, מען האָט איהם פאַרשלאָסען, איהם פאַרוועהרט האַלטען א מעסער און א גאָפּעל, און איהם איבערגעגעבען צו די קאַפּריזען פון די פאַזשען, וואָס האָבען איהם באַהאַנדעלט ווי א ניט לעבעדיגע זאַך; מען האָט איהם געשטויסען און איהם געזאָגט גראָבקייטען. נאָך זיין ערהאָלונג האָט דער קעניג דייטליך געדענקט אַלץ, וואָס מען האָט מיט איהם געטאָן אין דער צייט פון זיין קראַנקהייט און אזוי ארום איז דאָס באַקאַנט געוואָרען. אלס גוטער באַווייז פון שעלי'ס גוטען און מענשענליעבענדען כאַראַקטער איז דער פאַקט, וואָס ער, ניט וויסענדיג דערפון, אז אין פראַנקרייך האָט מען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע אָנגעהויבען בעסער באַהאַנדלען די משוגעים, האָט אָנגעהויבען פאַרלאַנגען א בעסערע, מענשליכערע באַהאַנדלונג פון די אומגליקליכע (שעלי, 194). „מיר דוכט, אז מען קען זיי אויסהיילען מיט געדולד און מיט גוטער באַהאַנדלונג, אויב מוזיק מאַכט אויף זיי אזא שטאַרקען איינדרוק."

דאָס צווייטע ליעד „ראַזאַלינד און העלען" וואָס גיט א גראַנדיעז בילד פון די אומגליקען און צרות, וואָס דער איבערגלויבען און אונטאָלעראַנץ האָבען ארויפגעוואָרפען אויפ'ן מענשליכען מין איז, נאָך מיין מיינונג, ווייניג פאַרשטאַנען און אָפּגעשעצט. דער דיכטער גיט א מיקראָקאָזמאָס פון אלע צרות און ליידען, וואָס גוטע און פריידענקענע מענשען טראָגען איבער, ארויסגערופען דורך די אַלטע אינסטיטוציאָנען אין מענשליכער שלעכטסקייט. דאָ ווערט

געשילדערט א פאַמיליען־פאַטער א פייגלינג קעגען שטאַרקע און א טיראַן קעגען שוואַכע, א שלעכטער, א עגאָאיסטישער, א פאַל־שער, א הענקער פאַר זיין ווייב און קינדער; ווען די קינדער דערהערען זיינע טריט ווערען זיי בלאַס און בלייבען שטיל. ער שטאַרבט, און ראַזאַלינדע, איז אי פאַראומערט דערפון, וואָס די קינדער פרעהן זיך איבער'ן טויט פון זייער פאָטער, און צופריעדען דערפון, וואָס זי אליין ווערט באַפרייט. דער פאַרשטאָרבענער איז געוועזן זעהר אָרטאָדאָקסיש. ווי עס האָט זיך ארויסגעצייגט האָט ער איבערגעלאָזט אזא צוואה: אויב די קינדער וועלען פאַרבלייבען לעבען מיט דער מוטער, טאָרען זיי גאָרניט קריגען פון דער ירושה, דערפאַר וואָס די מוטער האָט אין דער פאַרבאָרגענהייט ניט געגלויבט אין דער קריסטוס לעהרע און ער וויל ראַטעווען די קינדער זיינע פון אייביגען גיהנום. אויף אזא'ן אופן מוז די מוטער פאַרלאָזען איהרע קינדער ווייל, זי זאָגט:

„דו ווייסט, וואָס עס מיינט ארימקייט פאַר אומגליקליכע אין פינסטערע טעג. דאָס איז פאַרברעכען, שרעק, אָהן־רוהם, דאָס איז היימלאָז, ארומוואַנדלען אָהן קליידער איבער פאַרפרוירענע וועגען, דאָס איז ליידען, און וואָס נאָך מעהר, דאָס איז א אינערליכער פלעק, א נידעריגע פיינדשאַפט צו זיך, וואָס פאַרוואַנדעלט אין א שפּאָט דעם קלאָרען שמייכעל פון דער יוגענד, און עס צווינגט איהם פריהער צו וויינען מיט ביטערע טרערען, און דערנאָך צו פאַרלירען אויף שטענדיג דעם קוואַל פון טרערען. און דו ווייסט, אז א מוטער וועט קיינמאָל ניט פאַראורטיילען די קינדער אויף אזעלכע צרות."

ראַזאַלינדעס שיקזאַל דינט דאָ הויפּטזעכליך אום צו באַשריי־בען די צרות, וואָס איז פאַרבונדען מיט א ניט־גלייכער הייראַט, און צום מיינסטען, אום צו שילדערען דער פרוי'ס אונאָפּהענגיגקייט פון דעם מאַן דעם טיראַן. דו פיהלסט דאָ, ווי שעלי גיסט אוים אין דער ליעד אויך זיין טרויער איבער זיינע פאַרלוירענע קינדער. הע־לענע'ס מזל איז א דירעקטער וואונק אויף די פאַרפאָלגונגען, פון וועלכע דער דיכטער האָט זיך אָנגעליטען פאַר זיינע פילאָסאָפישע מיינונגען. די גאַנצע שילדערונג פון ליאָנעלא'ס לעבען און אידעען — איז א ריין אויטאָביאָגראַפישע באַשרייבונג פון דעם דיכטער

אליין. קען מען דען נאָך בעסער דערצעהלען פון שעלי׳ס מענשען־ליעבע, ווי עס ווערט אויסגעדריקט אין די ווערטער:

„פאַר איהם איז ליעבע און לעבען געווען א צווילינג, וואָס זיי־נען איינצייטיג געבוירען געוואָרען. פאַר יעדען איינעם הויבט זיך פריהער אָן דאָס לעבען און דערנאָך די ליעבע, אַבוואָהל זיי זיינען קינדער פון איין מוטער.״

א יונגער, א רייכער, פון א מיוחס׳דיגער פאַמיליע, טרעט ער אריין אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, אין די רייהען פון די וואָס ווילען באפרייען די וועלט פון דער הערשאַפט פון די דאָגמען. די ארומיגע, באַמיהען זיך אומזיסט צו טרעפען די אבזיכטען, וואָס ער האָט דערביי.

„זוכט ער רוהם? — אָבער רוהם האָט קיינמאָל ניט באקרוינט די קעפּ פון די קעמפּפער פאַר א צעשטערטען גלויבען; זוכט ער מאכט? די מאכט זיצט אויפ׳ן טראָן פון פאַרעלטערטען רעכט און אומגערעכטיגקייטען. כדי צו העלפען אַט די וואָס שרייען ווי די הונגעריגע וועלף טאָג איין טאָג אויס נאָך רויב און לויב.״

זיינע פיינט וואַרפען איהם אריין אין תפיסה, וואו ער פאַר־ברייגנט א לענגערע צייט און איז צושיידט פון זיין געליעבטער. דערנאָך באַגעגענט ער ווידער זיין געליעבטע און אונטערען שטע־רענדיגען הימעל פייערען זיי זייער חתונה.

„ראַזאַלינדע און העלענע״ — איז א ליעד, וואָס איז, וואַרשיינ־ליך, אָנגעשריבען געוואָרען אונטער׳ן איינפלוס פון טיעפער פאַר־צווייפלונג; אין קיין אַנדער ליעד איז שעלי אזוי ווייט ניט פאַר־גאַנגען אין זיין קאַמף מיט די אָפּגעלעבטע אַלטערטימליכקייטען. מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, אַז איינע פון די באַליעבטע טעמען פון די פּאָעטישע ווערק פון דעם אָנהויב יאָהר־הונדערט איז גע־ווען דער גלויבען, אַז דער האָס צו בלוט־שאַנד איז געבויעט אויף אבערגלויבען. אזוי ווי אין „ראַזאַלינד און העלענע״ אזוי אויך אין „איסלאַם׳ס אויפשטאַנד״ האָבען דער העלד און די העלדין נאָך אויפ׳ן דרינגענדען פאַרשלאָג פון דעם אַרויסגעבער אויפגעהערט צו זיין ברודער און שוועסטער. שעלי האָט מייסטערהאַפט באַארבייט דיזען אומגליקליכען פּאַראַדאָקס וואָס האָט אויך באַיראָנען שטאַרק

אינטערעסירט, און וואָס האָט שפּעטער געדינט אַלס אורזאַכע פאַר די מאוסטע און עקעלהאַפטסטע אָנפאַלען אויף בּאַיראָנ׳ען.

אין יאָהר 1820 האָט זיך אָנגעפאַנגען דער גרויסער און סקאַנדאַליעזער פּראָצעס, וואָס מיר האָבען פריהער דערמאָנט. דעם 5־טען אפּריל האָט דער פּריץ־רעגענט, וואָס האָט געמוזט חתונה האָבען אַלס טראָן־פאָרטרעטער, געהייראַט מיט דער 28־יעהריגער קאַראָלינא בּראונשווייג. נאָר ער האָט זיך אַזוי ווינציג פּייערליך דערצו באַצויגען, אַז ביי דער ערשטער באַגעגעניש אין סענט־דזשעמסער פּאַלאַץ האָט ער אַ געשריי געטאָן צו דעם געזאַנדטען מאַלמסבערי: „הערים! דערלאַנגט מיר אַ גלאָז בּראַנפען. איך פיהל זיך ניט גוט“. ווען מאַלמסבערי האָט געפרעגט, צי עס וואָלט אין דיזען פאַל ניט בעסער געווען קיין גלאָז וואַסער — איז דער פּרינץ, שעלטענדיג, ארויסגעלאָפען פון צימער, ניט זאָגענדיג קיין וואָרט צו זיין כלה. אויף דער חתונה איז ער געווען שכור, האָט געשלי־קערצט די גאַנצע צייט. זעהר גיך האָט ער אָנגעהויבען אַרויסווייזען צו דער פּרינצעסין ניט נאָר גלייכגילטיגקייט און פיינד־שאַפט, אריינטרעטענדיג אין באַציהונגען מיט אַ אַנצאָהליגער צאָהל פרויען, נאָר אויך אַ אונבאַגרענעצטע גראָבקייט; ער האָט באַפוילען זי איינצושפּאַרען, ער האָט זי ארומגערינגעלט מיט שפּיאָנען און דורך אַ פאַלשער באַשולדיגונג האָט ער ביי איהר צוגענומען איהר טאָכטער, וואָס דאָס האָט געגעבען אַ אורזאַכע פאַר אָפטע סקאַנדאַלען אין הויף. אמת, דער פּרינצעסינ׳ס אויפפיהרונג איז אויך לאַנג ניט פאַרבליבען אונשולדיג. פריהער איז זי געווען אַביסעל ניט פאָרזיכטיג, נאָר אין דער שפּעטער האָט זי אָנגעהויבען זוכען אַ טרייסט, און ניט שטענדיג אויף אַ פּאַסיגען אופן; אַזוי זעהן מיר זי אין איהר 50 יעהריגען עלטער ארומרייזענדיג איבער איירָאָפּאַ מיט איהר קוריער און קאַמערהער, געוועזענער קאַמערדינער בערגאַמי, וועמען זי שענקט פאַרשידענע טיטולען, פאַרוואַרפט איהם מיט אָרדענס און ליעבט איהם צערטליך.

ווען די פּרינצעסין איז, נאָך דעם ווי דער פּרינץ־רעגענט האָט פאַרנומען דעם טראָן, אָנגעקומען קיין ענגלאַנד, אום צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער קעניגין, האָט דער שלעכטער, וואָס איז וועגען פאַרהאַסט צו ווערען, קעניג, באַשלאָסען זיך באַנוצען דערמיט, וואָס

ער האָט געוואוסט וועגען דער פרוי'ס אויפפיהרונג דורך דער פארמיטלונג פון באצאָהלטע שפּיאָנען אום ארויסקריגען פון איהר א גט. אין דער העכסטער פּאלאַטע איז אריינגעבראַכט געוואָרען א קלאגע אויף דער קעניגין אין אונטרייהייט. און דאמאָלס האָט מען אָנגעהויבען ברייננען קיין ענגלאַנד, ביי די אונצופרידענע אויסגעשרייען פון דעם פאָלק, גאנצע שיפען מיט אויסלענדישע דינער און דינסטען, וואָס מען האָט ארויסגערופען פאַר עדות געגען דער קעניגין. מען קען זיך ניט פאָרשטעלען עטוואָס אונאַנשטענדיגערס פון אָט דעם פּראָצעס. *)

א גאנצע רייהע מיט אויספראגען וואו עס האָט זיך געפונען דאָס שלאָף־צימער, וואו דאָס בעט איז געשטאנען, וועגען דעם, אין וועלכע קאסטיומען מען האָט געזעהן די קעניגין צוזאמען מיט איהר קאמערהער, — האָבען טאָג־טעגליך אָנגעפילט די קאָלומס פון די ענגלישע צייטונגען, — ביז וואנען די באַשולדיגונג איז פּלוצלינג צוריקגעצויגען געוואָרען, אביסעל איבער דעם, וואָס ס'זיינען ניט געווען גענוג באווייזען, און אביסעל דערפאַר וואָס די פאראכטונג

*) The trial of large of her Majesty Caroline Amelia Elizabeth of Great Britain in the House of Lords on charges of adulterans intercouse, London, 1821, V. 2.

— ווי אַזוי איז בערגאמי געווען אָנגעטאָן ווען איהר האָט איהם געזעהן דורכגעהענדיג דורך דער קעניגינ'ס שלאָף־צימער?

— ער איז געווען אויסגעטאָן.

— איהר זאָגט, ער איז געווען אויסגעטאָן, וואָס ווילט איהר דערמיט זאָגען? וואָס האָט ער געטראָגען אויף זיך?

— ער איז אינגאַנצען נאַקעט געווען. (ערשטער טייל, 484).

דעם 12טען דיעזען מאָנאַט איז זי געקומען צופאָהרען אין סאַלאָן... אין דער קעניגינ'ס צימער האָט מען אריינגעשטעלט איין ברייטע בעט. דער צימער, וואָס בערגאַמי האָט פאַרנומען, איז געווען אָהן אַ בעט. מען האָט ניט געקענט צוקומען צו דער קעניגינ'ס צימער, ניט דורכגעהענדיג בערגאמי'ס צימער. מען האָט דערוויזען, אז נאָך דער נאַכט, וואָס די קעניגין האָט פאַרבראַכט אין איהר צימער, האָט מען געזעהען נאָך דער בעט, אַז דאָרט זייכען געשלאָפען צוויי מענשען. עס איז נאָר געווען איין דורכגאַנג צו דער קעניגינ'ס בעט, און וואָס האָט געפיהרט דורך בערגאמי'ס צימער, און אין זיין צימער איז קיין בעט ניט געווען (ערשטע טייל, 136).

צום קעניג, דעם שולדיגען פון דעם סקאַנדאַל, האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע.

וועגען דעם פּראָצעס האָט שעלי אָנגעשריבען אַ פּראַכטפולע סאַטירע „עדיפּ דער טיראַן“, אָדער „דער טיראַן מיט דער געשוואָלענער פוס“. דאָס האָט שעלי געפּרובט אָנשרייבען אַ פּאָליטישע קאָמעדיע, וואָס האָט זיך איהם כמעט אַזוי איינגעגעבען ווי „דאָס פּאָליטישע קינדער צימער“ פון פּרוצען. די האַנדלונג קומט פאָר אין בעאָטי. דאָס פאָלק וואָס רופט זיך אָן בולס (ד. ה. דזשאָן בול) און אויך טור, טרעטען דאָ אַרוים אין ראָלען פון חזירים. דער ענגלישער גייסט, זיין וועזען און קראַפט ווערען פּאַרצייכענט אַלס חזירים און דער טאָן פון דער ליעד קען אילוסטרירט ווערען מיט פאָלגענדען אויסצוג:

„די שטייערען, דער אמת'ער קוואַל פון יעדער חזיר'יי (וואָס'ם אַנדער אויסדרוק קען איך דען געפינען אום אַריינצונעמען אין איין וואָרט די רעליגיע, די מאָראַל, די וועלט און דער איבערפלוס און אַלץ, וואָס באַשאַפט פון בעאָטיען אַ נאַציאָן, וואָס לערענט אַנדערע, ווי אַזוי מען דאַרף לעבען?) ענטוויקלען זיך אין גלייכער מאָס מיט דער שווייַנעריי אַליין.“

די צוויי־פּנים'דיגקייט פון דעם געקרוינטען מאַן, דאָס וואָס די קעניגין האָט געוואָלט באַווייזען איהר אונשולד, קעסטלערים און סידמוט'ס ליגענס — דאָס אַלץ האָט די שאַרפזיניגע סאַטירע אַרומגעכאַפּט מיט דער זיכערסטער קראַפט.

נאָר ניט דערויף איז שעלי'ס געניאַליטעט געבוירען געוואָרען, אַז ער זאָל זיך צופּריעדענשטעלען מיט די אָפּשפּעטענישען פון די קאַריקאַטור־ערשיינונגען פון זיין צייט. זיין פרייער געדאַנק, וואָס האָט זיך געריסען אין דער הויך איז מעהר פון אַלץ געווען פּאַסענד אויף צו שילדערען אין דאָס גיגאַנטישע פרייהייטס־אידעאַל פון זיין צייט און איהם צווינגען אַריינדרינגען אין דעם פּאַרשטאַנד פון זיינע צייט־ברידער.

פון דער יוגענד־אָן האָבען שעלי'ס אַלע שטרעבונגען גענייגט זיך דערצו. ער האָט צוערשט געשריבען מוזיקאַלישע, אָדער צום אומגליק, פאָרמלאָזע ליעדער, וואָס האָבען אין זיך ענטהאַלטען אַ פּראָטעסט געגען די אומגערעכטיגקייטען פון די הערשער און דעם

קנעכטישען גייסט פון די ריכטער, קעגען דעם העסליכען כאַראַקטער פון געצוואונגענער הייראַט, געגען דער אומרעכט, וואָס מען רויבט ביי די פרויען זייער זעלבסטשטענדיגקייט, קעגען דעם מערדערישען מנהג פון הרג'ענען חיות, — מיט איין וואָרט, א פּראָטעסט געגען יעדער אַרט אונטערדריקונגען און פאַרפאָלגונגען; דער ציעל פון די ווערק איז געווען צו איבעראַנדערשען די מענשהייט און זי צו לערנען, מיט וועלכע מיטלען זי קען אויסמיידען די אורזאַכען פון איהרע אומגליקען און דערגרייכען צו אַזא לאַגע, וואָס וואָלט זיך געקאָנט אָנרופען, אין פאַרגלייך מיט דער איצטיגער צייט, א גאָלדענע צייט.

ווי ער אליין האָט זיך נאַאיוו אויסגעדריקט, האָט ער „געברענט מיט ליידענשאַפט צו איבערבויען די וועלט”. ניט קוקענדיג אויף זיין פיינדשאַפט צו דידאַקטישער פּאָעזיע, איז זיין צוועק געווען, ווי ער האָט געשריבען אין דער פאָררעדע צו זיין „איסלאַם'ס אויפשטאַנד”, צו דערוועקען אין דעם לעזער גוטע געפיהלען, אויפוועקען אין איהם א הייסען וואונש צו פאָלקאָמענהייט.

„דער פאַזישער שרעק — זאָגט שעלי — וואָס האָט, אונטער'ן איינפלוס פון רעוואָלוציאָנערע איבערשרייטונגען ארומגעכאַפּט, ווי א עפּידעמיע, אלע שיכטען פון דער געזעלשאַפט, הויבט אָן צוביסלעך אָפּטרעטען זיין פּלאַץ דעם געזונדען פאַרשטאַנד. מען האָט שוין אויפגעהערט גלויבען, אַז א גאַנץ פאָלק זאָל זיך צופריידענשטעלען מיט די גע'ירשנ'טע עם־הארצות און שלעכטע מנהגים נאָר דערפאַר, וואָס איין פאָלק, וואָס האָט גאַנצע יאָהרהונדערטע געלעבט אין דער לאַגע פון דעם אָפּגענאַרטען, אין דער לאַגע פון קנעכטשאַפט, האָט זיך אַרויסגעצייגט הילפלאָז צו פיהרען זיך מיט קלוגשאַפט און רוהיגקייט ווי פרייע מענשען, ווען מען האָט זיי אביסעל באַפרייט פון זייערע קייטען. ווען די רעוואָלוציע זאָל געווען זיין אָן ערפאָלג אין אלע הינזיכטען, דעמאָלס וואָלטען די שלעכטע איינפיהרונגען און אבערגלויבענישען פאַרלוירען א גרויסען טייל פון זייערע רעכט אויף אונזער האס צו זיי. דעמאָלס וואָלטען די אַרויפגעלעגטע קייטען געקאָנט אַראָפּגעוואָרפען ווערען מיט דער לייכטסטער באַוועגונג פון דעם געפאַנגענעמ'ס פינ־

גער, ווערענד אין דער אמת'ן שטעכען זיי זיך אריין אין אונזער נשמה און פאר'סמ'ען זי."

שעלי האָט זיך באַשלאָסען צו דערקלערען אין קלאָרע דבורים די פּרינציפּען פון דער רעוואָלוציע. זיין ליעד איז געוואָרען אַ שטראָף־רעדע, זיין פּאַנטאַזיע האָט אויסגעדריקט ניט באַאָבאַכ־טונגען נאָר זיינע פאַרלאַנגען.

דערווייל, אין איינקלאַנג מיט שעלי'ס גרוים־אַנשויאונג, ער־שיינט די פאַנטאַזיע אין אמת'ן לעבען אַלס אַ איבערבויאונגס־מאַכט. דער מענש, וועמען די גראָבע־יונגען האָבען אָנגערופען מאַטעריאַליסט, האָט ניט געלערענט אין דער שולע פון יומען און בערקלעיען: ער האָט פון זיי איבערגענומען זייערע בעסטע אי־דעאַלישע געדאַנקען. פאַר איהם איז אַלץ געווען נאָר אידעע; זאַ־כען האָבען זיך איהם פאָרגעשטעלט אַלס שיכטען פון אידעען, די וועלט — אַ גראַנדיעזע, צוזאַמענשטעלונג פון אַ סך אַלטע, אָפּגע־שטאָרבענע אידעען, פון בילדער און פאָרשטעלונגען. דערפאַר טאַקע רעפאָרמירט די וועלט יענער דיכטער, וועמעס ספּעציאַליטעט און אויפגאַבע איז צו באַשאַפען נייע און איינדרוקספולע בילדער. די פאַנטאַזיע, זאָגט שעלי, איז יענע פעהיגקייט, פון וועלכען עס הייננט אָפּ יעדער פּראָגרעס, אפילו דער מינדעסטער. דער דיכטער טרעט ארויס אַלס אַ אמת'ער רעפאָרמאַטאָר, וועלכער, אָדער לעבט אויף צוריק די אידעען וואָס האָבען שוין געהאַלטען ביי'ם אָפּ־שטאַרבען, אָדער ער צערייסט מיט אַ שטאַרקער קראַפט די שאָ־לעכץ פון די געוואוינהייטען, וואָס איז אָנגעוואַקסען אויף די טראַ־דיציאָנעלע פאָרשטעלונגען.

די פילאָסאָפישע און היסטאָרישע נייגונגען, וואָס שעלי האָט אין זיין פריהער יוגענד ארויסגעצייגט, האָט עס אין יענעם איינ־ציגען פּעריאָד פון זיין לעבען, וואָס קען זיך אָנרופען ביי איהם גאַנצער — דער פּעריאָד פון טשענטשי — ארויסגעוויזען דערמיט וואָס ער האָט ניט באַגרינדעט זיינע רעפאָרמאַטאָרישע מיינונגען אויף צייט, און רוים: אַלס פאַרלאַנגען זיינען זיי ניט געבונדען צו אַ היסטאָרישען אמת. נאָר אויב זיינע פּערזאָנען זיינען דערפאַר ניט רעאַליסטיש, אויב זיי פעהלט אייניגע וויכטיג אייגענשאַפטען, וואָס קענען נאָר צוגעגעבען ווערען דורך היסטאָרישע און לאָקאַלע

פאַרהעלטנישען זיינען אָבער די אייגענשאַפטען וואָס זיי פאַרמאָגען די פרימיטיווע שטריכען פון דער מענשליכער נאַטור. ביים שילדערען פון די כאַראַקטערס קעהרט זיך שעלי אום צו דער אור־געשיכטע. זיינע פערזאָנען זיינען האַלב־מיפישע פערזענליכקייטען, גיגאַנטישע און באַגייסטערטע וועזענס; האָבען קיין שייכות ניט מיט געוועהנליכע מענשליכע אינטערעסען, ווייל די „געשיכטע" דאָס אינטערעסאַנטע, אין וואולגאַרען זין, האָט שעלי איבערגעלאָזט אָהן אויפמערקזאַמקייט, ניט לענענדיג דערויף קיין געוויכט. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס ער איז אַזוי ניט צוגענגליך פאַר דער מאַסע. ווערענד וואַלטער סקאָט וועט שטענדיג געפינען לעזער צווישען מענשען, וואָס קענען נאָר לייענען, וועט שעלי זיין נאָר דער דיכטער פון אייניגע אויסגעקליבענע.

אום צו דערגרייכען אין דער פּאָעזיע די העכסטע שטופע פון גרויסקייט, האָט זיך שעלי גענויטיגט נאָר אין איין זאַך — אין געפינען סוזשעטען, וואָס ענטשפּרעכען זיינע פעהיגקייטען. די זייט פון זיין טאַלאַנט איז א ריין גריכישע; און אין אַלגעמיין איז שעלי מיט דעם כאַראַקטער פון זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען, מיט דער ענטוויקלונג פון זיין פאַנטאַזיע און זיין געדאַנקען־גאַנג געווען א גרעק אין פולען זינען פון דעם וואָרט. „מיר זיינען אַלע גרעקען", זאָגט ער אין איין אָרט. אָט די ווערטער באַציהען זיך אויף איהם.

אַזאַ באַציהונג ווי שעלי האָט ארויסגעצייגט אין באַצוג צו נאַטור־ערשיינונגען, צו געטער און העלדען, באַמערקט זיך נאָר אין דער פריהעסטער גריכישער פּאָעזיע. דעריבער דאַרף מען פאַרגלייכען שעלי'ן נאָר מיט די אור־אַלטע גריכישע דיכטער. אַזוי ווי זיין ליריק דערמאָנט האָמער'ס הימנען, און אַזוי ווי זיינע פּאָליטישע קאָמעדיעס — מיט זייער אום'ברחמנות'דיגער סאַטירע, אַזוי מיט זייער לירישען שוואונג — קענען אַוועקגעשטעלט ווערען צוגלייך מיט אריסטאָפאַנ'ס קאָמעדיעס — איז אין דער ערענסטער דראַמע דאַרף ער אנערקענט ווערען אלס עסכיל'ס קאָנקורענט. זיין „צעלאָזטער פּראָמעטעאוס" איז א געגען־ווערק צו עסכיל'ס „געשמידעטער פּראָמעטעאוס", און זיין „עלאדאַ", וואו עס ווערט

פּאַראויסגעזאָגט גוּיכּעגלאַנד'ס צוקונפטיגער זיעג, איז אַ נעבען־ווערק צו עסכיל'ס „צו די פּערסיאַנער".

מיר ווילען זיך נאָר אָפּשטעלען אויף „פּראָמעטעאוס". דאָס גראַנדיעזע ווערק איז די קרוין פון שעלי'ס פרייהייטס־פּאָעזי. אין איהם איז שעלי'ן געלונגען צו שילדערען דעם הערשענדען טיפּ פון זיינ צייט. פיעל טיפּען האָבען זיך געטראָגען אין זיין מוח — איוב, דערנאָך, טאַסאָ, וואָס האָבען איינצייטיג פאַרנומען די מחות פון באַיראָנ'ען און געטען. נאָר ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף פּראָמעטעאוס'ען. איבער דער ענגלישער פּאָעזיע פון יענער צייט, וואו עס ווערען באַזונגען די זעען און די פלאַכע שטח'ן דערהויבען זיך באַיראָנ'ס אַלפּען מיט זיין מאַנפרעד, און שעלי'ס קאַווקאַז מיט זיין פּראָמעטעאוס. זינט עס האָט זיך אין אמת'ן אָנגעהויבען די באַפרייאונג פון מענשליכען געדאַנק, האָט דיזער טיפּ פּאַראינטערעסירט אַלע גרויסע פּאָעטען. ער איז אין אָנהויב פון דעם נייג־צעהנטען יאָהרהונדערט געבוירען געוואָרען אין די געדאַנקען פון שעלי'ן, באַיראָנ'ען און געטען. געטע'ס פּראָכטפול ליעד שילדערט דעם מענשליכען געדאַנק, אָפּגעריסען פון די געטער, שטאָלצירענ־דיג אין זיין מיה און קינסטלערישער טעטיגקייט מיט זיין קליין שטיבעלע, וואָס ער האָט עס אליין אויפגעשטעלט, און ניט גאָט, וואָס באַשאַפט דעם מענשען נאָך זיין געשטאַלט. געטע'ס פּראָמע־טעאוס איז דער שאַפענדער און פרייער. באַיראָנ'ס בייזע, קורצע, פיעל מיט פייער ליעדער מאָהלען אַ מאַרטירער, וואָס ליידט מיט צייהן־קריצען, — אַ מאַרטירער, ביי וועלכען קיין פּייניגונגען קע־נען ניט מאַכען איהם זיך מודה צו זיין און ער האַלט עס פאַר זיין גרעסטען כבוד, אז קיינער וועט זיך ניט דערוויסען וועגען זיינע פּייניגונגען; אָט דער פּראָמעטעאוס, וואָלט זיך קיינמאָל ניט ער־לויבט, צו ווערען געטרייסט פון דעם אָקעאַנ'ס טעכטער, און וואָלט זיך קיינמאָל פאַר זיי אויף זיין גורל ניט באַקלאָגט. באַיראָנ'ס פּראָמעטעאוס איז דער קעמפענדער, דער שטאָלצער און גע־שמיעדטער.

נאָר שעלי'ס „פּראָמעטעאוס" איז אויף איינע פון זיי ניט ענהליך. דאָס איז — אַ וואָהלטעטיגער מענשען־גייסט, וואָס שטרייט מיט דעם בייזען פּרינציפּ, וואָס ווערט פון איהם אונטער-

דריקט אַ לאַנגע צייט, און ניט נאָר פון איהם, נאָר פון אַלע אַנ־דערע וועזענס, אפילו די גוטע, וואָס זיינען פאַרנאַרישט און דענ־קען, אַז די שלעכטיגקייט איז אַ נויטוועגדיגקייט און אַ רעטונג; דאָס איז אַ גייסט, וואָס קען נאָר אַ שטיקעל צייט זיין געשמיעדט און איינגעשפאַרט, נאָר אין איין שעהנעם טאָג, וועט ער, צו דער פרייד פון דער מענשהייט, זיך באַפרייען, — אַ זיעגרייכער, פרייער, וואָס וועט באַגעגענט ווערען מיט פרעהליכע הימנען פון אַלע הוי־מעלשע קערפּער־טיילען.

ער איז אינגאַנצען רוהיג אין דער צייט פון זיינע פּייניגונגען, דערפאַר וואָס ער ווייסט אַז יופּיטער'ס הערשאַפט איז נאָר אַ גע־וויסער פּעריאָד אין דער וועלט'ס לעבען. דערפאַר וויל ער ניט פאַר־בייטען דעם פינסטערען אפּגרונד, וואו ער פּייניגט זיך, אויף דער ליכטיגער פרעהליכקייט אין יופּיטער'ס הויז. ווען די פוריעס פאַר־געהן זיך פון געלעכטער, קוקענדיג אין זיינע אויגען, וואָס ווייסען פון קיין שלאָף ניט, ענטפערט ער: „מיך קימערט ניט וואָס איהר טוט שלעכטס, נאָר וואָס איהר ליידט, ווייל איהר זייט שלעכט".
אָ, ווי אַנדערש וואָלט באַיראָנ'ס פּראָמעטעאוס געענטפערט! דאָס איז די פאַרקערפּערונג פון ליעבע — די ליעבע צו די פיינד, צו מענשען. ער דערמאָנט זיך וועגען זיין כלה, „וואָס איז פאַר איהם, ביי דער אריבערטרעטונג פון זיין עקזיסטענץ, געווען עהנליך צו אַ גאָלדענעם בעכער פאַר גוטען וויין". אזיע — די נאַטור וואָס ליעבט דעם טיטאַן. זי איז דאָס קינד פון ליכט, די לעבעדיגע פאַרקערפּערונג פון דעם ליעבעם פלאַם; איהרע ליפּען, ווי פאַנטעזיא זינגט, צו פלאַקערען מיט זייער ליעבע דעם גייסט, וואָס געהט דורך זיי דורך, און איהר שמייכעל פאַרוואַנדעלט אין פייער די קאַלטע לופט.

ווען עס קומט די ענדע פון דער צייט פון אומגערעכטיגקייטען און פּייניגונגען, וואַרפט זיך דער שרעקעדיגער, פון אַלעמען פאַר־האַסטער יופּיטער, אריין אין אפּגרונד און בעט זעהר פּראָמעטע־אוס'ען ער זאָל איהם שוינען. עס קומט אָן פּראָפעטעאוס צייט, און די לופט ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ ים פון אייביגע, וואונדער־באַרע ליעבע־מעלאָדיען: די שווערגעוויכטיגע, שטילע פרייד פון דער ערד זאָגט זיך צוביסלאַך ארויס מיט דעם באַצויבערטען, פריי־

דיגען געזאַנג פון דער לבנה, ביז וואנען אלץ ווערט אויסגעמישט אין איין אלגעמיין־פרעהליכען הימן, וואָס זאָגאר בעטהאָווען האָט נים געקענט געבען קיין שעהנערס ביי דער ענדע פון דער ניינטער סימפאָניע.

מיר קענען דאָ נאָר דערמאָנען וועגען דעם, ווי אזוי שעלי, ווערענדיג עסכיל'ס א קאָנקורענט, איז ארוים אויפ'ן וועג, וואָס שעקספיר האָט אויסגעטראָטען, און געבענדיג פלוצלונג איין שפרונג אין דעם היסטאָרישען אמת, האָט ער געגעבען ענגלאַנד, אפילו נאָך באַיראָנ'ס ווערטער, די בעסטע טראַגעדיע פון אלע, וואָס זיינען ערשיענען נאָך שעקספירען. „טשענטשי" דערמאָנט עטליכע אזוינע שעקספיר'ס פיעסען ווי „א מאָס פאר א מאָס", באָטש שעקספיר האָט קיינמאָל צו שלעכטיגקייט ניט געפיהלט אזא הייסע פיינדשאַפט, מיט וועלכער די דראַמע איז אָנגעהויבט.

דער נאָמען פון בעאטריטשע טשענטשי דיענט נאָך ביז היינט פאר די רוימער אלס א סימבאָל פון פרייהייט. א יונגע מייר דעל, וואָס פאַרטיידיגט איהר עהרע געגען איהר שרעקליכען פאָטער, וועמעס גוואַלדטאַטען האָבען זיך אינדירעקט געשטיצט אויף דער אונמאָראַליטעט פון די גלחים און אלע וואָס האָבען די מאַכט, און איצט שטעלט זי זיך די רוימער פאר אלס העלדין און אלס מארטירערין. יעדעס מאָל ווען צווישען די פאַפסטליכע אונטערדריקונג האָט זיך אויפ'ן האָריזאָנט באַוויזען א שוואכע שיין פון ליכט, זיינען באלד ארויסגעשוואומען אין רוים איהר נאָמען און איהר געשטאַלט.

שעלי איז אינגאַנצען אריין אין דער היסטאָריע און האָט פאַרגעסען אלע טעאָריעס. דאָך בין איך איבערצייגט, אז שעלי'ן האָט מעהר פון אלץ פארכאַפט אין אָט דעם טראַגישען קאָנפליקט דאָס טיעפע צורייסען מיט דער טראַדיציאָנעלער, מאָראלישער בילדונג, וואָס האָט אזא פארברעכען ווי דעם פאטער'ס, געמאַכט פאר א נויטיגקייט און פשוט און אויך דער פארלאַנג אוועקצושטעלען די פאטער־ליבע אין דער וועלט־רעגירונג אין איהר אמת'ן ליכט. בעאטריטשי זאָגט: „דו גרויסער גאָט, וואָס פארנעהמט אויף דער ערד דעם פלאַץ פון א פאטער, האָסטו מיך טאַקע פארלאָזט?"

און ווען מען פרעגט זי: „ביסטו ניט שולדיג אין דיין טאַטענס טוידט?" — ענטפערט זי (שעלי, 316):

„וואָלסטו אפשר בעסער גאָר באשולדיגט דעם העכסטען שופט, גאָט, דערפאַר וואָס ער האָט דערלאָזט אזא זאַך, וועלכע איך האָב איבערגעלעבט, און צוגעזעהען? וועלכע ער האָט געמאכט אונאויסדרוקבאַר אין ווערטער און מיר ניט איבערגעלאָזט קיין אַנדער נקמה, אויסער די, וואָס דו רופסט אָן — דאָס הרג'ענען פון מיין פאטער?"

זעהענדיג די באַלטער־באַנק זאָגט זי: (שעלי, 316).

„מיינע ליידען, זיינען די ליידען פון דעם געדאַנק, הארץ און נשמה... אַך, דיזע ליידען זיינען דער קודש־קדשים פון מיין נשמה, וואָס וויינט מיט ביטערע, ווי גאַל־טרערען, ווען איך זעה, ווי אין דיזער שלעכטער וועלט, וואו קיין אמת איז ניטאָ, פארשוועכען מיך מיינע אייגענע. און אז מען זאָל נעהמען אין אנבאַטראַכט מיין גאַנצען טרויעריגען לעבען און זיין שרעקליכען סוף, און דאָס ביסעלע גערעכטיגקייט וואָס דער הימעל און די ערד צייגען ארויס צו מיר און מייניגע, און וואָסער א מערדער דו ביזט און וואָסערע קנעכט די איבעריגע זיינען, און וואָסער א מערקווירדיגע וועלט מיר שטעלען מיט זיך פאָר, מיר, די אונטערדריקער און די אונטערדריקטע, וואָלט..."

ווי עס זעהט אויס, איז דאָס וואָס בעאַטריטשע פאַרמאָגט אין זיך גוטסקייט און ענערגיע האָט צו זיך צוגעצויגען שעלי'ס אויפמערקזאמקייט. אין דער מינוט פון'ם שטאַרבען ווען עס באפאַלט זי א פחד פאַר דער מעגליכקייט צו באַגעגענען דעם פאַטער נאָך'ן טויט אויפ'ן הימעל אָדער אין דער ערד, שרייט בעאַטריטשע אויס: (שעלי, 319).

„אויב עס איז ניטאָ קיין גאָט, קיין הימעל, קיין ערד אויף דער ברייטער וועלט, דער פוסטער, דער גרויער, דער גאַסט־פריינדליכער, דער טיעפער, אונבאוואוינטער וועלט! אויב אומעדום וועט נאָר זיין דער איינציגער גייסט פון מיין פאַטער, אויב זיינע אויגען, זיין קול, זיין באריהרונג וועט מיך אומעדום ארומרינגלען, און וועט זיין די אטמאָספערע און דער אָטעם פון מיין אונטעראירדישען לעבען! אויב ער וועט אמאָל אויף זיך ארויפציהען דעם עהנליכען צו זיך געשטאַלט, דאָס געשטאַלט, וואָס האָט מיך געפייניגט אויף

דער ערד, און זיך פאַרמאַסקירענדיג מיט גרויע האָר און קנייטשען וועט קומען צוגעהן צו מיר און וועט מיך אַרומנעהמען מיט זיינע גהינום׳שע אומאַרמונגען, וועט איינגראָבען זיינע בליקען אין מיינע, וועט מיך שלעפען אַלץ אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ, איז ער דען ניט דער איינציגער געוועזען דער מעכטיגער אויף דער ערד און אומעטום? לעבט דען ניט איצט אפילו, ווען ער איז שוין טויט, זיין גייסט אין אַלעס, וואָס אָטעמט, און באַשאַפט ניט פאַר מיר און מייניגע דיזעלבע אומגליקען, בזיונות, ליידען און פאַרצווייפלונג? ווער האָט זיך אַמאָל צוריקגעקעהרט אום צו דערצעהלען פאַר די לעבעדיגע די געזעצען פון דער טויטער קעניגרייך? אפשר זיינען זיי אויך אַזעלכע שלעכטע ווי די, וואָס שלעפען אונז אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ!“

וועגען דיזען רייפסטען און בעסט־אָנגעשריבענעם ווערק זאָגט די „ליטעראַרי גאַזעט“ פאָלגענדעס: „טשענטשי“ איז דאָס עזות׳דיגע ווערק פון אונזער צייט, און באַשאַפען האָט עס, וואַרשיינליך, דער רוח אַליין. דער קריטיקער האָפט ווייטער, אַז אין זיינע הענט וועט קיינמאָל ניט אַריינפאַלען אַ בוך, „וואָס איז אַזוי פול מיט שמוץ; אונגלויביגקייט און נידערטרעכטיגקייט“.

אָט די אָנפאַלען האָבען שעלי׳ן געטראָפען אין סאַמע האַרצען. ער האָט געדענקט, אַז איצטיג׳ס מאָל האָט ער געשאַפען זיין בעסט ווערק. מען קען ניט זאָגען, אַז זיין גייסט איז געפאַלען, נאָר ער האָט פאַרלאָרען יעדען פאַרלאַנג צו שאַפען. אין די לעצטע צוויי יאָהר פון זיין לעבען האָט ער ניט אַרויסגעלאָזט קיין איין גרויס ווערק. ער שרייבט אין נאָוועמבער פון דעם יאָהר 1820: „אונצווייפעלבאַר, ז׳ז די באַגעגעניש וואָס די לעזער האָבען מיר אַרויסגעוויזען, קען טויטען די באַגייסטערונג ביי יעדען מענשען“.

זיינע לעצטע בריעף זיינען פיעל מיט באַמערקונגען וועגען זיינע קריטיקער:

אַפּריל, 1819:

„וועגען די רעצענזיעס קען איך זאָגען, אַז זיי זיינען אינגאַנצען פיעל מיט זידלערייען, זיי זיינען ניט גענוג דורכגעפיהלט און ניט גענוג אמת, אַז זיי זאָלען זיך אינטערעסירען.“

מערץ, 1820:

„אויב איינע פון די קריטיקען וועט ענטהאַלטען אַ גוטע מאַכ

פון זידלערייען, טאָ זיי אַזוי גוט, שנייד זי אויס און שיק זי מיר צו. אויב זיי וועלען מיך ליובען, דאַרפסטו זיך ניט נעהמען די מיהע. איך שעם זיך, ווען איך טו אַ טראַכט, אַז איך קען נאָך אַביסעל געלויבט ווערען פון זיי. איך פיהל מיך געשמייכעלט דערמיט, אַז די זידלערייען זיינען כשר־פּאַרדיענטע".

אין 1821 שרייבט ער אַ ליעד, וואָס איז געווידמעט קיטסען או' פּאָלט שטאַרק אָן אויף דעם קריטיקער וועלכען מען באַשולדיגט אין דעם דיכטער'ס טויט: (שעלי, 393).

„די שאַנד דאַרף אויסברענען אויף דיין שטערען אַ וואונד. און ציטערען דאַרפסטו ווי אַ דורכגעקלאַפּטער הונט".

אין יוני, 1821:

„איך האָב זיך דערוואוסט, אַז די זידלערייען וואָס מען ערלויבט זיך וועגען מיר שטייגען איבער אַלע מאָסען. איך בעט דיך, אַז ווי נאָר דו וועסט קריגען אַזאַ באַליידיגענדען אַרטיקעל שיק איהם מיר גלייך צו. ביז איצט האָב איך זיך לייכט באַצויגען דערצו. נאָר ביטער וועט זיין יענע פינסטערלינגען ווען זיי וועלען מיך אַרויס־ברייגען פון'ם צושטאַנד פון גלייכגעוויכט! איך האָב זיך דער־וואוסט, אַז מיין זידלער אין „קוואַטערלי רעוויו" איז דער זעהר געשעצטער מר. מילמאַן. די פּאַסטאָרס האָבען זייערע פּריי־ווילעגיעס"

אויגוסט, 1821 :

„איך שרייב ניט גאָרניט און וועל שוין, וואַרשיינליך, גאָרניט ניט אָנשרייבען".

ווען באַיראָנען האָבען זיינע פיינד אַזוי צורייצט, האָט ער אויף אַ מינוט אָפּגעשטעלט זיין אַרבייט און זיי אַליין געוויזען לייבען־נעגעל. נאָר מיט שעלי'ן איז עפּעס אַנדערש פאָרגעקומען. דאָס וואָס ער האָט אָנגעשריבען אין „פּעטער בעל דער דריטער" געגען זיינע קריטיקען — איז דאָס נאָר אַ שפּילעוודיגער שפּאַס אין פאַרגלייך מיט באַיראָנ'ס אָפּשפּעטען פון סאַוטין און די איבע־ריגע. יעדעס מאָל ווען שעלי איז אַרויסגעטראָטען האָבען די ליטע־ראַרישע שלענג און ווערים זיך געראַיעט ביי זיינע פיס. זיי האָבען געביסען זיינע טריט. ער האָט ניט געקאָנט צו־זעטען זייערע קעפּ, וואָרום ביי אַזעלכע באַשעפענישען, ווי סווינבור'ן

זאָגט, זיינען די קעפּ זעהר קליין, אַז מען זאָל קענען זיי באַמערקען און צוקוועטשען. אויסער דעם האָט באַיראָן מיט זיינע פּאָעטישע ווערק געקראַנגען אין איירא̇פּא טויזענדער פריינד און פאַרעהרער; ער האָט געטיילט דעם פּארנאס מיט געטען; שעלי, אָבער, פאַרקעהרט איז אויך אַ סך פאָראויס אַוועק פון זיין צייט. א קאָמאַנדיר, וואָס געהט פאָראויס מיט צוואַנציג טריט קען נאָך נאָכפיהרען דעם המון נאָך זיך; נאָר אויב ער וועט פאָראויסלויפען אויף טויזענד טריט וועט דאָס פאָלק איהם ניט זעהן און וועט איהם ניט קענען נאָכגעהן, און יעדער ליטעראַרישער שיסער וואָס וועט איהם באַגעגנען קען איהם דערשיסען.

מאָר איז געוועזען טאַלאַנטפול און אַלס א טאַלאַנט האָט ער געהאט א ווירקונג. אָבער שעלי איז ניט געוועזען קיין טאַלאַנט, ניט קיין ריזיגער און ניט קליינער; ער איז געוועזען א געניע — דער געניע פון די ליעדער, מיט דער גאַנצער קראַפט פון געניאַליטעט, נאָר מיט א שוואַכען פארשטענדניש פאַר דער ווירקליכקייט; איהם איז געוועזען באַשערט אין פארלויף פון'ם נייגצעהנטען יאהרהונדערט צו הערשען איבער דעם יונגען דור פון די ענגלישע דיכטער! נאָר ער האָט ניט דערגרייכט קיין צוואַנציגסטעל חלק פון דער ווירקונג, וואָס עס האָט געהאט נאָר וועלכער האָט פארמאָגט טאַלאַנט. באַיראָן איז געוועזען דער אינדיווידועלער דיכטער, ווי קיינער ביז איהם, און אַלס אַזעלכער איז ער געוועזען אַן עגאָאיסט אין דער פולער מאָס; ער האָט זיך ניט געקאָנט אָבזאָגען פון אַבערגלויבענישען און עהרע־גייציגקייט, אַז זיי זאָלען ניט אָנריהרען זיינע איידעלע געפיהלען. שעלי, פאַרקעהרט, וואָס האָט אין זיך קיין ביסעל זעלבסט־ליעבע און עהרע־גייציגקייט ניט פאַרמאָגט, האָט זיך אין גאַנצען אומבאַדינגט איבערגעגעבען צו זיינע אידעאַלען; ער האָט ענטוויקעלט זיין „איך" ביז וואַנען עס האָט אַרומגעכאַפּט די וועלט; נאָר דאָס, וואָס עס איז געוועזען ביי איהם, אַלס מענש, א ריין־אידעאַלע זאַך האָט עס, אָדער געהאט א שלעכטע ווירקונג אויף זיין פּאָעזיע —יעדענפאַלס אויף די עטליכע פּאָעטישע ווערק, וואָס ער האָט אָנגעשריבען אין דעם ערשטען פעריאָד פון זיין קורצען לעבען. אַט דעם אָהן אַביסעל עגאָאיזם פּאָעט האָט זיך ניט געקאָנט פאַרצאַמען מיט געוויסע גרעניצען. לאַנגע יאָהרען האָט ער

ניט געהאַט קיין קלאָרען באַגריף וועגען די פאָרמען, וואָס זיינען נויטיג אויף צו באַשאַפען גרויסע ווערק. דערפאַר האָט ער, ביים ערשטען אַרויסקומען אויף דער אַרענאַ, זיך אָנגעשלאָגען אויף דער שוועל, און דערצו פאָדערט זיך נאָך עטוואָס גרעסערס ווי אַ געניע, אַז דער לעזער זאָל פאַרגעסען אַזאַ דעביוט. זיין „אויפשטאַנד פון איסלאַם“ ניט קוקענדיג אויף אייניגע וואונדערבאַרע סצענען — איז אַ אונבאַשטימט, אונפאָרמיג ווערק, וואָס שוועבט אין דער לופטען. אויסער דעם, איז דאָס געדיכט מיט זיינע שאָטען־עהנליכע, בלוטלאָזע פערזאָנען אַזוי אויסגעצויגען און לאַנג, אַז איבערלייענען עס ביז דער ענדע — איז אַ שווערע אויפגאַבע, וואָס נאָר אייניגע לעזער האָבען עס געקאָנט טאָן. ביז וואַנען שעלי האָט ניט אָנגעשריבען „טשענטשי“ האָט ער, וואַרשיינליך, ניט געהאַט דעם מינדעסטען באַגריף וועגען יענעם אונענדליכען צויבער און וועגען דער גרויסער ווירקונג, וואָס עס פאַרמאָגט דאָס אינדיווידועלע, דאָס אייגענטימליכעס אין יעדען מענשען. אפילו פראָמאָטעאוס און אזיע, אלס פערזאָנען, ציינען אַרויס זעהר ווענינ אינדיווידועלע פעהיגקייטען; זייערע נעמען זיינען נאָר אויפשריפטען אויף דער פראַכטפולסטער ליריק, וואָס איז ווען אַמאָל ערשינען אין ענגלאַנד. „טשענטשי“ באַווייזט קלאָר, אַז שעלי האָט נאָך געקאָנט אין זיך ענטוויקלען דאָס, וואָס עס פעהלט איהם אין דער הינזיכט, נאָר צום באַדויערען איז ער אַראָפּ פון דער סצענע נאָך פריהער, איידער ער האָט געקאָנט אויספיהרען די אַרויפגעלעגטע אויף איהם האָפנונגען, און נאָך איידער זיינע צייט־בירגער האָבען צייט געהאַט צו פאַרשטעהן, ווי טייער ער איז זיי. און כאָטש זיינע קליינע לירישע ליעדער איבערטרעפען מיט דער פרישקייט, אמת'דיגקייט און פּאָעטישער שעהנקייט אַלץ, וואָס דער נייאַנצעהנטער יאָהר־הונדערט האָט באַשאַפען אין דער לירישער פאָרם, נאָר אויך זיי האָבען געקאָנט ווירקען אויף די לעזער אין דער צייט, וואָס שעלי האָט געלעבט, ווארום די בעסטע פון זיי זיינען ערשיענען ערשט נאָך זיין טויט.

דערפאַר האָט ער אַזוי ווינציג ווי מאָר און לענדאָר געקאָנט ווירקען אויף דער איבערקערעניש אין דעם געזעלשאַפטליכער פאַרשטאַנד, אין וואָס אייראָפּא האָט זיך גענויטיגט און וואָס זי האָט

ערוואַרטעט. אויף אויסצופיהרען די זעהר שווערע ארבייט — אויפצוטרייסלען ביז׳ן גרונד דעם פּאָליטישען און רעליגיעזען פאַר־שטאַנד פון אייראָפּא, אויפוועקען די שלאָפענדע און אריינשליי־דערען די טריאומפירענדע אין דעם אפּגרונד פון שפּאָט און געלעכ־טער — האָט זיך געפאָדערט אזא דיכטער, וואָס האָט געדאַרפט זיין אזוי אינדיווידועל, ווי שעלי, אלזייטיג, שאַרף אין זיינע סאַטירישע איינפאַלען, גראַציעז און האַרמאָניש. עס האָט זיך געפאָדערט א מח, וואָס זאָל קענען אויפוועקען דעם אינטערעס פון די צייט־ביר־גער, מיט זיינע גוטע מעלות ווי מיט זיינע חסרונות. שעלי׳ס אינ־סטרומענט איז געווען א צאַרטער פידעל; מען האָט אָבער גע־דאַרפט א האָרן, צו רייניגען די לופט און געבען א סיגנאַל פאַר׳ן קאַמף.

יעצט בלייבט נאָך איבער צו דערצעהלען וועגען שעלי׳ס לעבען: זיין לעצטע רייזע פון ליוואָרנאָ קיין לעריטשי, ווען עס האָט איהם פאַרכאַפּט דער ניט־פאָראויסגעזעהענער שטורם און ער איז שוין א היים קיין לעבעדיגער ניט געקומען, — די לאַנגע טעג, וואָס זיין פרוי האָט פאַרבראַכט אין גרויסער שרעק, ארומזוכענדיג איהם אויף די איטאַליענישע ברעגען, — און ענדליך דאָס געפינען פון׳ם טויטען קערפּער, וואָס מען האָט ניט געקאָנט דערקענען. מען האָט ארויסגעגעבען א פאַראָרדנונג *), אז אלץ וואָס דער ים וואַרפט ארויס אויף׳ן ברעג זאָל מען פאַרברענען. באיראָן האָט זיך דערמיט באַנוצט, און איהם געמאַכט א גריכיש־היידישע לויה, וואָס האָט ענטשפּראָכען זיין כאַראַקטער. דאָס פייער האָט מען באַגאָ־סען מיט וויירויכען, וויין, אָליוון־בוימעל און באַזאַלצען מיט זאַלץ, ווי אין דער אַלטער עלאַדע. דאָס איז געווען א פּראַכטפולער טאָג און א וואונדערבאַר בילד — דער רוהיגער ים און די אפּעניגען אין אונטערגרונד. א קליין פויגעלע האָט זיך געדרעהט איבער׳ן מזבח און מען האָט עס בשום אופן ניט געקאָנט אָפּטרייבען. דאָס פייער האָט זיך געהויבען מיט א גאָלדענער אָפּשיין. דער קערפּער איז פאַרברענט געוואָרען אָבער דאָס האַרץ, צו אַלגעמיינער פאַרוואונ־דערונג, איז גאַנץ געבליבען, און טרעלאוני האָט ארויסגעכאַפּט אָט

*) מורא האָבענדיג פאַר דער משומא.

די רעליגוויע און האָט זיך אָפּגעבריהט די הענט דערביי. דאָס אַש האָט בען באַגראָבען צופיסענס פון דער פּיראַמידע פון צעסטי אין רוים, וואו שעלי האָט ליעב געהאַט זיך אָפּצורוהען.

דער מענש, וואָס האָט פאַרברענט שעלי׳ן האָט אויך איבערגע־נומען זיין גייסטיגע ירושה. מיר באַגעגענען זיין נאָמען אויף יעדען זייטעל פון דער געשיכטע פון דעם נייַנצעהנטען יאהר־הונדערט. מיר האָבען געזעהן ווי וואָרדסוואָרט, קאָלרידזש און סקאָט האָבען איהם פאַרבערייטעט, ווי סאָוטי האָט איהם געהאַסט, ווי לענדאָר האָט איהם ניט פאַרשטאַנען, ווי מאָר האָט געליעבט, און ווי שעלי איז געווען פון איהם באַוואונדערט, באַאיינפלוסט און באַזונגען. ער פאַרנעהמט אַן אָרט אין לעבען פון די גרעסטע דיכטער פון זיין צייט, אין אמת׳ן לעגט ער טאַקע אַרויף אויף דער פּאָעטישער ליטעראַטור פון דעם נייַנצעהנטען יאהר־הונדערט אַ פאַרענדיגטען און שאַר־פען זיגעל.

17

בייראָן, די ליידענשאַפטליכע פערזענליכקייט.

ווען איהר געהט אריין אין טהאָרוואלדזענשען מוזעאום אין קאָפּענהאגען, און דרעהט זיך אַרום רעכטס, באַגעגענט אייער אויג אַלס דאָס ערשטע ווערק, אַ מאַרמאָר ביוסט פון אַ נאָבעל אויסזעהענדען יונגען מאַן מיט שעהנע געזיכטסציגע און געקרייזעלטע האָר — דעם ביוסט פון לאָרד בייראָן. אין צימער נומער 12 געפינען מיר דאָסזעלבע ווערק אין פּלאַסטער, און אין נומער 13, שטעהט די סטאַטוע וואָס איז (נאָך בייראָן'ס טויט), לויט'ן ביוסט געמאַכט געוואָרען. לאָמיר זיך צוקוקען צום פּלאַסטער ביוסט, וועלכער איז אָהן צווייפעל דער עהנליכסטער צום אָריגינאַל. שענקייט און פּאָרנעהמקייט זיינען די ערשטע אייגענשאַפטען וואָס מיר באַמערקען צוערשט אין יענעם קאָפּ און פּנים; אָבער דעם נעקסטען מאָמענט ציהט אונז צו אַן אויסדרוק פון ענערגיע, וואָס קומט דער הויפּט פון אַן אומרוהיגען ציטער פון שטערען — וואָס ווייזט אָן ווי כמאַרעס וואָלטען זיך אָנגעקליבען אויף איהם און אַ בליץ וואָלט אַרויסגעבליצט פון זיי — און פון עפּעס הערשעריש צווינגענדעם אין קוק. דער שטערען באַצייכענט אונווידערשטעליכקייט.

ווען מען געדענקט די אומעהנליכקייט פון טהאָרוואלדזען'ס און בייראָן'ס נאַטורען, און מען געדענקט אַז העכסט וואהרשיינליך האָט טהאָרוואלדזען קיינמאָל קיין שורה פון בייראָן'ס פּאָעזיע נישט געלעזען, און אויך אַז דער פּאָעט האָט זיך נישט אַרויסגעצייגט פון זיין בעסטען זייט צום סקולפּטאָר, מוז מען באַטראַכטען דאָס רעזולטאַט פון טרעפען זיך פון די צוויי מענער אַלס אויסעראָרדענטליך

צופרידענשטעלענד. דער ביוסט גיט איבער אַ נויטווענדיג שוואַכע און נישט פאָלקאָמענע אָבער פון דעסטוועגען אָן אמת'ע און שעהנע פאַרשטעלונג פון אַ הויפּט זייט פון בייראָן'ס כאַראַקטער, וואָס מען וואָלט קוים ערוואַרטעט אַז טהאָרוואַלדזען זאָל איהר באַנעהמען. דעם סקולפּטאָר'ס אמת'ע געביעט איז די אידיליע. ווען ער נעהמט זיך אונטער פאַרצושטעלען אַלכסנדר מוקדון'ס טריומפירענדען אַריינמאַרש אין בבל געלינגען איהם בעסער די פאַסטוכער, די שאָף, די פישערס, די פרויען, די קינדער, די פראָצעסיאָן בכלל איידער דער העלד גופא; דאָס העלדישע איז ניט אויף דעם זעלביגען אופן ווי זיי, זיין זאַך; מיט וויפיעל ווינציגער איז עס די קריגערישע נאַטור אין איהר קאָמפּליצירטער מאָדערנער פאָרם וואָס ווערט אָנגערופען דעמאָניש. און דאָך האָט ער פאַרשטאַנען בייראָנען. אין ביוסט (נישט אין דער סטאַטוע) האָט ער דער וועלט געגעבען אַ מאָנומענט פון איהם וואָס איז ווירדיג — כאָטש עס האָט נישט צופרידענגעשטעלט נישט די גרעפין גוויטשיאָלי, נישט טאָמאַס מאָר — אי פאַר דעם פאָעט אי פאַר דעם קינסטלער. וואָלט טהאָרוואַלדזען באמת געקאָנט בייראָן'ען, וואָלט זיין ווערק געווען נאָך בעסער; זיין פנים וואָלט געהאַט דעם הויך פון אָפענהייט און צוציהונגס־קראַפט וואָס האָט געמאַכט אַזאַ רושם אויף אַלע וואָס האָבען איהם גוט געקאָנט. אָט דאָס פעהלט, אָבער דעם דענישען סקולפּטאָר איז געלונגען אַריינצודרינגען אין דעם וואָס איז געלעגען הינטער יענעם טרויערהאַפטען אויסדרוק וועלכען ער האָט באַטראַכט אַלס אַן אָנגענומענעם און באַווייזען אונז דאָס ליידען, די אומרוהיגקייט, דעם זשעניע זיין נאָבעלע און שרעקליכע קראַפט.

עס איז געווען מיט דעם בייראָן פון מוזעאום מיט וועלכען דער דור אין דענמאַרק, וואָס איז געקומען נאָך איהם, איז אויפגעוואַקסען. אָבער דאָס בילד וואָס איז דאָרט פאַרגעשטעלט געוואָרען האָט זיך צונויפגעקניפּט שטענדיג אין זייערע מוחות מיט דער נעשיכטע פון פאָעט'ס באַזוך אין טהאָרוואַלדזען'ס אַטעליער און מיט דער באַמערקונג פון לעצטערען: „עס איז געווען זיין איינפאַל צו זיין אומגליקליך *) און זיי האָבען זיך געוואונדערט פאַרוואָס אַזאַ

*) Thiele: Thorwaldsen In Rom. 1.342.

גרויסער מאַן זאָל נישט געווען זיין אין גאַנצען נאַטירליך. אַט אַזוי איז די ערשטע שטעלונג פון די דענען צו בייראָן געווען אַ פאַלשע, אָדער לכל הפחות, אַן אומזיכערע. און אַן אומזיכערע פאַרבלייבט זי נאָך עד היום. ער איז ווינציג וואָס צוגעפאַסט צו זיין דער העלד פון איצטיגען דור. אָט דאָס גופא וואָס איז געווען פון גרעסערע ווירקונג איידער זיין גרויסקייט אַלס פּאָעט ארויסצורופען די באַוואונדערונג פון אונזערע זיידעס און באָבעס, אָט דאָס שטויסט אָפּ דעם איצטיגען דור אַלע יע.נע לעגענדאַרישע טראַדיציעס (וואָס פאַרנעבלען באמת זיין לעבענס־געשיכטע אין אונזערע אויגען) פון בייראָן, דעם ביהנען־העלד מיט זיין שניפּס וואָס יעדער האָט נאָכגעמאַכט; בייראָן, דער העלד פון ראָמאַנטיק, וועמעס שטענדיגע באַגלייטערם זיינען געווען רעוואָלווערען און וועמעס ליעבעס־אַוואַנטיורען זיינען געווען גראַד אַזוי באַריהמט ווי זיינע פערזען; בייראָן, דער אַריסטאָקראַט, מיט דעם טיטעל וואָס ער האָט פאַר אַזוי הויך פאַררעכנעט, אָבער וואָס מאַכט אַ קנאַפּען איינדרוק אויף אַ דור וואָס אַנערקענט קיין שום אַנדערע אַריסטאָקראַטיע אַ חוץ די פון גייסט. דאַצו האָט נאָך אונזער פּראַקטישער דור אַן אָפענע פאַראַכטונג פאַר דאָס וואָס בייראָן האָט זיך אַמאָל פאַרגעשטעלט, אַז זיין כבוד פאַרלאַנגט עס פון איהם צו זיין און וואָס ער איז צומאָל טאַקע געווען — אַ דילעטאַנט.

עס איז געווען אַ כבוד־זאַך פאַר איהם צו פּראַקטיצירען זיין קונסט אויף אַ נישט־פּראָפעסיאָנעלען אופן. זיין שטעלונג און באַשעפטיגונג (אַזוי שרייבט ער אין דער הקדמה צו זיין ערשטען באַנד פּאָעזיע) מאַכען עס פאַר זעהר אונוואהרשיינליך אַז ער וועט זיך ווידער נעהמען צו דער פעדער; אין 1814 ביים סאַמע שפּיץ פון באַריהמטקייט וואָס זיינע ערשטע ערצעהלונגס־פּאָעמען האָבען פאַר איהם געוואונען, באַשליסט ער נישט מעהר קיין פּאָעזיע צו שרייבען און צו אונטערדריקען אַלץ וואָס ער האָט געשריבען. אַ חודש נאָכדעם שרייבט ער ל אָ ר אַ. דזשעפרי האָט קריטיקירט דעם כאַראַקטער פון העלד אַלס צופיעל אויסגעאַרבייט. בייראָן פרעגט (אין אַ בריעף אין יאָהר 1822): „וואָס פאַרשטעהען זיי אונטער „א ו י ס ג ע א ר ב י י ט ?" איך האָב געשריבען ל אָ ר אַ בשעת

איך האָב מיך אויסגעטאָן אהיים קומענדיג פון בעלער און מאַסקע־ראַדען אין יאָהר פון שמחות 1814".

מיר פיהלען אז ער באַטאָנט דאָ דעם זאַרגלאָזען אופן פון שאַפען און די פלאַנלאָזיגקייט וואָס איז דאַמיט פאַרבונדען געווען, אוים פאַרלאַנג צו ווייזען אַז ער איז נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער פּאָעט, נאָר צו אַלער ערשט אַ וועלט־מענש, אין צווייטער שטעלע דאָס וואָס זיין טאַלאַנט האָט איהם פאַרבאָטען צו זיין, — דאָס איז אַ פּאָעטישער דילעטאַנט.

כאָטש ער איז נישט געווען ביכולת צו זיין אַ דילעטאַנט אין דעם באַרוף אין וועלכען ער איז געווען ענטשלאָסען זיין ראָלע צו שפּיעלען (אַ באַשלוס וואָס פאַרשמעלערט הײַנט־צו־טאָג אונזער רעספּעקט פאַר איהם) איז ער אָהן צווייפעל געווען אַ דילעטאַנט אין אַנאַנדער געביעט פון טעטיגקייט ווען עס איז אבסאָלוט נישט געווען זיין פאַרלאַנג אַזעלכער צו זיין און דאָס איז אין דער פּאָליטיק. כאָטש ער האָט זיך אַרויסגעוויזען שטענדיג פאַר פּראַקטיש ווען עס איז געקומען צו פּאָליטישען טעטיגקייט, איז דאָך זיין פּאָליטיק געווען אין אמת'ען — סיי ווען ער האָט זיך באַטייליגט אין די פאַרשווערונגען פון די קאַרבאָנאַרי אין ראַווענאַ, סיי ווען ער האָט קאָמאַנדירט די סוליאָטען ביי מיסאָלונגי — די פּאָליטיק פון אַן עמאַנציפּאַליסט (געפיהלס־מענש) און אַוואַנטיוריסט. זיין ערשטע אויפטוואונג נאָכדעם ווי ער האָט באַשלאָסען צו געהן קיין גריכענלאַנד איז געווען צו באַשטעלען פאַר זיך און זיינע פריינד באַגולדעטע העלמען מיט זיין מאָטאָ איינגראַווירט אויף זיי. דער גרויסער פּאָליטיקער פון הײַנט־צו־טאָג איז דער וואָס מאַכט פּלאַנען, האַלט זיך אָן זיי און אַרבייט זיי אוים יאָהר נאָך יאָהר און צום סוף פיהרט ער זיי דורך, איינגע'עקשן'ט און נישט אכטענדיג די זייטיגע לאָזונגען, אָהן דער העלדישער מאַשינעריע אָבער מיט אַ העלדי־שען באַשלוס.

מען מוז נישט פאַרגעסען, אַז אַ גאַנצע שורה פון בייראָן'ס באַוואונדערער און נאָכמאַכער האָבען זיך אַריינגעריסען צווישען איהם און אונז, האָבען פאַרטונקעלט זיין געשטאַלט און צומישט אונזער איינדרוק פון דעם געשטאָרבענעם גרויסען מאַן. זייערע

אײנגענשאַפּטען זײנען געװען פאַררעכענט אַלס זײנע און איהם האָט מען געטאַדעלט פאַר זײערע חסרונות. װען די ליטעראַרישע רעאַקציע האָט זיך אָנגעהױבען אַנטקעגען יענע װאָס האָבען איהם האַלב און שלעכט פאַרשטאַנען — אַנטקעגען די האַרץ־געבראָכענע — די בלאַזירטע, די חידות'דיגע שרײבער — האָט זײן נאָמען געלי־טען צוזאַמען מיט זײערען. מען האָט איהם אָפּגעראַמט צוזאַמען מיט זײ. ער האָט פאַרדיענט אַ בעסערען מזל.

דזשאָרדזש גאָרדאָן בײראָן, געבױרען דעם 22טען יאַנואַר 1788, איז געװען דער זוהן פון אַ לײדענשאַפּטליכער און אומגליק־ליכער מאַמע, װאָס האָט אַ קורצע צײט פאַר זײן געבורט פאַרלאָזען איהר צולאָזטען, ברוטאַלען מאַן. איהר מאַן, קאַפּיטאַן בײראָן, װאָס האָט געדיענט אַ געװיסע צײט אין אַמעריקאַ אַלס אָפיציר פון דער „גאַרדע", איז באַקאַנט געװען אין זײן יוגענד אַלס דער „משוגענער דזשעק בײראָן". ער איז אַנטלאָפען אױפ'ן קאָנטי־נענט מיט דער פרוי פון מאַרקיז פון קאַרמאַרטהען, האָט מיט איהר געהײראַט װען איהר מאַן האָט זי גע'גט, האָט פאַרשפּענדט זײן גאַנץ געלד און איהר אַזױ שלעכט באַהאַנדעלט, אַז זי איז געשטאָר־בען פון שמערץ עטליכע יאָהר נאָך דער חתונה. קאַפּיטאַן בײראָן האָט זיך אומגעקעהרט קײן ענגלאַנד מיט זײן קלײנער טאָכטער אױגוסטאַ און, נאָר כדי צו פאַרבעסערען זײנע אומשטענדען, האָט ער געהײראַט אַ רײכע שטאָטישע יורש'טע, מיס קאַטהערין גאָרדאָן פון גאַיט, װעלכער איז געװאָרען די מאַמע פון דעם מאַן װאָס האָט אַלץ נאָך אַן אַלװעלטליכע באַריהמטקײט. גלײך נאָך דער חתונה האָט קאַפּיטאַן בײראָן אָנגעהױבען צו פאַרשליאַנדרעװען דאָס פאַר־מעגען פון זײן צװײטער פרױ. אין דעם מהלך פון אײן יאָהר צײט האָט ער עס אַראָפּגעבראַכט פון 24,000 פונט צו 3000 פונט. זי האָט איהם איבערגעלאָזען אין פראַנקרײך און אָנקומענדיג קײן לאָנדאָן האָט זי געבױרען איהר אײן־און־אײנציג קינד. דורך אַ צופאַל װאָס איז געשעהן, װי מען זאָגט, בײ דער געבורט, איז אײנס פון דעם קינד'ס פיסלעך באַשעדיגט געװאָרען.

צװײ יאָהר דערנאָך איז די מאַמע געגאַנגען מיט איהר זוהן קײן שאָטלאַנד און האָט זיך באַזעצט אין עבערדיען. קאַפּיטאַן

בייראָן בשעת אַן אָפּהאַלט אין זיינע אויסברענגונגען איז זיי אהין נאָכגעגאַנגען, האָפּענדיג אַרויסצושלעפּען מעהר געלד פון זיין פרוי. זי האָט איהם גרויסמוטיג געגעבען שוץ אונטער איהר דאַך פאַר אַ ווײַלע און דאַן האָבען זיי זיך אַליין ווייטער באַזוכט ביז קאַפּיטאַן בייראָן, כדי אויסצומיידען זיינע קרעדיטאָרען, איז געווען געצוואונגען אומצוקעהרען זיך קיין פראַנקרייך וואו ער איז געשטאָרבען אין 1791. ווען די נייעס פון זיין טויט האָט דערגרייכט צו זיין פרוי — וואָס האָט איהם קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו ליעבען, איז איהר שמערץ געווען נאָהענט צו פאַרצווייפלונג און איהרע געשרייען האָט מען געקענט הערען אויף דער גאַס.

אונקאָנטראָלירבאַרע לייַדענשאַפטליכקייט, וואָס איז געווען אַנדערש נאָר אין איהר אַרויסווייזען זיך אין כח, איז אויף דעם אופן געווען אַ כאַראַקטער־שטריך פון בייראָן׳ס טאַטע־מאַמע. און ווייטער צוריק אין דער געשיכטע פון ביידענס פאַמיליען געפינען מיר דעם זעלבען טעמפּעראַמענט וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזען אויף דעם צד פון דער מוטער׳ס משפחה און פאַרזוכען פון זעלבסטמאָרד און פאַרגיפטונג און אויף דעם פאַטער׳ס צד אַמאָל איין העלדישער וואַגעניש, אַמאָל אַן אונבאַרעכטע עקסצעסען. בייראָן׳ס זיידע פון פאַטער׳ס זייט, אַדמיראַל דזשאָהן בייראָן, אַלגעמיין באַוואוסט אַלס „מוטיגער בייראָן" האָט אַנטייל גענומען אין דעם ים־קריעג געגען שפּאַניען און פראַנקרייך, האָט געמאַכט ענטדעקונגס־רייזען אין די דרום־ים׳ען, האָט אַרומגעשיפט דעם ערד־קוגעל און איז דורכגעגאַנגען דורך געפאַהרען און אַוואַנטיורען אָהן צאָהל; דער אומשטאַנד וואָס האָט קיינמאָל נישט אונטערגענומען קיין ים־רייזע אָהן אָנצוטרעפען שרעקליכע שטורעמס, האָט איהם געוואונען דעם צונאָמען צווישען די מאַטראָזען „שלעכטער־וועטער־דזשעק". ביירראָן גלייכט צו זיין אייגענעם גורל צום גורל פון זיין זיידען. דער משפחה׳ס טעמפּעראַמענט באַווייזט זיך אין דער ערגסטער פאָרם אין דעם דיכטער׳ס עלטער־פעטער, וויליאַם, לאָרד ביירראָן, אַן אויסגעלאַסענעם זיך־אַרומקריגער וואָס האָט זיך קונה געווען אַ מיאוסען שם דורך דער׳הרג׳ענען אַ שכן זיינעם מר. טשעוואָרטה (נאָך אַ קריגעריי) אין אַ דועל וואו זיי האָבען געקעמפט אָהן סעקונדאַנטען. עס איז נאָר צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט וואָס ער איז געווען אַ פּיער

(אַ הויבער אַדעליגער) פון ענגלאַנד וואָס ער האָט זיך ארויסגע־ראַטעוועט פון אַן אורטייל פאַר מאָרד; נאָך זיין פּראָצעס האָט ער אייביג פארבראכט אויף זיין גוט אין ניוסטעד, אויסגעמידען פון אַלעמען ווי אַ מצורע, אַלע ארום איהם האָבען איהם געהאַסט, זיין ווייב האָט געקראָגען שיידונג פון איהם, צווישען די אַבערגלויביגע פּויערים זיינען ארומגעגאַנגען ווילדע שרעקליכע מעשיות וועגען זיינע אויפטואונגען און מען האָט אין זיי געגלויבט.

אויף דעם אופן האָט דער פּאָעט געהאַט ווילד בלוט אין זיינע אָדערן. אָבער עס איז אויך געווען זעהר אריסטאָקראַטיש בלוט. פון דער מוטער׳ס צד האָט ער צוריקגעפיהרט זיין אָפּשטאַמונג ביז צו די סטיואַרטס, פון קעניג דזשיימס דעם ערשטען פון שאָטלאַנד; פון זיין פאָטער׳ס צד האָט ער געשטאַמט (כאָטש אין זיין אָפּשטאַם איז געווען אַ פּגימה׳לע, וועלכעס ער דערמאָנט קיינמאָל ניט, אַלס צייכען פון וועלכער איז געווען אַ שיעפער שטריך אין זיין הערב) פון דעם נאָרמאַנישען אַדעלמאַן ראַלף דע בורון, וועלכער האָט באַגלייט ווילהעלם, דעם באַזיעגער, קיין ענגלאַנד, און ווען זיין עלטער־פעטער וועמען מיר האָבען ערשט דערמאָנט, האָט פאַרלאָרען צוערשט זיין איינציגען זוהן און דאַן אין 1794 זיין איינציג אייני־קעל, איז עס געוואָרען ווארשיינליך, אַז „דאָס קליינע געלעהמטע יונגעל וואָס האָט געוואוינט אין עבערדיען״, ווי זיין אָנקעל האָט איהם גערופען, וועט ירשנ׳ען אי ניוסטעד אי דעם משפּחה טיטעל.

מיט אָט דער אויסזיכט איז דאָס געלעהמטע אינגעל אויסגע־וואַקסען. ער איז געווען פון נאַטור שטאָלץ און אונקאָנטראָלירבאַר. ווען ער איז נאָך אומגעגאַנגען אין אַ קליידעל און זיין אַם האָט איהם אין כעס געזידעלט פארוואָס ער האָט איינגעשמוצט אַ נייע קליידעל, איז ער אַריינגעפאַלען אין איינעם פון זיינע „שטילע כעס׳ן״, ווי ער אַליין האָט זיי גערופען, איז געוואָרען בלייך ווי די וואַנד און האָט דאָס קליידעל צוריסען פון אויבען ביז אַראָפּ. דער אופן ווי זיין מוטער האָט איהם באַהאַנדעלט איז קוים באַרעכענט געווען אויף אויסבעסערען אָט די נייגונגען. זי האָט איהם אַמאָל פאַרפּלייצט מיט פאָרוואורפען און אַמאָל מיט ליידענשאַפטליכען צערטלען. ווען זי איז געווען אין כעס וועגען דעם אָנבּן ווי איהר מאַן האָט זי

באַהאַנדעלט, האָט זי דעם כעס אויסגעגאָסען אויף איהר זוהן; זי האָט איהם אפילו מאנכעס מאָל פאַרגעוואָרפען זיין געלעהמטקייט, זי איז צום טייל שולדיג אין דעם, וואָס זיין פיזישער חסרון האָט פארוואָרפען אזא טיעפען שאָטען אויף דעם קליינעם דזשאָרדזש'עס גייסט; ער האָט געהערט זיין אייגענע מאַמען רופען איהם „קרומער ממזר“. באנדאזשען און פארשידענע מינים פון כירורגי־שער באהאנדלונג האָבען נאָך ערגער געמאכט זיין צורה. זיין פוס האָט איהם זעהר וועה געטאָן און דאָס קליינע שטאָלצע אינגעל האָט אויסגעאיבט זיין גאנצע ווילענס קראפט כדי צו באהאלטען זיינע ליידען און אזוי וויט ווי מעגליך זיין הינקען. אָפטמאָל האָט ער ניט געקענט פארטראָגען קיין רמז אויף זיין חסרון, אנאנדערס מאָל פלעגט ער אליין רעדען מיט שפּאָטישער ביטערקייט פון זיין „קרו־מען פוס“.

כאָטש בייראָן איז נישט געוועז פלייסיג אין דער שולע, האָט ער דאָך ענטוויקעלט אין זיך א ליידענשאפט, אזוי באלד ווי ער האָט געקאָנט לייענען, פאר וועלט־געשיכטע און רייזע־ביכער; דער זאמען פאר זיין בענקשאפט צום מזרח איז פארזעעט געוואָרען אין זיין פריהעסטער יוגענד. ער אליין דערצעהלט אז איידער ער איז אלט געוואָרען צעהן יאָהר האָט ער שוין געהאט געלייענט זעקס גרויסע ווערק איבער טערקיי, א חוץ אנדערע ביכער פון רייזען און אוואנטיורען און אראבישע מעשה'לעך. אלס א קליין אינגעל האָט ער באטראכט אלס זיין ליעבלינגס ערצעהלונג זעלוקא פון דזשאָן מור, וואו דער העלד איז א יונג וועמען זיין מאַמע האָט נאָך זיין פאָטער'ס טויט שלעכט אויפגעצויגען, נאָכגעבענדיג אלע זיינע קאפריזען; ער איז געוואָרען אזוי „לייכט אָנצוציגדען זיך ווי שיס־פולווער“. אין דעם העלד פון יענער ראָמאנטישער ערצעהלונג, וואָס דערמאָנט אונז אין וויליאם לאָוועל, האָט זיך דאָס אינגעל בייראָן געזעהן אָפּגעשפּיגעלט. איינע פון די איינענשאפטען וועלכע זיינען געווען באשטימט צו שפּיעלען אן ענטשיידענדע ראָלע אין לעבען פון פּאָעט, האָט זעהר פריה ענטפּלעקט. דאָס איז געווען זיין ליידענשאפטליכע נייגונג צום ווייבליכען געשלעכט. צו פינף יאָהר האָט ער זיך אזוי שטארק פארליעבט אין א קליין מיידעל, מערי דאָף, אז ווען ער האָט עלף יאָהר נאָכדעם געהערט פון איהר חתונה,

האַט איהם זיין געפיהל אַזוי איבערוועלטיגט, אַז ער איז שיער ניט אריינגעפאַלען אין קאַנוואולסיען.

צו זיין שטאָלץ, זיין תאוה, זיין מעלאַנכאָליע און זיין פאַנטאַס־טישען בענקעניש נאָך רייזען, איז נאָך צוגעקומען אלס באַשטימענ־דער כאַראַקטער־שטריך, זיין ברענענדע ליעבע צום אמת. א תמימות'דיגע אויפריכטיגקייט האָט כאַראַקטעריזירט דאָס קינד וואָס איז געווען באַשטימט אלס מאַן, צו זיין דער גרויסער באַקעמפער פון דער צביעות פון דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט. זיין ארויספאָדערנדער גייסט איז געווען נאָר איינע פון די פאָרמען אין וועלכע זיין אמת'דיגקייט האָט זיך ארויסגעוויזען. זיין אַם האָט איהם איין אויפדערנאכט גענומען אין טעאַטער צו דער „אויס־מענשלונג פון דער ארורה" („טעימינג אָוו דהי שריו" — פון שעקס־פיר). אין דער סצענע צווישען עקטהרין און פעטרוקיא, וואו פע־טרוקיא באַשטעהט דארויף אַז דאָס וואָס קעטהרין האלט פאר דער לבנה איז די זון, האָט זיך דער קליינער דזשאָרדיע (אַזוי האָט מען איהם אלס קינד גערופען) אויפגעהויבען פון זיין פלאַץ און האָט מוטיג אויסגערופען: „אָבער איך זאָג, אַז עס איז די לבנה".

ווען דזשאָרדזש איז אַלט געוואָרען צעהן יאָהר איז זיין עלטער־פעטער לאָרד בייראָן געשטאָרבען. איינע פון דעם קינד'ס ערשטע אויפטואונגען, ווען מען האָט איהם געזאָגט וואָס עס איז געשעהן, איז געווען, צוצולויפען צו זיין מאַמען און פרעגען איהר צו זי באַ־מערקט עפּעס אַן אונטערשיעד אין איהם זינט ער איז געוואָרען א לאָרד. אין דער פריה ווען מען האָט זיין נאמען צום ערשטען מאָל אין שולע אויסגערופען מיט'ן טיטעל „דאָמינוס" (האר), איז ער געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז ער איז נישט געווען אימשטאַנד צו געבען דעם געוועהנליכען ענטפער: „אדסום" (איך בין דאָ). נאָך א פּאָר מינוטען פון שטיל שווייגען האָט ער אויסגעבראָכען אין טרערען. בייראָן'ס שטאַרקסטע פארגעניגענס זיינען געווען צוערשט און פאר א לאַנגער צייט צופרידענצושטעלען זיין אייטעלקייט. כדי צו פארשטעהען ריכטיג זיין אויפרעגונג אין אָט דעם פאַל, מוז מען געדענקען וואָס דער טיטעל „לאָרד" האָט באַדייט און באַדייט נאָך אַלץ אין ענגלאַנד. דער אַדעל גופא פון יענעם לאַנד באַשטעהט

פון נישט מעהר ווי אונגעפעהר 400 באַטיטעלטע פּערזאָנען — אונגעפעהר די צאָהל פון פירסטען אין דייטשלאַנד. אויף זייערע אייגענע גיטער איבען אַט די אדעל־לייט אוים א כמעט אומבאַגרענצטען פּאָליטישען און געזעלשאפטליכען איינפלוס; זייער שטעלונג איז נישט פיעל קלענער ווי די פון רעגירענדע פירסטען און, אלס א כלל, ענטשפּרעכט זייער עשירות צו זייער ראנג. דאַס איז אָבער נישט געווען אזוי אין דעם פאַל; בייראָן האַט נישט געהאַט קיין פּריוואַט־פּאַרמעגען און דאַס אייגענטום פון ניוסטעד אַבבי איז געווען אין פאַרנאַכלעסיגטען צושטאַנד און איז געווען אונטער א שווערער היפּעטהעק (מאָרטגעדזש).

אין הערבסט פון 1798 האַט פרוי בייראָן גענומען איהר קליינעם זוהן קיין ניוסטעד. ווען זי איז צוגעקומען צו דער ראמפּע אין ניוסטעד וואו מען באַדאַרף איינצאָהלען צאָל, מאַכענדיג זיך גלייך זי וואָלט נישט געקענט די נאכבארשאפט, האַט זי געפרעגט די פרוי פון צאָל־הויז צו וועמען עס געהערט דער פּאַרק און דער פּאַלאַץ וואָס זיי האָבען געזעהן פאַר זיך. זי האַט איהר געענטפערט, אַז דער אייגענטימער איז טויט זייט עטליכע חדשים. „און ווער איז זיין יורש?" האַט געפרעגט די שטאָלצע און גליקליכע מוטער. „מען זאָגט", האַט געענטפערט די פרוי, „אַז עס איז א קליין איינגעל וואָס וואוינט אין אַבערדיען". „אַט דאַס איז ער, א לאַנג לעבען אויף איהם!" האַט אויסגערופען די באָנע, נישט קענענדיג זיך לענגער איינהאַלטען און האַט זיך גענומען קושען מיט התפּעלות דעם קליינעם לאַם וואָס איז געזעסען אויף איהר שויס.

אין 1801 איז דאַס איינגעל געשיקט געוואָרען קיין העראָו, איינע פון די גרעסטע ענגלישע „פּאַבליק" סקולס (גלייך צו'ן אן אמעריקאַנישער האי־סקול) וואָס איז געווען זעהר באַליעבט ביי דער אַריסטאָקראַטיע. דאַס אונטערריכט־סיסטעם (שטרענג קלאַסיש) איז געווען אונאינטערעסאַנט און פּעדאַנטיש און האַט נישט געמאַכט קיין שטאַרקען איינדרוק אויף בייראָן'ען, וועמעס באַציהונגען צו זיינע לעהרער זיינען געווען אין דעם מאָס אָנגעשטרענגט ווי זיינע פריינדשאַפטליכע באַציהונגען מיט זיינע מיט־שילער זיינען געווען ענטוזיאַסטישע. „מיינע שול־פריינדשאַפטען", שרייבט ער אין זיין

טאָג־בוך אין 1821, „זיינען ג ע ו ו ע ן פ א ר מ י ר ל י י־ד ע נ ש א פ ט ע ן (דען איך בין שטענדיג געוועזן אונאיינגעהאַל־טען)“. אַלס פריינד איז ער געוועזן גרויסמוטיג און האָט ליעב געהאַט צו שפּיעלען די ראָלע פון א באַשיצער.

ווען דאָס עלטערע אינגעל, האָט געשלאָגען דעם צוקינפטיגען פּרעמיער פּיעל, וועלכער איז געוועזן זיין „אונטערלעגענער“ (זייענדיג אין אַ קלענערער קלאַס — אַ יעדער אינגעל פון אַ העכערער קלאַס האָט זיך זיין אונטערלעגענעם אינגעל פון אַ נידעריגער קלאַס — אַזוי פיהרט זיך אין די ענגלישע „פּאַבליק“ שולען — איבערזעצער) האָט זיך בייראָן אריינגעלאָזט אין דערמיט און וויסענדיג, אַז ער איז נישט געוועזן שטאַרק גענוג צו שלאָגען זיך מיט דעם טיראַן, האָט ער איהם הכנעה'דיג געבעטען צו לאָזען איהם אריינכאַפּען אַ העלפט פון די שמיץ וואָס ער האָט געוואָלט געבען צו פּיעל. ווען אַ מאָני־טאָר (אויפזעהער) האָט אָנגעברענט די האַנד פון קליינעם לאָרד גאַרט מיט אַ הייס־רויטען אייזען אלס באַשטראָפונג דאַפיר, וואָס ער האָט געמאַכט אַ שלעכטען טאָוסט און לאָרד גאַרט האָט זיך ענטזאָגט צו געבען דעם תכשיט'ס נאָמען ביי דער אונטערזוכונג פון דער מעשה, האָט בייראָן איהם פאָרגעשלאָגען צו מאַכען איהם פאַר זיין „אונטערלעגענעם“ און האָט איהם צוגעזאָגט גוטע באַהאַנדלונג. „איך בין געוואָרען „אונטערלעגען“ צו איהם, זאָגט לאָרד גארט (אין גרעפין גוויטשיאָלי'ס ז כ ר ו נ ו ת) און בין געוועזן פאָלקאָמען ענטציקט אויסצוגעפינען וואָס פאַר אַ וואוילען, גוטהאַרציגען האַר איך האָב געקראָגען, וועלכער האָט מיר שטענדיג צוגעשטעלט קוכענס און נאַשערייען און איז געוועזן זעהר מילד מיט מיר פאַר מיינע פעהלערען“. צו זיין געליעבטען „אונטערלעגענעם“, דעם הערצאָג פון דאָרסעט, האָט בייראָן געריכטעט אין זיינע „שעה'ן פון ליידיג־געהן“ מאַנכע שעהנע שורות אלס זכרון פון זייערע שול־טעג.

ווען דאָס אינגעל בייראָן איז געקומען אהיים אויף די יום־טובים איז זיין מוטער'ס באַנעהמונג צו איהם געוועזן אַזוי מאָדנע, איהר טעמפּעראַמענט אַזוי אונקאָנטראָלירבאַר ווי שטענדיג; אָבער איצט אַנשטאַט מורא צו האָבען פאַר איהר האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטען צו לאַכען איבער דעם ווי דאָס פעטע קליינע ווייבעל האָט זיך צולאַכט. נישט צופרידען מיט צוברעכען טאַסען

און טעלערס האָט זי אַפּטמאַל באַנוצט אַלס קוילען־שאַרער און אַ צוואַנג צום וואַרפען. *)

---

*) די באַציהונג צווישען מאַמע און זוהן איז אַזוי פּינקטליך און לעבעדיג באַשריבען געוואָרען פון דיזראַעלי אין זיין ראָמאַן „וועגעציען” דאָס איך גיב אַלס ביילאַגע אַ סצענע פון יענעם בוך — אין פאַרקירצונג און אריינשטעלענדיג די אמת'ע נעמען אנשטאט די אויסגעטראַכטע (קאַדורסים, פלאַנטאַדזשענעט, מאָרדעטה א. אַז. וו.) די סצענע שפּיעלט זיך אָפּ איין פרימאָרגען אין ענזלי, אַ לאַנד־הויז, אין דער שכונה פון נאָטעד. אַ כאַטש וואָגען פאָהרט ארויף צום אריינגאַנג און פון איהם קריכט אַרויס אַ נידריג פעטליך ווייבעלע, מיט אַ רויטען פּנים, אָנגעטאָן אין א סטיל פאַרמישט אויף א מערקווירדיגען אופן די אָפּגעשליסענקייט מיט דער צופיעל פאַרפוצטקייט. זי איז באַגלייט פון א אינגעל צווישען עלף און צוועלף יאָהר אַלט, וועלכער זעהט אויס פונקט דער היפוך פון זיין מאמען, דען ער איז בלאַס און דאַר, מיט לאַנגע, געקרייזעלטע האָר און מיט שוואַרצע אויגען, וועלכע קאָנטראַסטירען אָפּטמאָל דורך פאָראיבערגעהענדע אויפבליצונגען אַנגענעהם מיט א פּנים וועמעס אַלגעמיינער אויסדרוק וואָלט גיכער געקענט באַטראַכט ווערען אַלס צוריקגעהאַלטען און רוגז'דיג. עס איז זייער ערשטער באַזוך. די באַזוכער קומען אריין מיד און פאַרשוויצט.

„אַ שרעקליכע רייזע”, רופט אויס פרוי בייראָן און פּעכעלט זיך ביי'ם אָנידערזעצען, „און אַזוי שטאַרק הייס! דזשאָרדזש, מיין טייערער, פאַרנייג זיך! האָב איך דיר נישט שטענדיג אָנגעזאָגט צו פאַרנייגען זיך ווען דו קומסט אריין אין א צימער בפרט ווען דאָרט זיינען דאָ פרעמדע? פאַרנייג זיך פאַר מרס. טשאַוואוירטה”.

דאָס אינגעל האָט אַ מין בייזליכען פאַרנייג געטאָן מיט'ן קאָפּ, אָבער מרס. טשאוואוירטה האָט אַזוי באהבה אויפגענומען און האָט זיך אַזוי פריינדליך צו איהם אויסגעדריקט, אַז זיינע אָנגעצויגענע געזיכטסציגען האָבען זיך אַביסעל נאָכגעלאָזט כאָטש ער האָט היבשליך געשוויגען און איז געזעסען אויפ'ן ברעג פון שטול, אַ בילד פון אן עקשנות'דיגער נישט־מיך־מיינט־מען־דאָס.

„אַ פיינע געגענד, מרס. טשאוואוירטה”, רופט זיך אָפּ מרס. בייראָן, „ענזלי איז אן ענטציקענדער פּלאַץ, גאַנץ אנדערש ווי די „עבבי”. שרעקליך פאַרלאָזען, איך פאַרזיכער אייך, געפין איך עס דאָרט. אַ גרויסער אומבייט פאַר אונז פון א קליין שטעדטעל און אלע פריינדליכע שכנים, גאַנץ אַנדערש ווי דאָלוויטש, נישט אמת, דזשאָרדזש?”

„איך האָב פיינט דאָלוויטש”, ענטפערט דאָס אינגעל.

„פיינט דאָלוויטש!” רופט אויס מרס. בייראָן, „נו, איך בין זיכער, אַז דאָס איז זעהר נישט פיין אָפּגעדאַנקט. פאַר אַזוי פיעל גוטע

לאָם ר זיך פאַרשטעלען נאָך אזא סצענע ווי די וואָס איז באַשריבען אין דער נאָטיץ, א שמייכלענדיג, גאָלדען האָריגע מיידעל,

---

פריינד וואָס מיר האָבען שטענדיג געפונען. א חוץ דעם, דזשאָרדזש, האָב איך דיר נישט אָנגעזאָגט שטענדיג אַז דו זאָלסט גאָרנישט פיינט האָבען? דאָס איז מעשה רשע. וואָס פאַר אַ צרות איך האָב, מרס. טשאוואוירטה, צו דערציהען מיין טייער קינד!” האָט ווייטער געזאָגט מרס. בייראָן צו איהר ווירטין, אָבער אַז ער האָט ליעב, קען ער זיין אזוי גוט ווי ווער עס איז, נישט אמת, דזשאָרדזש?”

לאָרד דזשאָרדזש בייראָן האָט אַ בייזליכען שמייכעל געטאָן און אַוועקגעזעצט זיך גאַנץ ווייט אין טיעפען שטול אריין און האָט געהויבען זיינע פיס, וואָס זיינען נישט מעהר געווען אויף דר׳ערד, אַהין און אַהער.

„איך בין זיכער, אַז לאָרד בייראָן באַנעמט זיך שטענדיג גוט”, זאָגט מרס. טשאוואוירטה.

„אָט דאָ האָסטו עס, דזשאָרדזש. הער נאָר צו, הער, וואָס מרס. טשאַוואוירטה זאָגט, געדענק־זשע, אַז דו זאָלסט איהר קיינמאָל נישט געבען קיין גרונד צו בייטען איהר מיינונג.”

דזשאָרדזש האָט פאַרקריסט ארויפגעשאַרט זיינע ליפען און האָט זיך האַלב איבערגעדרעהט מיט זיין רוקען צו די מענשען אין צימער...

„דזשאָרדזש, טייערער, זאָג עפּעס. האָב איך דען דיר נישט אָנגעזאָגט, אַז ווען דו וועסט קומען צו באַזוך זאָלסטו אַמאָל עפענען דיין מויל. איך האָב פיינט קינדער וואָס האַלטען אין איין קלאַפען מיט׳ן צונג, אָבער איך וויל אז זיי זאָלען ענטפערען ווען מען רעדט צו זיי.”

„קיינער האָט צו מיר נישט גערעדט”, האָט געזאָגט בייראָן אין א טאָן פון בייזליכקייט.

„דזשאָרדזש, טייערינקער”, האָט זיך אָפּגערופען זיין מוטער אין אַ יום־טוב׳דיגען טאָן, „דו האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט צו זיין אַ גוט קינד.”

„נו, וואָס־זשע האָב איך געטאָן?”

„לאָרד בייראָן”, האָט זיך מרס. טשאוואוירטה ארייגעמישט „האָט איהר ליעב אָנצוקוקען בילדער?”

„אַ שעהנעם דאַנק”, האָט געענטפערט דער קליינער לאָרד אין א העפליכען טאָן, „איך וויל מען זאָל מיך לאָזען געמאַך.”

„האָט איהר ווען עס איז געזעהן אזא מאָדנע קינד!” האָט זיך צּפּגערופען מרס. בייראָן, „און דאָך פאַרזיכער איך אייך, מרס. טשאוואוירטה, אַז ער קען זיך באַנעמען, אויב ער וויל נאָר, אַזוי שעהן ווי מעגליך.

„שעהן!” האָט אַרויסגעמורמעלט דער קליינער לאָרד צווישען זיינע ציינער.

אַריינגעהן אין צימער און ווייך מאַכען דעם טראָציגען אינגעל מיט א קוק, און דאָ האָבען מיר א סיטואַציע ווי דאָס איז געווים גע-

---

„וואָלט איהר איהם כאָטש געזעהן אין דאָלוויטש אַמאָל ביי אַ קלוי-נער טהעע געזעלשאַפט", האָט געזאָגט מרס. בייראָן, „ער איז דאָך געווען די קרוין פון דער געזעלשאַפט."

„ניין, איך בין נישט געווען", האָט געזאָגט לאָרד בייראָן.

„דזשאָרדזש!" האָט זיין מאַמע געזאָגט ווידער אין א יום-טוב'די-גען טאָן, „האָב איך דיר נישט שטענדיג אָנגעזאָגט, קיינמאָל קיינעם נישט צו איבערשפּאַרען?"

דער קליינער לאָרד האָט זיך פאַרגונען אַ פאַרשטיקטען בורטש צו טאָן.

„מען האָט געשטעלט א קליין דראַמאַלע לעצטען קריסטמעס", האָט ווייטער געזאָגט מרס. בייראָן, „און ער האָט גאַנץ אויסגעצייכענט גע-שפּיעלט. היינט וואָלט איהר דאָס נישט טראַכטען פון דעם ווי ער זיצט אויף דעם שטול. דזשאָרדזש, טייערער, איך פאַרלאַנג פון דיר זאָלסט זיך גוט באַנעמען. זייַ ווי אַ מאַן."

„איך בין נישט קיין מאַן", ענטפערט לאָרד בייראָן זעהר רוהיג. „הלוואי וואָלט איך זיין!"

„דזשאָרדזש", זאָגט די מאַמע, „האָב איך דיר נישט אָנגעזאָגט שטענ-דיג קיין מאָל נישט אָפּצוענטפערען? עס פּאַסט נישט פאַר קינדער אָפּ-צוענטפערען... הערסטו מיך?" האָט זי שוין געשריען און איהר פּנים איז רויט געוואָרען ווי ווייַן און זי האָט כמעט געסטראַשעט אַ הויב צו טאָן זיך פון איהר שטוהל.

„יאָ, יעדער איינער הערט דיך, מרס. בייראָן", האָט געזאָגט דער קליינער לאָרד.

„רוף מיך נישט מרס. בייראָן, אַזוי רעדט מען נישט צו קיין מאַמען, מיך וועסטו נישט רופען מרס. בייראָן... איך בין כמעט בדעה אויפצו-הויבען דיך און דיר אַ פיינעם טרויסעל צו געבען". „אָ, מרס. טשאַ-וואָרטה", האָט מרס. בייראָן געזיפצט און בשעת דעם זיינען איהר די טרערען גערונען איבער די באַקען, „אויב איהר זאָלט נור וויסען וואָס פאַר אַ לעבען איך פיהר און וואָס פאַר א צרות איך האָב אויפצוציהען דאָס קינד!"

„מיין ליעבע פרוי", האָט געזאָגט מרס. טשאַנוואָרטה, „איך בין זי-כער, אַז לאָרד בייראָן האָט קיין אַנדערען פאַרלאַנג נישט ווי צו טון וואָס איהר ווילט. אין דער אמת'ען האָט איהר איהם שלעכט פאַרשטאַנען."

„יאָ, זי פאַרשטעהט מיך תמיד שלעכט", האָט געזאָגט לאָרד בייראָן אין אַ מילדען טאָן, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער ליפּ און מיט פאַרלאָפענע אויגען.

„איצט נעמט ער זיך ערשט צו מיר", האָט זיך אָנגערופען די מאַמע

וועהנליך פֿאַרגעקומען אין ענזלי, דעם ישוב־פּלאַץ פֿון דער פֿאַמיליע טשאַוואָירטה (קרובים פֿון דעם מאַן וועמען בייראָן׳ס עלטער פעטער האָט געטויט אין באַוואוסטען דועל) בשעת מרס. בייראָן און איהר זוהן האָבען דאָרט אָפּגעהאַלטען באַזוך. דאָס גאָלדען האָריגע מיידעלע מערי אננא טשאַוואָירטה, איז געווען 17 יאָהר אַלט און בייראָן איז געווען 15. ער האָט זי ליעב געהאַט ליידענשאַפטליך און מיט אייפערזוכט. ביי בעלער, וואו מען האָט זי זעהר געזוכט צום טאַנצען און זיין קרומקייט האָט איהם פאַרוועהרט צו טאַנצען, האָט עס געפּייניגט איהם צו זעהן זי אין די אָרימס פֿון אַנדערע מענער. אמשווערסטען האָט ער געליטען ווען ער האָט זי געהערט זאָגען צו איהר דיענסט: „מיינסטו, אז איך וואָלט געקענט בכלל ליעב האָבען דעם קרומען אינגעל?“ ער איז אַרויסגעפלויגען פֿון הויז כאָטש עס איז שפּעט געווען און קוים ווייסענדיג וואוהין ער איז געלאָפען, האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט ביז ער איז געקומען קיין ניוסטעד. דרייצעהן יאָהר שפּעטער, אין דער ווילא רעאַדאַטי, ביי דער אזערע זשענעווא, האָט ער געשריבען אונטער טרעהרען וואָס האָבען זיך געקייקעלט איבער זיין פּנים די פּאָעמע „ד ע ר ט ר ו י ם“ וואָס דערצעהלט פֿון אָט דער ליעבע און ווייזט דעם

און האָט מורא׳דיג אָנגעהויבען קלאָגען... און דער איצט דערמאָנענדיג זיך אָן זיין גאַנצען פאַרשאַטקייט האָט זי זיך געלאָזט צו איהם אָבלערנען איהם ווי זי האָט איהם געסטראַשעט און געבען איהם וואָס זי פלעגט בכלל צום סוף איהם געבען — א גוטען טרייסעל.

איהר ריהרעוודיגער זוהן, באַ׳הבנ׳ט אין איהרע שטורמען, האָט דאָסמאָל אין צייט געשטעלט פּים און אַרויסגעשטעלט זיין שטוהל אַנטקעגען זיין צעווילדעטער מאַמען; מרס. בייראן אָבער האָט זיך צוריק אויפגעכאַפּט און האָט איהם אַרומגעיאָגט אַרום דעם צימער; אין איהר פאַרצווייפלונג האָט זי גענומען אַ בוך און עס א ווארף געטאָן אויף זיין קאָפּ; ער האָט א טיוולישען לאַך געטאָן ווען ביים אַרונטערלאָזען דעם קאָפּ איז דאָס בוך דורכגעפלויגען דורך אַ שויב. מרס. בייראָן האָט זיך דעספּעראַט א ווארף געטאָן אויף איהם און איהר זוהן, אַביסעל צושראָקען איבער איהר אויפרעגונג פון כמעט א מאַניק, האָט זיך געראַטעוועט, אַנטלאָפענדיג פּלוצים מרס. טשאַוואָירטה׳ס ארבייטס־טיש און פאַרשטעלענדיג איהר דעם וועג. זי איז געפאַלען איבער א פוס פון׳ם טיש און איז געוואָרען היסטעריש, בשעת לאָרד בייראָן, בלייך און ענטשלאָסען, איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל.“

טיעפען איינדרוק וואָס זיין פריהע ענטטוישונג האָט אויף איהם געמאַכט. *)

וואָס קליגערער בייראָן איז געווען ביי'ם אָנהאַלטען אַ סאַר־קאַסטיש רוהיגער שטעלונג, אַלץ אונגאַטירליכער זיינען געוואָרען די באַציהונגען צווישען מאַמען און זוהן. די סצענען צווישען זיי זיינען אָפטמאָל געווען שרעקליך. מען דערצעהלט אַלס מאָדנעם ביישפּיעל פון זייער ביידענס ווילדקייט, אַז נאָכ'ן צונעהן זיך איי־נער פון אַנדערען אין אָבענד, איז יעדער איינער פון זיי געגאַנגען שפּעטער באַהאַלטענערהייד צום אַפּטייקער און געפרעגט צי דער אַנדערער האָט געקויפט סם און אָנגעזאָגט נישט צו פאַרקויפען עס אויב ער אָדער זי זאָלען קומען עס קויפען.

אין זיינע בריעף שרייבט דער יונגער בייראָן, אין מעלאַנכאָ־לישער לוינע, וועגען דעם ווי אָפטמאָל איז ער אַנטלאָפען כדי אויסצואויייכען קריגערייען אין דער היים. ער גיט נישט דעם קלענסטען אָנווייז צו איינעם פון זיינע געפּלאַנטע אַרויספאָהרען אָנים מורא נישט אַרויסצורופען, ווי ער זאָגט, „דעם געוועהנליכען מאַמע'דיגען קריעגס־געשריי".

אין 1805 איז בייראָן געגאַנגען קיין קעמברידזש, וואו ער

*) זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר מרס. בייראָן איז דער אופן ווי זי האָט אָנגעזאָגט איהר זוהן (צוויי יאָהר נאָכדעם ווי ער האָט געמוזט אויפגעבען זיין גאַנצע האָפנונג) די נייעס פון מערי טשאַ־וואָורט'ס חתונה. אַ באַזוכער וואָס איז געווען דאַביי דערצעהלט די מעשה: „בייראָן, — האָט זי זיך אָפּגערופען, — איך האָב נייעס פאַר דיר. — וואויל, וואָס איז עס? — נעהם קודם כל אַרויס דיין טאַשענ־טיכעל, דו וועסט עס דאַרפען". ער טוט אַזוי כדי איהר נאָכצוגעבען. מיס טשאַוואָורטה האָט חתונה געהאַט! אַ זעהר מאָדנער אויסדרוק, וואָס איז שווער צו באַשרייבען, האָט פאַרבייגעהושעט איבער זיין בלאַסען פּנים און ער האָט שנעל אַריינגעשטעקט זיין טיכעל אין קעשענע אַריין און געזאָגט מיט אַן אָנגענומענער מינע פון קאַלטקייט און אונבאַ־ריהרטקייט: „איז דאָס אַלעס?" „וואָס, איך האָב דאָך ערוואַרט, אַז דו וועסט שטאַרק טרויערען!" ער האָט גאָר נישט געענטפערט און האָט באַלד אָנגעהויבען רעדען איבער עפּעס אַנדערש". וואָס ווינציגער ער האָט געקענט טיילען זיך מיט זיינע סודות מיט זיין מאַמע, אַלץ מעהר האָט ער זיך געפיהלט געטריבען אויסצודריקען זיינע געפיהלען און זיין וועה־טאָג אויף פּאַפּיער..

האָט פאַרבראַכט וועניגער בײַ׳ם שטודירען ווי אין איבען זיך אין אַלערליי מינים פון אַטלעטישער גימנאַסטיקע, צו וואָס ער האָט זיך געהאַט אָפּגעגעבען מיט חשק נאָך אַלס קינד, האָפּענדיג אויף דעם אופן דורך זיין גענימקייט אין זיי מכפּר צו זיין פאַר זיין קערפּערליכען חסרון. רייטען, שווימען, פאָהרען, שיסען, באָקסען, קריקעט שפּיעלען און שכור׳ען זיינען געווען אויפטואונגען אין וועלכע ער איז געווען ענטשלאָסען אויסצוצייכענען זיך. ער האָט אָנגעהויבען אַרויסצואווייזען סמנים פון אַ „דענדי" (שטוצער) און עס האָט צופרידענגעשטעלט זיין בחור׳שען חשק נאָך פּראַווען וואַגענדיגע שטיק, אויסצופאָהרען אַמאָל מיט אַ שעהן יונג מיידעל, וואָס איז געגאַנגען אָנגעטאָן ווי אַ יונג און האָט געשפּיעלט די ראָלע פון אַ דיענער אָדער אַמאָל פון אַ יונגערען ברודער — אַלס אַזעלכען האָט ער געהאַט די דרייסטקייט פאָרצושטעלען איהר פאַר אַ דאַמע אין בראַיטאָן, וועלכער האָט זיין משפחה נישט געקענט.

ניוסעם אַבבי (קלויסטער) איז געווען פאַרדונגען געוואָרען פאַר אַ רייהע פון יאָהרען. אַזוי באַלד ווי עס איז אויסגעליידיגט געוואָרען, איז בײַראָן אָנגעקומען דאָרט אַהין צו וואוינען. עס איז אַן אמת׳ער גאָטישער קלויסטער מיט אַ שפּייזצימער און מיט צעלען, די עלטעסטע טיילען פון בנין דאַטירען פון יאָהר 1170. דאָס הויז און די גערטנער זיינען געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ מויער מיט שפּיץ־טורמען. אין הויף איז דאָרט דאָ אַ גאָטישער ברונעם. אין פראָנט איז אַ פּאַרק מיט אַ גרויסער אָזערע. אין ניוסטעד האָט בײַראָן און זיינע פריינד אין זייער איינגעלשער אַרויספאָדערענדער אַנטיפּאַטיע צו אַלע געזעצען געפיהרט אַ לעבען פון צולאָזענקייט וואָס האָט אַרויסגעוויזען שפּורען פון אַ מאַניע נאָך אָריגינאַליטעט, צו וועלכער, ווי די געשיכטע ווייזט אויף, זשעניאַלע מענער זיינען נישט זעלטען געווען אונטערגעוואָרפען איידער זיי זיינען זיך געוואָרען באַוואוסט אין זייערע אייגענטליכע אויפגאַבען און שטרעבונגען. אַז די יונגע לייט זיינען אויפגעשטאַנען פון שלאָף אַ זייגער 2 פאַרטאָג, האָבען זיך געפּעכט, געשפּיעלט פעדערבאַל אָדער געאיבט מיט די פּיסטאָלעטען אין זאַל; נאָכמיטאָג צום סקאַנדאַל פון די פרומע איינוואוינער

אין דער נאַכבאַרשאַפט האָבען זיי געטרונקען בורגונדיער ווייַן פון א מענשליכען שאַרבען. עס איז געוועזן דער שאַרבען פון אַן אַלטען מאַנאַך וואָס דער גערטנער האָט אויסגעגראָבען ביי׳ם ארומגראַ־בען; בייראָן, אין א קאַפּריז, האָט איהם געלאָזט באַזעצען מיט זילבער אַלס טרינק בעכער און ער און זיינע באַגלייטערס האָבען געפונען א קינדיש פאַרגעניגען צו באַנוצען עס אַלס אַזעלכעס, זייענדיג אַליין אָנגעטאָן אַלס מאָנאַכען מיט דעם גאַנצען ריכטי־גען צוגעהער ווי צלמים, קרעל, אַפּגעגאָלטע האָר, א. אז. וו. *)

עס איז אָבער א טעות צו באַטראַכטען אָט די האַנדלונג איינ־פאַך אַלס באַוויז פון אויספעהלען פון געפיהל וואָס באַגלייט אָפט די לוסטיגקייט, ווי ביי מעדיצינישע סטודענטען, למשל. פאַר א מאַן ווי בייראָן האָט דער אָנבליק פון אָט דעם memento mori (זכר למות) אין דעם מיט פון דער שכרות וואהרשיינליך געווירקט ווי א ביטערער סטימולאַנט. אין די שורות וואָס ער האָט געדיכ־טעט צו דעם, שרייבט ער, אַז פאַר דעם טויטען מוז ליעבער זיין, אָנגעריהרט צו ווערען פון מענשליכע ליפּען איידער פון דעם בים פון א וואָרעם.

בייראָן׳ס צולאָזענקייטען האָבען נישט ארויסגעשטאַמט פון זיין צופיעל איבערמוטיג. אויף איהם האָט געדריקט נישט נור די מרה שחורה וואָס כאַפּט אָן דעם רוב יונגעלייט מיט מערקווירדיגער פעהיגקייט ווען זיי געפינען זיך מיט זייערע אונאויספּראָבירטע כחות פנים אל פנים מיט גאָרנישט א חוץ פראַזען, נור א חוץ דעם אויך מיט דער מרה שחורה וואָס קומט אַלס רעזולטאַט פון זיין ליי־דענשאַפטליכען כאַראַקטער און זיין ערציהונג. צוויי מעשות ווע־רען דערצעהלט וועגען איהם פון יענער פעריאָד פון זיין לעבען, וואָס זעהען אויס זעהר פּאַטעטיש צום רוב פון זיינע ביאָגראַפען. די ערשטע מעשה איז אין פאַרבינדונג מיט זיין הונד „באָוסן״. אין 1808 האָט ער פאַרפאַסט א זעהר מענשענפיינדליכע אויפ־שריפט אויפ׳ן קבר פון זיין געליעבטער חיה, אין וועלכער ער לויבט איהם ווייט אריבער דער גאַנצער מענשליכער מאַסע און צו דער־

*) דער איצטיגער אייגענטימער פון ניוסטעד האָט אויס רעליגיע־זע טעמים געלאָזט באַגראָבען דעם שאַרבען.

זעלבער צייט האָט ער געמאַכט אַ טעסטאַמענט (וואָס ער האָט נאָכהער צוריקגערופען) אין וועלכען ער האָט פאַרלאַנגט אַז מען זאָל איהם באַגראָבען לעבען זיין איינציגען פריינד, דעם הונד. דער צווייטער באַווייז פון ווי אראָפּגעדריקט זיין שטימונג איז געוועזען, איז דער אופן ווי ער האָט פאַרבראַכט זיין 25 יאָהריגען געבורטס־טאָג, דעם טאָג פון זיין קומען אין עלטער פון אַ דערוואַקסענעם, אַ טאָג, וואָס ווערט געפייערט צווישען דעם ענגלישען אדעל מיט אַלערליי חגיגות — אילומינאַציעס, פייערווערק, אַ באַל, און מיט אַן אונטערהאַלט וואָס ווערט געגעבען צו אַלע „טענענטס", ד. ה. פּעכטער. בייראָן איז געוועזען אַזוי אָרעם, אַז ער איז געוועזען געצוואונגען אָנצוקומען צו געלד באָרגערס צו געבען דעם באַל פאַר זיינע „טענענטס" און צו בראַטען דעם אָקס, לויט געוואוינהייט. אָבער קיין לאַנגע שורה פון פיאַקערס מיט באַזוכער פון הויכען מין זיינען געקומען צו פאָהרען פאַר די טויערען פון ניוסטעד אַבבי דעם 22טען יאַנואר 1809; נישט זיין מאַמע, נישט זיין שוועסטער, נישט זיינע אויפזעהערס, נישט קיין קרובים, נאָהענטע און ווייטע זיינען דאָרט געוועזען. בייראָן אַליין האָט פאַרבראַכט דעם טאָג אין אַ האָטעל אין לאָנדאָן. אין אַ בריעף פון יאָהר 1822 שרייבט ער: „האָב איך אייך ווען געזאָגט אַז דער טאָג ווען איך בין געקומען אין עלטער פון אַ דערוואַקסענעם, האָב איך געגעסען אַ מאַלצייט פון אייער, חזיר־פּעטס און אַ פלאַש מיט „עיל" (אַזאַ מין ביער)? דאָס איז בכלל מיין באַליעבטעסטער מאכל און געטראַנק; אָבער היות ווי ביידע פון זיי שטימען נישט מיט מיין מאָגען באַנוץ איך זיי נור אין אַ גרויסען יובל — איינמאָל אין פיער צו פינף יאָהר."

עס איז נאַטירליך אנגענעהמער צו זיין רייך איידער אָרעם און עס חנפ'עט מעהר איינעם זעלבסט־אַכטונג צו קריגען די גליק־וואונשען פון קרובים און פריינד איידער צו פיהלען זיך אָהן אַ היים און עלענד; אָבער אין פאַרגלייך מיט די שוועריגקייטען און באַדערפעני‌שען און דערנידעריגונגען וואָס אַ יעדער היינטוועלטי־גער יונגערמאַן פון אָרימען שטאַנד האָט אויסצושטעהן ביים אָנ־הויב פון זיין קאַריערע, פאַרשווינדען די צרות פון אָט דעם נאָך יונגען אַריסטאָקראַט אין גאַנצען. דאָס וואָס עס גיט זיי צו וויכ־טיגקייט איז וואָס זיי האָבען פריה געטריבען בייראָן'ען, איהם וואָס

האָט אַלס יונגער אַדעליגער לייכט געקענט אַריינגעטאָן ווערען אין די באַשעפטיגונגען און אידעען פון זיין קלאַס און זיינע קרובים, און אָנגעוויזען אין גאַנצען אויף יענע רעסורסען וואָס ער האָט באַזעסען אַלס אַן אָפּגעזונדערט אינדיווידיום.

עס איז נישט געווען איינער פון יענע גרויסע פּאָליטישע געשעהענישען פון יענער צייט, נישט קיין מעכטיגע פרייד אָדער צאָרן אַרויסצורופען דורך יענע גרויסע פּאָליטישע איבערקערענישען אין וועלכע יענע צייט איז אַזוי רייך געווען, וואָס האָט אַוועקגעריסען בייראָנ'ען פון'ם צולאָזענעם, צוועקלאָזען לעבען אין ניוסטעד. אַזעלכע געשעהענישען ווי דער טויט פון פאָקס אָדער דער אויפטו וואָס ברענגט אַזוי ווינציג כבוד צו ענגלאַנד — די באָמבאַרדירונג פון קאָפּענהאַגען האָט גאָרנישט קיין איינדרוק געמאַכט אויף דעם יונגען מאַן, וועלכער איז אַלס מאַן, שפּעטער צו, אַזוי שטאַרק באַריהמט געוואָרען פון יעדער היסטאָרישער געשעהעניש פון יעדען פּאָליטישען אויפטו, גוט אָדער שלעכט. זיין ערשטעס ליטעראַרישעס „אָפּדריקען־זיך" איז געווען דער ערשטער ווענדעפּונקט אין זיין לעבען. בשעת ער האָט געוואוינט (פון זומער 1806 ביז צום זומער 1807) אין קליינעם שטעדטעל סאוטהוועל, האָט בייראָן געשאַפען זיינע ערשטע פּאָעטישע פּאַרזוכען, וואָס האָבען געקראָגען אָנערקענונג פון די אינגערע מיטגליעדער פון אַ פאַמיליע מיט'ן נאָמען פּיגאָט, וועלכע זיינען איהם דעמאָלט נאָהענט געשטאַנען. אין מערץ 1807 איז געדרוקט געוואָרען אַ זאַמלונג פון יענע פּאָעמען מיט דעם נאָמען: „שעה'ן פון ליידיגגעהן". דער באַנד האָט ענטהאַלטען גאָרניט שטאַרק באַמערקונגסווערטעס; די פּאָעמעס וואָס באַווייזען באמת זיין שטאַרק געפיהל ווערען פּאַרפּלייצט פון אַ מענגע פון שול־תלמיד פערזען, מאַנכע פון זיי איבערזעצונגען און נאָכמאַכונגען פון די שול־קלאַסיקער און אָסיאַן, די איבעריגע, סענטימענטאַלע פּאָעמעס פון ליעבע און פריינדשאַפט אונרייפע אין זייער אויפפאַסונג און סטיל. אין איינעם אָדער צוויי קענען מיר, לעזער פון היינט־צו־טאָג, מיר, וואָס קענען וואַרפען אַ בליק אויף צוריק, דייטליך ענטדעקען בייראָנ'ס צוקונפטיגען סטיל און פּערזענליכקייט. אין זיין פּאָעמע:

„צו א דאַמע”, וועלכע איז געריכטעט צו מערי טשאַוואָירטה, געפינען זיך צוויי אמת'דיג בייראָנישע סטראָפען:

„וואָלסטו געוועזען מיין, וואָלט אַלעס שטיל געוועןֿ,
די באַק וואָס איז פון ווילדער רויש איצט בלאָס און מיד
וואָלט פיעבער ניט פון ליידענשאַפט צומאָל גערויט,
זי וואָלט אין היימישקייט און רוהיגקייט געגליהט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

„איצט יאָג איך זיך נאָך מעהר און גרעס'רע פרייד;
און דענקען וואָלט מיין זעעל אין וואַהנזין נור פאַרוויעגט;
אין די געדאַנקען־לאָזע מאַסען, פוסטען ליאַרם
האָב איך מיין בוזעמ'ס העלדען שמערץ בעזיעגט.”

די פאָעמעס זיינען באמת געוועזן פון קליינעם ווערט און די רייסליכע פאַרזאָרגען זיי מיט קינדישע, נאַרישע באַמערקונגען, די פרעטענציעזע הקדמה און דאָס צוגעבען פון די ווערטער „א מינדעריעהריגער” צום פאַרפאַסער'ס נאָמען אויפ'ן שער־בלאַט האָבען געגעבען פלאַץ פאַר לעכערליכקייט.

אין יאַנואַר 1808 האָט די „עדענבאָראָ ריוויו” צו יענער העכסטע ליטעראַרישע קאַסאַציאָנס־געריכט, ענטהאַלטען א העכסט סאַרקאַסטישע קריטיק פון דעם באַנד וואַרשיינליך פון לאָרד ב ר ו ע ם געשריבען. „דער אדעליגער פאַרפאַסער, — שרייבט דער קריטיקער, — איז מאָדנע וואַגענדיג אין אָנגעבען זיין מינדעריעהריגקייט אַלס ענטשולדיגונג, מיר האָבען דאָס אויפ'ן שערבלאַט, אויפ'ן רוקען זעלבסט פון באַנד... אויב מען זאָל לאָדען לאָרד בייראָן אין געריכט כדי צו צווינגען איהם צו ברענגען אין געריכט א געוויסע קוואַנטיטעט פאָעזיע און אויב דאָס אורטייל וואָלט ארויסגעגעבען געוואָרען געגען איהם, איז עס העכסט וואַהרשיינליך אז מען וואָלט געמאַכט אן איינוועגדונג, וואָלט ער א ל ס פ אָ ע ז י ע געגעבען דעם אינהאַלט פון אָט דעם באַנד. ער קען אפשר אָנגעבען אַלס ענטשולדיגונג דאָס וואָס ער איז מ י נ ד ע ר י ע ה ר י ג, אָבער א. אז. וו.... אָבער אפשר אַז אַלעס דאָס וואָס ער דערצעהלט אונז וועגען זיין יוגענד דערצעהלט גיכער כדי גרעסער צו מאַכען אונזער שטוינען איידער צו מינדערען אונזער טאַדעל. ער וויל וואַהרשיינליך זאָגען: „זעהט, ווי א מינדעריעהריגער קען שרייבען! אָט די פאָעמע איז באמת פאַרפאַסט געוואָרען פון

אַ יונגען מאַן פון אַ יאָהר 18 און אַט די פון איינעם פון נור 16 יאָהר... נישט נור זיינען מיר נישט ערשטוינט צו געפינען אז זעהר שלעכטע סטראפען זיינען געשריבען געוואָרען פון אַ יונגען מאַן צווישען זיין פאַרלאָזען די שולע און זיין פאַרלאָזען קאָלעדזש, נאָר מיר גלויבען באמת, אז דאָס טרעפט זיך מיט ניין מענער פון יעדע צעהן, וואָס ווערען אויפגעצויגען אין ענגלאַנד און דאָס דער צעהנטער שרייבט בעסערע פּאָעזיע ווי לאָרד בייראָן.. מיר בעטען ערגנסט ערלויבעניש צו פאַרזיכערען איהם אז גלאט צו גראַמען די לעצטע זילבען אפילו ווען דאָס געשעהט ביי אַ געוויסער צאָהל פון „פּיס" יאָ, כאָטש אפּילו (וואָס דאָ זעהט מען אָפט דעם היפּוך) די „פּיס" לאָזען זיך רעגעלמעסיג סקאַנדירען און זיינען אַלע אקוראט אויף די פינגער געצעהלט געוואָרען — איז נישט די גאַנצע קונסט פון פּאָעזיע, אַ געוויסער חלק פון לעבהאַפטיגקייט, באוועגונג, אַ שמץ פון פאַנטאַזיע איז נויטיג פּאָרצושטעלען מיט זיך אַ פּאָעמע... א. אז. וו."

דעם קריטיקער'ס עצה צו בייראָן'ען איז אויפצוגעבען פּאָעזיע און אויסצונוצען זיינע פרייע שטונדען און זיין טאַלאַנט אויף אַ בעסערען אופן. אַלס אַ וואַרנונג צום עפּאָכע־מאַכענדען ענגלישען פּאָעט פון זיין דור פון צד פון איינעם וועמעס פּראָפעסיאָן עס איז געוועז אָפּצושאַצען און אָפּצוּוועגען די ווערק פון ליטעראַרישע אָנפאַנגערס איז דער אַרטיקעל געוועזן, נישט קוקענדיג אויף זיין באַרעכטיגונג, אַ גרויסער טעות. אָבער וואָס איז געוועזן נוגע בייראָנ'ען גופא האָט קיין גרעסערע זאַך פאַר איהם נישט געקענט געשעהען. עס האָט איהם באַריהרט ווי אַן ארויספאָדערונג; עס איז געוועזן אַ שרעקליכער קלאַפּ פאַר זיין איינרעדעניש און האָט דערוועקט אין איהם דאָס וואָס איז געוועזן באַשטימט איהם איבערצולעבען — זיין שטאָלץ.

אַ פריינד וואָס האָט איהם געזעהן אין די ערשטע מאָמענטען פון אויפרעגונג נאָכ'ן לייענען פון אַרטיקעל האָט באַשריבען די ווילדע ארויספאָדערונג אין זיין בוך און האָט מוסיף געוועזן, אז עס וואָלט זיין שווער פאַר אַ סקולפּטאָר אָדער מאַלער פּאָרצושטעלען זיך אַ פּערזאָן פון שרעקליכערער שעהנקייט ווי דער יונגער פּאָעט איז געוועזן אין זיין כעס.

בייראָן האָט באַהאַלטען זיינע געפיהלען פאַר יעדען איי־
גענעם. אין א בריעף וואָס ער האָט געשריבען ארום יענער צייט
דריקט ער אויס זיין באַדויערען וואָס זיין מאַמע האָט זיך די גאַנ־
צע מעשה גענומען צום הארצען און ער פאַרזיכערט זיין מיט־
קאָרעספּאָנדירענדען דאָס זיין אייגענע רוה און זיין אַפּעטיט זיינען
נישט צורודערט געוואָרען — דאָס אלע „די פּאַפּירענע קוילען פון
געהירען” האָבען איהם נור אויסגעלערענט ווי אויסצוהאַלטען אונ־
טער'ן פייער. אָבער א טוץ יאָהר נאָך דעם שרייבט ער: „איך
דערמאָן זיך גאַנץ גוט דעם רושם וועלכען די קריטיק אין „עדענ־
באָרא רעוויו” איבער מיין ערשט ליעד האָט געמאַכט אויף מיר. —
עס איז געוועזן כעס און געפיהל פון אנטקעגען שטעלען זיך און
נקמה נעמען; אָבער נישט אָפּגעלאָזטקייט און פאַרצווייפלונג. א
ווילדע קריטיק איז ווי די גיפטיגע שיערלינג־פלאַנץ צו א זויגענ־
דיגען שרייבער און די קריטיק אויף מיר האָט מיך צו דער ערד
ארונטערגעשלאגען אבער איך האָב זיך ווידער אויפגעהויבען,
ענטשלאָסען צו באַווייזען ווי פאַלש עס זיינען זייערע ראָבען־
שווארצע נביאות און צו ווייזען זיי, נישט קוקענדיג אויף זייער
קראַקען, אז דאָס איז נישט דאָס לעצטע מאָל וואָס זיי וועלען הע־
רען פון מיר.” אזוי איז געקומען דער שטורם־פאַראויס פון דער
דרויסיגער וועלט, וועלכער האָט צום ערשטען מאָל געטריבען אלע
ליידענשאַפטליכע, צעשפּרייטע געפיהלען אין איין רינע און גע־
מאַכט אויס זיי איין געפיהל, איין צוועק. מיט אן עקשנות'דיגען
באַשלוס האָט ער זיך גענומען אַרבייטען; ער איז געשלאָפען דורך
דעם טאָג, איז אויפגעשטאַנען נאָך זונענאונטערגאנג כדי וואָס ווינ־
ציגער געשטערט צו ווערען און עטליכע חדשים דורכאַנאַנד האָט
ער געארבייט יעדע נאַכט און א גאַנצע נאַכט איבער זיין באַרימ־
טער סאַטירע.

18.

בייראָן, די ליידענשאַפטליכע פּערזענליכקייט

(פאָרטזעצונג.)

באַריהמט איז זי און באַריהמט זיין האָט זי פאַרדינט, כאָטש נים פאַר איהר וויץ און הומאָר — ווייל זי האָט נישט דאָס אייגע און נישט דאָס אנדערע — אויך נישט ווייל זי האָט ווירקזאַמקייט, ווייל עס איז אַ סאַטירע וואָס דעם רוב שלאָגט זי און קלאַפּט בלינד דאָ און דאָרט און אומעדום — זי איז עס צו ליעב איהר קראַפט, איהר זעלבסט־באַוואוסטזיין, אָהן־ביישפּיעל'דיגע, איהר ביישפּיעל־לאָזע וואַגעניש וואָס ליגט איהר צו גרונד און געפינט אויסדרוק איבעראַל אין איהר. די אַטאַקען פון די קריטיקער האָבען ארויס־געררופען אין בייראָן צום ערשטען מאָל דאָס געפיהל וואָס איז פון דאַן אָן געוואָרען באַשטענדיג און פאַרהערשענדיג אין זיין ברוסט, דאָס געפיהל וואָס האָט איהם געמאַכט גאַנץ זעלבסט־באַוואוסט און וואָס לאָזט זיך אויסדריקען אין די ווערטער: „איינער אליין געגען אייך אַלע!” פאַר איהם ווי פאַר די אנדערע גרויסע קעמ־פערישע כאַראַקטערען פון דער געשיכטע איז דאָס געפיהל געוואָ־רען זיין לעבענס־עליקסיר (סם־החיים) „אויסלאַכען זיך פון מ י ר אומבאַשטראָפט! צודריקען מ י ך וואָס בין שטאַרקער פון זיי אַלע!” איז געווען דער רעפרעין (איבער'חזר'ונג) וואָס האָט געקלונגען אין זיינע אויערען בשעת ער האָט געשריבען. די „עדינבאָראָ רעוויו” מענשען זיינען געווען געוואוינט ווען זיי האָבען

צוקוועטשט א גארנישט פון א פאעט און איהם געשליידערט צו דר'ערד, ווי א פליג אדער דורך אונגליק־פאל געשאסען א קליין, ארים זינג־פויגעלע, אז דער קרבן זאל גאר קיין ווידערשטאנד נישט מאכען. ער האט אבער שטילערהייד געגען דעם אורטייל רעבעלירט אבער האט הכנעה'דיג געלעגט די שולד אויף זיין אייגענעם פעהלונג פון טאלאנט. אין ביידע פאלע — דאס רעזולטאט איז געווען — א טיעף שווייגען. אבער איצט האבען זיי אנגעכאפט א מאן ועמעס וואונדערבארע קראפט און שוואכקייט איז דוקא באשטאנען אין זיין משונה'קייט וואס ער האט קיינמאל נישט זיך אליין געטאדעלט פאר אן אומגליק נאר איז ווילד באפאלען אנדערע אלס די פאראנטווארטליכע. אין דעם פאל איז אויך פארבייגעגאנגען א יאהר און א האלב נאך דער קריטיק איבער איהם. אבער ואן איז געשעהן וואס מיר לייענען אין וויקטאר הוגא'ס פאעמע („די פלאגען", די קאראוואנע):

"Tout a coup, au milieu de ce silence moral. Qui monte et qui s'accroit de moment en moment. L'eleve au formidable et long rugissement! L'est le lion."

(דא פלוצים אין מיטען פון דער טריבער שטילקייט וואס שטייגט ארויף און וואקסט פון מאמענט צו מאמענט הויבט אויף זיך א ברילען, אי שרעקליך אין אהן ענד! עס איז דער לייב!)

און דאס בילד איז קארעקט. דען אט די סאטירע מיט איהר פעהלען פון שעהנקייט, חן און וויץ, איז מעהר א ברילען איידער א ליעד. דער פאעט וואס האט דעם האלז פון א נאכטיגאל, איז דערפרעהט ווען ער באמערקט צום ערשטען מאל אז זיין ליעד איז מעלאדיש; די מיאוס'ע קאטשקע ווערט זיך צום גליק באוואוסט אין איהר שוואנען־נאטור ווען זי ווערט אריינגעטאן אין איהר אייגענעם עלעמענט; אבער דאס ברילען וואס זאגט אן דעם יונגען לייב אז ער איז דערוואקסענער לייב, פארוואונדערט דעם יונגען לייב גופא. אומזיסט וועלען מיר דערפאר זוכען אין „ענגלישע דיכטער און שאטישע קריטיקער" שווערד־צוקונגען געגעבענע מיט א שטארקער האנד און א זיכערען צילעווען; אט די

וואונדען זיינען נישט די ארבייט פון א האנד, זיי זיינען אויסגע־ריסען מיט א לאַפּע — אָבער דאָס איז א לאַפּע פון א לייב. אומ־זיסט זוכט איהר דאָ קריטיק, איינגעהאַלטענקייט, שכל; ווייזט דען די פארוואונדעטע רויב־חיה ארויס איבערקלייבעניש און טאקט ווען א קויל וואס האָט זי געזאָלט דער׳הרג׳ענען, האָט זי נאָר לייכט פארוואונדעט? ניין, איהר אייגען בלוט וואס זי זעהט פליסען, פארפינסטערט איהר די אויגען און זי פארלאַנגט נאָר נישט א חוץ אויס נקמה בלוט צו פארגיסען. זי זוכט אפילו נישט נאָר דעם שיסער פון דער קויל גופא אויב איינער פון דער מחנה האָט פארוואונדעט דעם יונגען לייב דאן איז וועה צו דער מחנה! אלע ליטעראַרישע באַריהמטקייטען פון ענגלאַנד, אפילו די גרעסטע און פּאָפּולערסטע — אלע וואס זיינען געשטאַנען אונטערן חסד פון דער „עדינבאַראָ רעוויו" און אלע וואס האָבען דאָרט גע־שריבען — ווערען אין אָט דער סאטירע באהאַנדעלט ווי שול קינדער פון א 20־יעהריגען בחור, במעט אליין א שול־קינד. זיי ווערען אָנגעגריפען איינער נאָכ׳ן צווייטען די ענגלישע דיכטער און שאָטישע קריטיקער. עס זיינען דאָ געוויסע שטארקע קלעפּ וואָס פארפעהלען נישט צו טרעפען. די פוסטע פאַנטאַסטישקייט פון סאוטהעי׳ס „טרעאלאבא" און יענעם שרייבער׳ס אונגאָרמאַלע פרוכטבארקייט, די באוויזען וואס וואָרדסוואָרטה׳ס אייגענע פּאָ־עמען האָבען געליפערט פון דעם אמת פון זיין טעאָריע דאָס פּאָ־עזיע איז דאָסזעלבע וואס פּראָזע; קאָלרידזש׳ס קינדישע נאַאי־וויטעט, מאָר׳ס צולאָזענקייט — אָט אלע די האָבען געקראַגען זייער ריכטיגע מאָס אויפמערקזאַמקייט. אן אטאקע איז געמאכט געוואָרען אויף סקאָט׳ס מ א ר מ י אָ ן וואס דערמאָנט אונז אָן אריסטאָפאַנעס אויסלאַכען זיך פון עוריפּידעס׳ס העלדען. אָבער ביי וויטען דער גרעסטער טייל פון די אטאקען איז אזוי איבער־איילט און פארפעהלט, אז זיי האָבען מעהר געשעדיגט זייער פאר־פאסער איידער די אטאקירטע.

בייראָן׳ס אפּיטרופּוס, לאָרד קארלאַיל, צו וועמען ער האָט ערשט נישט לאַנג געווידמעט די „שעה׳ן פון ליידיג־גאַנג", און וועלכער האָט זיך אפּגעזאָגט פון פארשטעלען איהם אין „האוז אוו לאָרדס", און מענער ווי סקאָט, מאָר און לאָרד האָללאַנד, וועלכע

זיינען שפּעטער געווען צווישען דעם פּאָעט'ס בעסטע פריינד, זיי־נען דאָ געזידעלט געוואָרען לויט גאנץ אונריכטיגע הנחות און מיט א פעהלען פון אורטיילסקראפט וואס קען נאָר פארגליכען ווערען צום נשתומם־מאכענדען חשק, מיט וועלכען בייראָן — אזוי שנעל ווי ער איז איבערציינגט געוואָרען אז ער האָט געהאט א טעות — האָט געבעטען ענטשולדיגונג און האָט געשטרעבט צו פאר־ווישען דעם איינדרוק פון זיינע טעות'ן. מיט יאהרען שפּעטער האָט ער אומזיסט געפּרואווט מאכען א סוף פון דער סאטירע דורך פארניכטען די גאנצע פינפטע אויפלאגע.

דערווייל האָט זי געמאכט גרויס אויפזעהען און האָט ארויס־גערופען דאָס פארלאנגטע רעזולטאט — די ווידעראויפריכטונג פונ'ם פארפאסער.

אין אָנהויב פון 1809 האָט בייראָן איבערגעפיהרט זיך קיין לאָנדאָן, צום טייל כדי אכטונג צו געבען אויף דער פארעפענטלי־כונג פון דער סאטירע, צום טייל כדי צו פארנעמען זיין פּלאץ אין „האוז און לארדס". אזוי ווי ער האָט נישט געהאט קיין פריינד צווישען די „פּערען" וואס זאָל איהם פארשטעלען, איז ער געווען געצוואונגען, להפך צו דער געוואוינהייט, זיך אליין פּאָרצושטע־לען. זיין פריינד, מר. דאַללאַס, האָט די סצענע באַשריבען. ווען בייראָן איז אריינגעגאנגען אין האוז איז ער געווען בלייכער ווי געוועהנליך און זיין פּנים האָט אויסגעדריקט קרענקונג און אויסער־זיך־זיין פון כעס. דער „טשענסעלאָר" (הויפּט) לאָרד על־דאָן, האָט אויסגעשטרעקט זיין האנד צו באגריסען איהם ווארעם און האָט איהם געמאכט עפּעס א קאָמפּלימענט. אבער עס איז געווען ארויסגעוואָרפען אויף לאָרד בייראָן, וועלכער האָט זיך שטייף פארנייגט און האָט די שפּיצען פינגער אריינגעלייגט אין „טשענסעלאר'ס" הענד. דער טשענסעלאר איז ניט אָנגעגאנגען ווייי־טער מיט אָן אזוי אויפגענומענער באַגריסונג און האָט זיך אוועקגע־זעצט. בייראָן האָט זיך נאכלעסיג אוועקגעזעצט אויף איינעם פון די בענק פון דער אָפּאָזיציע, איז פארבליבען דארט א פּאָר מינוט, כדי אָנצואווייזען צו וועלכער פּארטיי ער געהערט, און איז דאָן אוועק. „איך האָב פארנומען מיין פּלאַץ", האָט ער געזאָגט דאַללאַס'ען, „און איצט וועל איך אוועקפאָהרען אין אויסלאנד."

ער האָט פאַרלאָזען ענגלאַנד אין יוני, 1809. ער האָט לאַנג געפיהלט, ווי ער האָט עס געשריבען זיין מאַמע'ן אין 1908, אז „אויב מיר זעהען נישט קיין אנדער נאַציאָן א חוץ אונזער אייגענער, זיינען מיר נישט גערעכט צו דער מענשהייט. פון ערפאַהרונג נישט פון ביכער דאַרפען מיר זי אורטיילען. עס איז גאָר נישט אזוי וויכטיג ווי אַליין אַנקוקען און פאַרלאָזען זיך אויף אונזערע אייגענע חושים."

ער איז צוערשט געגאַנגען קיין ליסאַבאָן (זעה פּאָעמע: הוזזא! האַרדזשסאָן!) די באַשרייבונג פון סינטראַ אין ערשטען ליעד פון טשאַילד האַראָלד איז אַ דערמאָנען זיך די איינדריקען וועלכע ער האָט געקראָגען בשעת זיין קורצען פאַרבלייבען אין פּאָרטוגאַל. פון ליסאַבאָן זיינען ער און זיין פריינד האָבהאוז געריטען קיין סעווילאַ און קאַדיז, פון דאָרט געפאָהרען קיין גיבראַלטאַר מיט'ן ים.

קיינס פון די פּרעכטיגע געשיכטליכע מאָנומענטען פון סעווילאַ האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף בייראָנ'ען, אָבער אי דאָ אי אין קאַדיז האָט ער זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די פרויען. די אוואַנסען וואָס די פאַרשיעדענע שעהנע שפּאַנישע פרויען האָבען צו איהם געמאַכט, האָבען דעם יונגען מאַן צוגעכאַפּ'עט. ער האָט מיטגענומען מיט זיך אלס זכרון פון סעווילאַ אַ לאָק האָר ארום דריי פוס די לענג. גיבראַלטאַר, זייענדיג אַן ענגלישע שטאָדט, איז נאַטירליך געווען „אַ פאַרשאָלטענער פּלאַץ."

אָבער כאָטש די היסטאָרישע זכרונות פון די באַזוכטע לענדער האָבען אַ קנאַפּען איינדרוק אויף איהם געמאַכט, הויבט ער זיך אבער שוין אָן צו פאַראינטערעסירען אין זייערע פּאָליטישע באַציהונגען.

די באַציהונגען צווישען שפּאַניען און ענגלאַנד אינטערעסירען איהם צוערשט. די ערשטע צוויי געזאַנגען פון „טשאַילד האַראָלד" ווייזען, אז ער האָט געפיהלט נור פאַראַכטונג צו דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון ענגלאַנד. ער פאַרשפּאָטעט דאָס וואָס די ענגלענדער האָבען אָנגערופען זייער זיעג אין טאַלאַווערא וואו זיי האָבען אנגעוואוירען 5000 מאַן אָהן אָנצוטאָן וואָס עס איז שאָדען צו די פראַנצויזען, און ער האָט אויף אזוי פיעל

וואונעניש אין זיך, אַנצורופען נאַפּאָלעאָנ'ען פאַר זיין העלד.

פון שפּאַניען איז בייראָן געגאַנגען קיין מאַלטא. איהרע זכרונות פון אַמאָל, וואָס האָבען אַזוי ענטציקט דעם אַלטען סער וואַלטער סקאָט האָבען געמאַכט נישט מעהר רושם אויפ'ן יונגען אַדעלינגען ווי סעווילליא. איהם האָט אין גאַנצען געפעהלט דער ראָמאַנטישער געשיכטליכער חוש גראָד אַזוי ווי דאָס ראָמאַנטישע נאַציאָנאַלע געפיהל. פון וואָס ער האָט געקלערט, צו וואָס ער האָט געבענקט דאָס זיינען געווען נישט די גרינגע פּאַשע־לאַנקעס פון ענגלאַנד אָדער די פאַרנעבעלטע בערגלאַך פון שאָטלאַנד, נור די אָזערע פון זשענעוואַ אין איהר גאַנצער פּראַכט פון פאַרב און דער העלער ענגעאישער ים. זיינע געדאַנקען האָבען נישט פאַר־ווײַלט אויף געשיכטליכע אויפטואונגען פון זיינע לאַנדסלייט, אויף די מלחמות, למשל, די פון רויזען; זיי זיינען געווען פאַרטאָן אין דער פּאָליטיק פון טאָג, פון דער פאַרגאַנגענהייט האָט איהם גאָרנישט אינטערעסירט א חוץ די גרויסע פרייהייטס קאַמ־פּפען. פאַר איהם זיינען די אַלטע סטאַטועז געווען בלויז שטיין, די לעבעדיגע פרויען זיינען אין זיינע אויגען געווען פיעל שעהנער איידער די אַלטע געטינען („דען דער גאַנצער אונזין פון זייער שטיין־אידעאַל", ווי ער דריקט דאָס אויס אין דאָן זשואַן); אָבער אויפ'ן פעלד פון מאַראַטהאָן איז ער אריינגעפאַלען אין א טיעפער טרוימעריי און ער פיערט זיינע זכרונות אין ביידע זיינע לאַנגע פּאָעמעס. ווען ער האָט אין לעצטען יאָהר פון זיין לעבען באַזוכט איטהאַקא, האָט ער צוריקגעוויזען אַלע אָנבאָטען צו ווייזען איהם די איבערבלייבענישען פון אַלטערטום אויף דער אינזעל, באַמער־קענדיג צו טרעלאָני: „איך פאַראַכט דעם אַלטערטימליכען קיואַטש. מיינט מען דאָס באמת, אַז איך האָב נישט קיין קלאָרע מאָמענטען, דאָס איך בין געקומען קיין גריכענלאַנד צו שרייבען נאָך מעהר אונזין?" דער דיכטערישער ענטוזיאַזם פאַר פרייהייט איז צום סוף פאַרשלונגען געוואָרען פון פּראַקטישקייט. מיט בייראָן קומט די ראָמאַנטישע סענטימענטאַליטעט צום סוף, מיט איהם הויבט זיך אָן דער מאָדערנער גייסט אין דער פּאָעזיע דערפאַר האָט ער דאָס משפיע געווען נישט נאָר אויף זיין לאַנד נאָר אויך אויף איי־ראָפּאַ.

אין מאלטא איז ער זעהר צוגעצויגען געוואָרען צו א שעהנער, יונגער דאמע, א מרס. ספּענסער סמיטה, וועלכע איז אויס פּאָליטישע טעמים געווען אונטערגעוואָרפען אונטער פאַרפאָלגונג מצד פון נאַפּאָלעאָן. אַן התלהבות'דיגע פריינדשאַפט האָט זיך אַנטשפּונען צווישען זיי, וואָס ווערט פאַראייביגט אין עטליכע פון בייראָן'ס פּאָעמעס (טשאַילד האראָלד II 30, צו פלאָרענץ, שורות אין אַן אלבום אריינגעשריבען, סטראפען פאַרפאַסט בשעת אַ דונערשטורעם, סטראפען געשריבען ביים פאַרבייגעהן דעם אמבראַצישען ים־בוזים) פון מאַלטא זיינען די וואַנדערער געגאַנגען דורך מערב־גריכענלאַנד קיין אַלבאַניען, „דער רויעראַם פון ווילדע מענער" ווי בייראָן רופט אָן אין טשאַילד האראָלד דאָס לאַנד

„וואו ס'יאָגט דער וואָלף, דער אָדלער שאַרפט דעם שנאָבעל,
און פויגלען, חיות ווייזען זיך און ווילד'רע מענער."

עס איז פאַר איהם כאַראַקטעריסטיש, אַז אין זיינע ערשטע רייזען האָט ער באַזוכט געגענדען וואָס זיינען פאַקטיש געלעגען אריבער דער גרעניץ פון ציוויליזאַציאָן, לענדער, וואו די פּערזענליכקייט פון די איינוואוינער איז געווען כמעט אין גאַנצען אונבאַשרענקט דורך קאָנווענציאָנען, נאַטירליכע קרוב'שאַפט האָט איהם צוגעצויגען צוערשט צו אָט די סצענען און די באַשעפעניש-ען — אַזוי ווי דער יונגער מאַן אין וואָרדסוואָרט'ס „רות".

וואָס ער האָט דאָרט אין לאַנד געזעהן,
וואָס פרעמד דעם אויער און אויג געווען
דאָס האָט זיין גייסט געגעבען.
אַ קרוב'ען אַנשטוים ווי פאַראיינט
מיט זיינע אייגענע כחות און באַשיינט
דעם אמת פון זיין האַרץ און לעבען.

זייענדיג אַ דירעקטער אָפּשטאַמנעדער פון רוסאָ האָט ער געפיהלט אַ שטאַרקע סימפּאַטיע צו אַלע פעלקער וואָס לעבען נאָך אין „נאַטור־צושטאַנד *).

---

*) בייראָן אליין באַשרייבט רוסאָ אין אַ סטראפע וואָס ער האָט געמעגט שרייבען איבער זיך:

די אַלבאַניער זיינען צו יענער צייט געווען כמעט אַזוי ווילד ווי זייערע פּעלאַסגישע אבות. זייער געזעץ איז געווען ס'געזעץ פון שווערט, נקמה איז געווען זייער אידעע פון גערעכטיגקייט. דאָס פאָלק פון לאַנד, אַזוי ווי בייראָן האָט זיי צום ערשטען מאָל געזעהן פאַראייניגט און דער זונענאונטערגאנג האָט באַלויכטען זייערע פּראַכטפולע קליידער און דעם רייכען שמוק פון זייערע פערד בשעת טרומייטען האָבען געשאַלט און מועזינס האָבען אויסגערופען די שעה פון מינארעט פון דער מאָשעע איז געווען אַ ספּעקטאַקעל ווי אין „טויזענד און איין נאַכט”.

יאַנינא האָט אויסגעזעהן וויסטיגער פון אַטהען. אויף זייער רייזע קיין יאַנינא, אַהין און צוריק, זיינען די רייזענדע פאַרלאָזען געוואָרען פון זייערע פיהרער. אין זייער געפעהרליכער לאַגע צווישען די ווילדע בערג מיט דער אויסזיכט פון אַ הונגער־טויט, איז בייראָן געווען דער, וואָס האָט אויפגעהאַלטען דעם מוט פון זיין געזעלשאַפט דורך זיין אָהן־מורא'קייט וואָס האָט איהם אויסגעצייכענט אין אַלע געפעהרליכע לאַגען.

דעם טאָג נאָך זיין אָנקומען אין דער הויפּט־שטאָדט איז בייראָן פאָרגעשטעלט געוואָרען פאַר דעם פּאַשאַ, דעם „טערקישען נאַפּאָלעאָן”, וועמען ער האָט שטענדיג באַוואונדערט, נישט קוקענדיג אויף זיין ווילדער אכזריות. אַזוי האָט ער שטעהענדיג אויפגענומען זיין באַזוכער, איז געווען זעהר פריינדליך, האָט געשיקט גריסען צו בייראָן'ס מוטער און האָט בייראָן'ען אַליין זעהר אָנגענעהם גע'חנפ'ענט, זאָגענדיג איהם, אַז ער האָט איהם גלייך דערקענט אַלס אַדעלסמאַן, דורך זיינע קליינע אויערען, געקרייזעלטע

דאָ האָט דער זיך זעלבסט פּלאָגענדער סאָפיסט רוסאָ,
דער אַפּאָסטאָל פון צרות, ער, וואָס האָט געוואָרפען
אַ כישוף איבער ליידען און האָט פון זיין לייד
אַרויסגעדריקט בּאַרעדזאַמקייט און האָט געשעפּט
דעם אָטעם וואָס אומגליקליך האָט געמאַכט איהם; דאָך געוואוסט
האָט ער, ווי דעם שגעון שעהן צו מאַכען און פאַרוואַרפען
אויף זינד און אויף געדאַנקען הימלישען קאָליר
פון וועהטאָג גלייך ווי שטראַהלען וואָס ביים פליהען פאַרבלענדען
די אויגען וואָס פאַרגאָסען האָבען טרערען איבער

האָר און קליינע, ווייסע הענד. זיין וויזיט צו אלי איז געווען מאַ־טעריאל פאר מאנכע הויפט סצענען פון פערטען געזאנג פון „דאָן זשואן". לאמבראָ און עהנליכע אנדערע בייראָנישע פיגורען זיינען נאָך איהם געצייכענט (ער ווערט אויך באַשריבען פון וויקטאָר הוגאָ אין „די אָריענטאַלען"). אלי האָט באהאנדעלט בייראָן'ען ווי א מפונק און נעשיקט איהם מאנדלען און געצוקערטען שערבעט, פרוכט און נאַשערייען צוואנציג מאָל א טאָג.

באשיצט פון א וואך פון 50 מאן וואָס אלי האָט איהם גע־געבען פון די אָהן־צאָהליגע רויבער גרופּען וואָס האָבען פּאַרפלייצט דאָס לאנד, האָט בייראָן באריייזט גאַנץ אלבאניען. זיינע ווילדע באַ־גלייטער זיינען געווען אזוי פארליעבט אין איהם, אז בשעת ער איז קראנק געוואָרען פון פיעבער האָבען זיי געסטראַשעט צו דער־הרג'ענען דעם דאָקטאָר אויב ער וועט איהם נישט געזונד מאכען. דער דאָקטאָר איז אנטלאָפען און ער איז געזונד געוואָרען. בשעת דער רייזע, איידער ער האָט זיך אָפּגעשטעלט איבער נאכט אין א הייהל ביים ברעג פון ים־בוזים פון ארטא, וואָס בייראָן האָט גע־זעהן די סצענע (דעם פירהישען מוראה־טאַנץ מיט געזאנג־באַגליי־טונג) וועלכען ער האָט שפּעטער באַשריבען אין טשאַילד האראָלד II, 21, 72 און וועלכער האָט איהם באַגייסטערט צו שרייבען דאָס שעהנע ליעד: „טאמבורדזשי, טאמבורדזשי!"

בשעת ער איז געווען אין אטהען האָט זיין ערביטערונג איבער דעם באַ'גזלן'ען דעם פּארטהענאָן דורך ענגלאנד אין דער פּער־זאָן פון לאָרד עלדזשין, באַגייסטערט איהם צו דער פּאָעמע „מי־נערוואַ'ס קללה" און א פאַרבייגעהענדע נייגונג צו א טאָכטער פון אן ענגלישען קאָנסול האָט ארויסגעבראכט די ליעד „מיידעל פון אטהען", וועמעם העלדען, איז אפילו נאָכדעם ווי זי איז געוואָרען אן אלטע, קליינע, בלאסע דאמע, אלץ געפּייניגט געוואָרען מיט באַזוכען פון ענגלישע טוריסטען. דעם 3טען מאי האָט בייראָן גע־טאָן זיין באַריהמטען אויפטו און איז געשוואומען אריבער די דאַר־דאנעלען פון סעסטאָס ביז אבידאָס אין איין שעה און צעהן מינוט, ער שרייבט דערפון אין ד אָ ן ז ש ו א ן און שטאָלצירט מיט דעם זיין גאַנץ לעבען.

אַלץ וואָס ער האָט געזעהן און נעמאָן אויף דער טור האָט איהם אַ פּאָאר יאָהר שפּעטער פאַרזאָרגט מיט דיכטערישען מאַ־טעריאַל. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט ער איין טאָג געזעהן די הינט פאַרשלינגען דאָס פלייש פון א מת, אויף דער אמת'ער סצענע זיי־נען געבויט די באַשרייבונגען פון די שרעקענס אין דער „באַלאַגע־רונג פון קאָהנטה" און אין אכטען געזאַנג פון „דאָן זשואַן" (אי־בערפאַל פון איזמאַאיל). נאָך זיין אומקעהרען זיך קיין אַטהען פון אַ רייזע אין מאָשעא זעהט אוים אַז ער איז אליין געווען אריינ־געטאָן אין דער ליעבעס מעשה, אויף וועלכער „דער דיאור" איז געבויט. (זעה מארקיז סליזאָ'ס בריעף צו בייראָן). וואָס מיר וויי־סען אויף זיכער איז, אַז איין טאָג, קומענדיג צוריק פון באָדען זיך אין פּעי רעאום האָט ער אָנגעטראָפען אַן אפּטיילונג פון טערקישע סאָלדאטען וואָס האָבען געטראָגען איינגענעהט אין אַ זאַק אַ יונג מיידעל וואָס האָט געזאָלט אריינגעוואָרפען ווערען אין ים, ווייל זי האָט אָנגענומען אַ קריסט פאַר איהר געליעבטען. מיט'ן רעוואָלווער אין דער האַנד האָט בייראָן זיי געצוואונגען, צום טייל דורך שוחד, צום טייל דורך סטראשען, און האָט אויסגעווירקט איהר פרייהייט.

אָט דאָס לעבען פון רייזען און אוואנטיורען האָט ניט פּראָדו־צירט דאָס גייסטיגע גלייכגעוויכט וואָס האָט געפעהלט בייראָן'ען. זיינע לעצטע בריעף פון אויסלאַנד באַווייזען אַן איינגעגרונטעוועטע מרה־שחורה. זיין פּאַראַכטונג פון לעבען וואָס איז דער פּועל יוצא פון זיין צוועקלאָזיגקייט שיינט איהם אראָפּצואוועגען צו דער ערד, און ער פיהלט אז ער קומט אהיים טיעף אין חובות „מיט אַ קער־פּער אָפּגעשוואכט דורך איינעם אָדער צוויי שארפע פיעבערן", און צו אבענד ווען ער האָט נישט קיין פריינד, ער ערוואַרט, באַגע־גענט צו ווערען פון קרעדיטאָרען, וואָס עס האָט איהם באַגעגענט איז געווען די נייעס פון זיין מוטער'ס געפּעהרליכער קראַנקהייט. ער האָט זיך געאיילט קיין ניוסטעד זי נאָך אַמאָל צו זעהן, אָבער זי איז געשטאָרבען אין טאָג פון זיין קומען. איהר דינסט האָט איהם אָנגעטראָפען אין אבענד זיצען לעבען איהר קערפּער. זי האָט דורך דער פאַרשלאָסענער טהיר געהערט זיינע זיפצען. ווי זי האָט געבעטען ער זאָל פּרואווען איינהאַלטען זיין שמערץ, האָט ער אויסגעשריען: אה, מרס. באַי, איך האָב נור איין פריינד געהאַט

אין דער וועלט און זי איז אַוועק! פון דעסטוועגן איז זיין צו שטאַרק פריינד האָבן אַז פרעמדע זאָלען זעהן זיין שמערץ געיועז געוואוינט נישט צו דערלאָזען זיין נאָכגעהן נאָך זיין מוטער׳ס לויה. ער איז געשטאַנען ביי דער טיר פון דער אַבבי ביז די לויה־פּראָצעסיאָן איז פאַרבייגעגאַנגען, דאַן אומקערענדיג זיך צו זיין באַגלייטער, דעם יונגען ראָשטאָן, האָט איהם געהייסען ברענגען די געפּעכט־הענטשקעס, און איז אַוועקגעגאַנגען ווייטער אין זיין געוועהנליכער איבונג מיט דעם אינגעל. צום סוף איז דער קאַמף פון באַהאַלטען זיך צו שטאַרק, געוועזן פאַראיבער, האָט ער די הענטשקעס אַוועקגע־וואָרפען און האָט זיך אין צימער צוריקגעצויגען. בשעת דער לאַנ־גער אַטאַקע פון מעלאַנכאָליע אין וועלכער ער איז פאַרזונקען, האָט ער געמאַכט א צוואָה, אין וועלכער ער האָט ווידער אַמאָל פאַר־לאַנגט מען זאָל איהם באַגראָבען לעבען זיין הונד.

קוים האָט בייראָן געלאַנדעד, האָט שוין זיין פריינד דאַללאַס איהם געפרעגט אויב ער האָט מיטגעבראַכט פּאָעזיע מיט זיך פון זיינע רייזען. דער יונגער פּאָעט, וועמען עס האָט גאַנץ היבשלאַך געפעהלט דער קריטישער חוש, האָט ארויסגענומען פון טאַש, נישט אָהן גאוה, די „רמזים פון האראַץ", א נייע סאַטירע אין פּאָפּס׳ סטיל. מיט אָט דער ארבייט זיינער איז דאַלאַס געוועזן היבש ענטוישט. ווען ער האָט עס איהם צוריקגעגעבען אויפ׳ן צווייטען פריה־מאָרגען, האָט ער איהם געפרעגט צי האָט ער גאָר נישט מעהר געשריבען, דערויף האָט איהם בייראָן געגעבען איינינע קורצע פּאָעמען און דאָס וואָס ער האָט אָנגערופען: „א צאָהל סטראָפען אין ספּענסער׳ס פאָרם", דאָס רוב באַשרייבענדיג די לענדער וועל־כע ער האָט באַזוכט. אָט די לעצטע זיינען געוועזן די צוויי לעצטע געזאַנגען פון „ט ש א י ל ד ה ע ר א ל ד". אויף דאַללאַס׳ דרינגענדען פאַרלאַנג זיינען זיי זאָפאָרט געגעבען געוואָרען צום דרוקער.

אין מוח פון היינטוועלטיגען לעזער איז עלול אויסצומישען זיך דער רושם וואָס אָט די צוויי געזאַנגען האָבען געמאַכט מיט׳ן רושם פון די לעצטע צוויי (זעקס אָדער זיבען יאָהר שפּעטער גע־שריבען), אָבער ווער עס וויל פאַרשטעהן בייראָן׳ס ענטוויקלונג מוז זיך היטען שאַרף צו אונטערשיידען דעם רושם פון צוויי פאַר־

שיידענע זאַכען. דען דער תהום צווישען דער ערשטער און צוויי־טער העלפּט פון „ט ש א י ל ד ה א ר אָ ל ד" איז אזוי ווייט, ווי דער תהום צווישען אָט דער צווייטער העלפּט און ד אָ ן ז ש ו א ן.

די סטראָפען וואָס בייראָן האָט געוויזען דאַללאַס'ען זיינען זיננענדיג, אויפריכטיג אין געפיהל און צומאָל גראַנדיאָז. זיי זיינען געווען די ערשטע פולע, האַרמאָנישע טענער וואָס זיינען געווען באַשטימט פון דאַן אָן צו גיסען זיך פון מויל פון פּאָעט אזוי לאַנג ווי ער האָט געאָטעמט. זיי האָבען אָבער נאָך שוואַך פאָר־אויסגעזאָגט אויף דעם מאַן וואָס ער איז געווען באַשטימט צו זיין, מיט וועמען נור צעהן יאָהר שפּעטער האָט אָפּגעקלונגען דער איי־ראָפּעאישער קאָנטינענט. דערווייל זיינען מעכטיגע נאַטור־באַ־שרייבונגען געווען דער הויפּט אינהאַלט פון זיין דיכטונג, די לי־רישע אויסגוסען זיינען דערווייל זעלטען, דעם צופעליגען לעזער ברענגען אָט די סטראָפען פּשוט די רייזע רשמים פון א וועלט־מידען ענגלישען אריסטאָקראַטעל, נאָבעל געמאַכט דורך א וויר־דיגקייט אין סטיל, דען דער טאָן פון „ט ש א י ל ד ה א ר אָ ל ד" איז גראָד אזוי אידעאַליסטיש און ערענסט ווי דער טאָן פון ד אָ ן ז ש ו א ן איז רעאַליסטיש און הומאָריסטיש.

זיין שטימונג איז די פון איינטאָניגער מרה שחורה. בייראָן איז נאָך נישט דער פּאָעט וואָס שפּרינגט פון איין געפיהל צום צוויי־טען מיט פאָרצוג צום אקוראַטען היפוך כדי צו מאַכען א יעדען פון זיי אזוי שטאַרק ווי מעגליך און דאַן פּאַקט ער און שניידט אין זיי אריין וואָס האַרטער, וואָס עקסטרעמער די אָנגעצויגענקייט וואָס ער האָט ארויסגערופען. אָבער כאָטש מיר דערזעהען דער־ווייל נור די הויפּט שטריכען פון דיכטער'ס פּרצוף, כאָטש מיר פיה־לען גאָרנישט פון זיין שאַרף סאַטירישען אויסדרוק אָדער פון זיין באַלד אונפאַרשעהמטען באַלד פרעהליך שמייכעל, שטויסען מיר זיך פון דעסטוועגען אָן פון זיין גליהענדען, יוגענדליכען פּאַטהאָס, אַז מיר האָבען דאָ צו טון מיט איינער פון די שטאַרקסטע פּערזענ־ליכקייטען אין דער היינטיגער ליטעראַטור. עס איז דאָ אַן „איך" אין אָט דער פּאָעמע וואָס באַהערשט א יעדען דעטאַל, אַן „איך",

וואָס פֿאַרלירט זיך נישט אין קיין שום געפֿיהל, וואָס פֿאַרגעסט זיך אין קיין באַשטרעבונג.

די אַנדערע ליטעראַרישע פּערזענליכקייטען פֿון טאָג האָבען זיך געקענט אויסבייטען, אין לופט אויפגעהן, פֿליסיג מאַכען, זיך קריסטאַליזירען, זיי האָבען געקענט אומבייטען זיך אין קאָסמישע באַשעפֿענישען אָדער אויפגעהן אין גאַנצען אין סענזאַציעס וואָס זיי האָבען געקראָגען פֿון דרויסען, אָבער דאָ האָבען מיר אַן „איך" וועלכעס, וואָס זאָל נישט געשעהן, שטענדיג זעלבסטבאַוואוסט, קומט שטענדיג צוריק צו זיך; און דאָס איז אַן אויפגערעגט, ליידענשאַפֿטליך „איך" אין וועמעס געפֿיהלען עס דערמאָנט אָבער די באַוועגונג און אפילו די אונוויכטיגסטע שורות אַזוי ווי דער שעפֿט פֿון א מושעל דערמאָנט אונז דאָס ברומען פֿון אָקסען.

טשאַילד האַראָלד (אין דער ערשטער איבערשריפֿט טשאַילד בורון) פֿאַרלאָזט זיין לאַנד נאָך א שלעכט פֿאַרבראַכטער יוגענד, אין א שטימונג פֿון „ספּלין" דיגער מעלאַנכאָליע, לאָזענדיג איבער קיין שום פֿריינד און געליעבטע. דאָס איז א יוגענדליכע לעבענס־מידקייט זיינע, פֿאַראורזאַכט דורך זיין קערפּערליכען צושטאַנד און געזונד, וואָס איז נוטה געווען צו מרה שחורה, און דורך א צו־פֿריהע איבערזעטיגונג מיט פֿאַרגעניגען. עס איז נישטאָ אין איהם קיין שפּור פֿון דער צופֿעריזיכטליכער פֿרעהליכקייט פֿון יוגענד און פֿאַרלאַנג נאָך צעשטרייאונג און באַריהמטקייט. ער דענקט, כאָטש ער האָט ווינציג וואָס דאָס לעבען געזעהן, אַז ער איז פֿאַרטיג מיט אַלצדינג און דער פֿאַקט איז אַזוי אין גאַנצען איינס מיט זיין גבור אַז נישט אויף קיין רגע דערהויבט ער זיך איבער איהם אויף די פֿליגלען פֿון איראָניע.

דאָס אַלעס האָט געמאַכט אַזא וויכטיגען איינדרוק אויף דעם פּובליקום פֿון בייראָן'ס צייט, איז זיך היבש אונצוציהענדיג פֿאַר א מאָדערנעם קריטישען לעזער; זיין שטרעבען נאָך עפֿעקט לאָזט זיך גאַנץ אָפֿען ארויסזעהן און די צייט ווען א סתם'יגע וועלט מידיגקייט האָט אינטערעסירט איז פֿאַרביי. אָבער קיין איינציגער מיט א פּראַקטישען בליק קען פֿאַרפֿעהלען צו זעהען אַז אין דעם פֿאַל פֿאַרדעקט די מאַסקע — דען עס איז א מאַסקע — אַן ערנסטען און ליעבענדען פּנים. די מאַסקע איז די פֿון א פּרוש, רייסט

זי אראָפּ און עס בלייבט אַלץ איבער דער מאַן פון איינזאַמער נאַ־טור ! די מאַסקע איז גראַנדיאָזע מרה שחורה, וואַרפט זי אָפּ הינ־טער איהר איז דאָ אמת׳ע טרויער ! האראָלד׳ס מושעל־באַדעקטער מאַנטעל פון אַן עולה־רגל מעג זיך מעהר נישט זיין ווי אַ מין באַלל־דאָמינאָ ; אָבער ער פארדעקט אַ יונגען מאַן פון ברע־נענדע געפיהלען מיט אַ שאַרפען פארשטאַנד, מיט טרויעריגע לע־בענס איינדרוקען און אומגעוועהנליכע שטאַרקע ליעבע צו פריי־הייט. אין טשאילד האראָלד׳ס בעסערען זיך איז נישטאָ קיין אונ־אויפריכטיגקייט ; בייראָן אַליין איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַלץ וואָס זיין העלד דענקט און פיהלט. און פאַר די וואָס געדענקען וואָס בייראָן׳ס אייגענער באַנעהמען זיך איז געווען, גלייך נאָכדעם ווי ער האָט געשריבען ט ש א י ל ד ה א ר אָ ל ד און וועלכע זעהען אַ דירעקטען היפוך אין דער אויסגעטראַכטער פערזענליכ־קייט׳ס זקנים־מרה שחורה און דער אמת׳ער פערזענליכקייט׳ס בחור׳יש ברענענדען נאָכגעהען נאָך סעקסועלע פאַרגעניגענס, זיי ענטפערן מיר אז די אורזאַך פאַר דעם נישטליכען היפוך איז פשוט דאָס, וואָס בייראָן, וועלכער איז אין זיין פּאָעזיע אַלץ אַן אידעאַ־ליסט, האָט נישט געקאָנט אנטפּלעקען זיין ג אַ נ צ ע נ אַ ט ו ר אין די ערשטע געזאַנגען פון ט ש אַ י ל ד ה אַ ר אָ ל ד. אַלץ וואָס איז דאָרט דאָ איז זיכער בייראָן אָבער אַ חוץ דעם איז געווען אין איהם אויך אַן אנדערער און גאַנץ אַנדערער מענש, און ביז ער האָט נישט געשריבען זיין דאָן זשואַן איז איהם נישט געלונגען אריינצופיהרען יענעם צווייטען בייראָן — אזוי ווי ער האָט גע־לעבט און געקלעהרט, גערעדט, — אין זיין פּאָעזיע. די אונפּאַל־קאָמענהייט פון דער זעלבסט באַשרייבונג מוז נישט פאַרמישען מיט אַ פאַרשטעלען־זיך און כלומר׳שט זיך מאַכען.

אין פעברואר 1812 האָט בייראָן געהאַלט זיין ערשטע רעדע אין פּאַרלאַמענט. ער האָט גערעדט פאַר די ארימע וועבער אין נאָטינגהעם, ווענען עס איז פאַרגעשלאָגען געוואָרען זעהר שטרענג צו באַשטראָפען פאַר פאַרניכטונג פון די מאַשינען וואָס האָבען ביי זיי אָוועקגערויבט די חיונה. עס איז אַ יוגענדהאַפטע און היבש אומשטענדליכע דרשה אָבער פול מיט לעבען און היץ. ביירן איז געווען גאַנץ ביי זיך ביי דער פאַרטיידיגונג פון די אינטערעסען

פון דעם הונגערענדען און יאוש'דיגען המון. ער האָט גאַנץ פאַר־שטענדליך אנגעוויזען זיינע לאַנדסלייט, אז א צעהנט חלק פון דער סומע וואָס זיי האָבען ווילינג אָפּגעשטימט צו געבען כדי צו העל־פען די פּאָרטוגעזען אָנגעהן מיט דער מלחמה וואָלט געווען גענוג צו שטילען דאָס עלענד, וועלכעס מען האָט פאָרגעשלאָגען צו שטי־לען דורך איינקערקערונג אין דער מלחמה. בייראָן'ס שטאַרקער און עקשנות'דיגער האַס פון מלחמה איז געווען איינער פון די קע־רענדלאַך פון שכל הישר וועלכע געפינען זיך אין אויפגעלעגטען צו־שטאַנד אין זיין פּאָעזיע ; דאָס גיט צו לעבהאַפטיגקייט צו די פריהערע געזאַנגען פון ט ש א י ל ד ה א ר אָ ל ד.

זיין צווייטע פּאַרלאַמענטאַרישע רעדע איז געווען מכח דער עמאַנציפּאַציאָן פון די קאַטאָליקען. כאָטש זי האָט נישט אויסגע־נומען, איז זי אַן אויסגעצייכענטע רעדע ; אין איהר אנערקענט בייראָן — און מאַכט א סוף דורך ריכטיגער לאָגיק — צו איינעם פון די אַרגומענטען געגען געבען רעליגיעזע פרייהייט צו די קאַ־טאָליקען — אז מען וואָלט זי אויף גלייכען אופן באַדאַרפט געבען צו די אידען. מכח דערזעלבער פראַגע פון עמאַנציפּאַציאָן, געפי־נען מיר פאָלגענדע יוגענדליך־וויציגע רשימה אין זיין נאָטיץ־בוך : „ביי איינעם פון די וכוחים איבער דער קאַטאָליקען־פראַגע, ווען מיר זיינען געווען אָדער גלייכשטעהענדיג אָדער אין איינער אַזעל־כער (איך פאַרגעס וועלכעס) האָט מען געשיקט נאָך מיר אין גרוי־סער איילעניש צו א באַלל, וועלכען איך האָב פאַרלאָזט — איך בין זיך מודה, א ביסעל אונווילינ — צו באַפרייען 5 מיליאָן מענ־שען". וויציגע רייד אַזעלכע (נעמט אָט דאָס, למשל : „נאָך אלע־מען מוזען מיר ענדיגען און חתונה האָבען ; און איך קען זיך נישט פאָרשטעלען עפּעס אנגענעהמערס ווי אַזאַ צושטאַנד אין לאַנד, ווי לייענען די דאָרפס צייטונג, קושען דער ווייב'ס דיענסט א. אז. וו.") האָבען באַוויזען — ווייל זיי שטימען אַזוי ווענינ איין מיט ט ש אַ י ל ד ה א ר אָ ל ד'ס מעלאַנכאָליע, גאַנץ גרייליך צו נאַ־רישע מענשען אז פאַר איהם איז גאָר נישט הייליג געווען. אין דער אמת'ען, זייענדיג יונג און א ביסעל א כוואַט, האָט ער עס באַטראַכט אונטער זיין ווערדע אויסצודריקען זיך מיט געפיהל, ער האָט אומבאַוואוסט אָנגענומען אלס מאָטאָ סט. בערנאַרד'ס וואָרט :

"Plus Labora celara Celare virtutes Quam vitia !"
(ארבייט מעהר אויף באהאלטען דיינע מעלות ווי דיינע חסרונות.)

זיין ערשטע רעדע איז געווען א גרויסער ערפאלג און האט געהאלפען ציהען די אויפמערקזאמקייט פון פובליקום אויף די ערשטע צוויי געזאנגען פון טשאילד האראלד וואס זיינען פארעפענטליכט געווארען נור 2 טעג נאך דעם ווי ער האט די רעדע געהאלטען. דער איינדרוק וואס טשאילד האראלד האט ארויסגערופען איז געווען צו דער פלעפע; ביירא‌ן איז אין דער רגע געווארען א באריהמטהייט — לאנדאן׳ס נייער ליעב, דער געזעליכער הערשער איבער דער געזעלשאפט פאר׳ן יאהר 1812. די גרויסשטאדט, לויט ווי זי איז געווען רעפרעזענטירט דורך איהרע שעהנסטע, אויסגעצייכענטסטע, בריליאנטעסטע און קולטיווירטעסטע איינוואוינער, איז געפאלען כורעים פאר דעם 23־יעהריגען בחור. אויב אט די ערשטע געזאנגען פון טשאילד הארלד וואלטען זיך אויסגעצייכענט דורך די אייגענשאפטען פון די שפעטערע, ד. ה., טיעפע אריגינאליטעט און שטארקע עהרליכקייט, וואלטען זיי נישט געמאכט דעם ליארעם אין דער וועלט וואס זיי האבען געמאכט. גרויסע עהרליכקייט און גרויסע אריגינאליטעט געפעלען דעם אלגעמיינעם פובליקום קיינמאל נישט מיט אמאל. עס איז געווען די פארשלייערטקייט, די סתם׳יגע מידקייט מיט דער וועלט און איהרע פארגעניגענס וואס האבען געמאכט א רושם אויפ׳ן פובליקום, די קראפט פון וועלכער עס האבען נור אויפגעכאפט א שמץ האט ארויסגערופען נאך מעהר עפעקט דורך דעם וואס זי האט זיך אנטפלעקט אין אן עפעס טעאטראלישען אופן.

דאס איז געווען די בליהעצייט פון „דענדיאזם" (אויסגעפוצטקייט). די העכערע קלאס פון דער לאנדאנער געזעלשאפט מיט בא ברומעל אלס צערעמאניען־מייסטער (טאן געבער) האט זיך אפגעגעבען צו פארשווענדערישקייט און תאוה, וואס האט נישט געהאט איהר פארגלייך זינט די טעג פון טשארלס דעם צווייטען׳ס מאלצייט־פארטיען און באלען, דאס טעאטער, דער האזארד־שפיעלטיש, געלד־פארוויקלונגען, ליעבעס אינטריגען פארפיהרונגען און דועלען אלס פאלגע דאפון האבען טאג און נאכט באשעפטיגט די אריסטאקראטיע און ביירא‌ן איז געווען דער העלד פון טאג —

אפילו פון יאָהר. וואָלט דען געקענט זיין א פּאַסיגערער געגענשטאַנד פון באַוואונדערונג און פאַרגעטערונג פון א געזעלשאַפט, געלאַנגווייליגט און אָראָפּגעדריקט דורך איהר אייגענער פּוסטקייט? אַזוי יונג, אַזוי שעהן און אַזוי אויסגעלאַסען! דען קיינער האָט נישט געצווייפעלט אַז ער איז געווען גראָד אַזאַ מסוכן׳דיגער „פאַרדאָרבענער", ווי זיין העלד. בייראָן האָט נישט געהאַט סקאָט׳ס קאַלטבלוטיגקייט און גייסטיגען גלייכגעוויכט אַנטקעגענצושטעלען זיך געגען נסיונות און חניפה. ער האָט זיך ערלויבט פיהרען מיט דעם שטראָם וואָס האָט איהם אָנגעהאַלטען אויף זיין אויבערפלעכע. דער קינסטלער אין איהם האָט געבענקט אויסצופּרואווען יעדע שטימונג און האָט גאָר נישט אָפּגעוואָרפען. ער האָט לייכט אויפגעהאַלטען זיין שם אַלס פּאָעט; איינס נאָך דעם אַנדערען זיינען געקומען מיט קורצער אונטערברעכונג זיינע דערצעהלענדע פּאָעמעס, „דער גיאור" (מאַי 1813), „די כלה פון אבידאָס" (דעצעמבער 1813), „דער קאָרסאָר" (פאַרענדיגט ניי־יאָהר 1814). פון דעם לעצטען ווערק זיינען פארקויפט געוואָרען 13,000 קאָפּיעס אין איין טאָג. די ביטערע „אָדע צו נאַפּאָלעאָן", צו דער געלעגענהייט פון זיין אָפּדאַנקונג, האָט געוויזען דאָס בייראָן, ביי זיין באַשעפטיגונג מיט פּאָעזיע, האָט נישט אין גאַנצען פאַרגעסען די געשעהענישען פון טאָג. אין 1815 האָט ער געשריבען „פּריזיניג" און „די בעלאַגערונג פון קאָסינטה", די נייקייט, די פרעמדקייט פון די ליידענשאַפט פון אָט די ווערק האָט פאַר׳כישוף׳ט די בלאַזירטע אַריסטאָקראַטישע געזעלשאַפט פון לאָנדאָן, זייער פּאָרפּאַסער איז געווען א וואונדער, אויף וועמען אַלע האָבען זיך אומגעקוקט. אין די סאַלאָנען האָבען די יונגע דאַמען געציטערט אין דער אַנגענעהמער ערוואַרטונג, טאָמער וועט ער זיי נעהמען צו א מאָלצייט און ביים שפּייז־טיש האָבען זיי קוים געוואַגט צו נעמען עפּעס אין מויל, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז ער האָט נישט ליעב געהאַט צו זעהען פרויען עסען. אייגענטימער פון אַלבומס, אין וועלכע ער האָט זיך אַראָפּגענידערט אריינצושרייבען עטליכע שורות זיינען געווען אויסגעזעצט צו קנאה. א מוסטער פון זיין האַנדשריפט איז לכשעצמה געווען אַן אוצר. מען האָט גערעדט פון אַלע גריכישע און טערקישע פרויען פאַר וועמען זיין ליעבע

האָט געמוזט באַדייטען דעם טויט און מען האָט געפרעגט וויפיעל פון זייערע מענער ער האָט גע'הרג'עט. זיין שטערען און זיין בלישטשענדיג אויג האָט סוגעסטירט צולאָזענקייט. ער האָט גע־טראָגען זיינע האָר אונגעפודערט און עס איז געוועזן אזוי ווילד ווי זיינע לײדענשאַפטען. פאַרשיעדען אין אלצדינג פון די איבעריגע פּשוט'ע שטערבליכע, איז ער געוועזן אזוי צוריקגעהאַלטען ווי זיין קאָרסאַר; אנומעלט ביי לאָרד — האָט ער נישט געלאָזט פאַרביי־געהן עלף מאכלים אָהן זיי אָנצוריהרען און ער האָט נישט פאַר־לאַנגט נור צוויבאַק און סאָדא וואסער? וואָס פאַר א אומבאַקוועמע לאַגע פאַר דער הויז־דאַמע וואָס האָט אזוי פיעל שטאָלצירט מיט איהר קאָך! און וואָס פאַר א משונה'דיג שטיק עקסצענטרישקייט אין א לאַנד וואו א שטאַרקער אפעטיט איז איינע פון נאַציאָנאַלע טוגענדען!

מיר זעהען „טשאַילד האראָלד" פאַרבייטען זיך אין „דאָן זשואַן". דער איינזאַמער עולה רגל ווערט דער סאלאָן־לייב. אויף די דאַמען האָט בייראָן'ס ראַנג, יוגענד און מערקווירדיגע שעהנ־קייט געמאַכט, נאַטירליך, כמעט מעהר רושם, ווי זיין פּאָעזיע. אין דער ביאָגראַפיע פון וואָלטער סקאָט געפינען מיר פאָלגענדע מיי־נונג וואָס ער האָט געגעבען מכח זיין ברודער־שרייבער'ס פערזענ־ליכען אויסזעהן: „וואָס איז שייך פּאָעטען, האָב איך געזעהן, איך גלויב, אלע בעסטע פון אונזער צייט און לאַנד — און כאָטש בוירנס האָט געהאַט די שעהנסטע אויגען וואָס מען קען זיך פאָר־שטעלען, האָב איך קיין מאָל נישט געהאַלטען, אז וועלכער ס'איז פון זיי וועט זיין געוואַקסען צו א קינסטלער'ס באַגריף פון א „כאַ־ראַקטער", א חוץ בייראָן... און די געדרוקטע בילדער געבען גאָר קיין איינדרוק נישט פון איהם — דער גלאַנץ איז דאָ אָבער אומ־באַלויכטען. בייראָנ'ס קלסתר פנים איז אזא וואָס מען חלום'ט."
איינע פון די שעהנהייטען פון יענער צייט האָט געזאָגט צו זיך דאָס ערשטע מאָל וואָס זי האָט איהם דערזעהען: „אָט דאָס בלאַסע פנים פאַרזיגעלט מיין שיקזאַל."

פרויען האָבען, אָהן ספק, שטענדיג פאַרנומען צום גרויסען טייל בייראָנ'ס צייט און מחשבות; אָבער אויסדרוקען אין טשאַילד האראָלד האָבען אַרויסגערופען דעם רעפּאָרט, אז

ער האָט אויסגעהאַלטען א רעגעלמעסיגען הארעם אין ניוסטעד, דער הארעם האָט אין דער אמת׳ען — ווי עס ווייזט אוים — געהאַט נור איין אַדאַליסקע. נאַריש, מגוזמ׳ע מעשות זיינען ארומגעגאַנגען מכח די ליעבעס אוואַנטורען, אין וועלכע ער האָט געשפּיעלט די העלדען־ראָלע בשעת זיינע רייזען. די פאָלגע פון דעם אַלעמען איז געווען אַז ער איז אבסאָלוט באַלאַגערט געוואָרען פון די ווייבער, זיין טיש איז יעדען טאָג באַדעקט געווען מיט בריעף פון פרויען וואָס זיינען איהם באקאַנט און אומבאקאַנט געווען. איינע איז געקומען צו איהם (נאָכמאַכענדיג וואַרשיינליך קאַלעד אין „לאַרא") פאַרשטעלט אַלס פאַזש; א סך זיינען געקומען אונפאַרשטעלטערהייט. ער האָט דערצעהלט מעדווין׳ען, אַז איין טאָג גלייך נאָך זיין חתונה האָט ער אין זיין ווייב׳ס סאַלאָן געפונען 3 פאַרהייראַטע פרויען, ועמען ער האָט גלייך דערקאַנט אַלס „בחור׳טעס פון זעלבען שניט."

אָט דאָס לעבען זיינס, אָנגעפילט מיט פוסטע פאַרגעניגענס און טריאומפען פאַר זיין איטעלקייט, האָט לפּחות געפּאַסט זיך בעסער פאַר בייראָנ׳ען ווי רוה; דען, ווי זאָגט ער אין „טשאַילד האראָלד": „רוה איז צו שנעלע הערצער א גיהנום". אָבער אין דעם גאַנצען קעסעל גרוב פון אויפרעגונג האָט זיין הארץ באמת גענומען אַן אנטייל? דאַכט זיך, ניין. די ליעבעס אנגעלעגענהייט וואָס האָט איהם דעמאָלס שטאַרק באַשעפטיגט און האָט זיין צוקונפט באאיינפלוסט איז געווען — לויט מיר ווייסען עס פון זיינע בריעף — א קעסעל גרוב אין א קעסעל גרוב און אַלס אַזעלכער האָט עס איהם צוגעצויגען; אָבער זיין הארץ האָט עס געלאָערט גאַנץ קאַלט.

ליידי קאַראָלאַין לעם, א יונגע דאַמע פון גוטער משפּחה, און די פרוי פון א שטאַאטסמאַן, וואָס איז שפּעטער באקאַנט געוואָרען אַלס לאָרד מעלבאָרן, האָט לאַנג געהאַט דעם ברענענדען פאַרלאַנג באַקאַנט צו ווערען מיט דעם פּאָרפאַסער פון ט ש א י ל ד ה א ר אָ ל ד. איהר נאַטור איז געווען א ווילדע, פאַנטאַסטישע, אומרוהיגע, וואָס האָט זיך אָקעגען געשטעלט צו יעדער מין קאָנטראָל און איז שנעל נאָכגעגאַנגען נאָך דער היץ פון מאָמענט; דערפאַר איז זי אויף אַזוי ווייט געווען א קרוב׳ער גייסט צום פּאָעט.

זי איז געווען 3 יאָהר עלטער ווי בייראָן, בלאָנד, מיט א דינער, שעהנער פיגור און א ווייכער שטימע; איהר מאַניער, כאָטש אפעקטירט, איז געווען שטאַרק צוציהענדיג. זי האָט געשפּיעלט אין בייראָן'ס לעבען די ראָלע וואָס פרוי פאָן קאלב האָט געשפּיעלט אין שילער'ס.*) איהר באַציהונג צו איהם האָט געמאַכט, אז מען זאָל איבער דער ליידי אַזוי פיעל רעדען, אַז איהר מוטער האָט זיך געמיהט מיט אַלע קרעפטען זי אָפּצוברכען. ליידי קאַראָלאַין איז לכל הפּחות איבערגערעדט געוואָרען צו געהן קיין איירלאַנד אויף באַזוך. בייראָן האָט איהר געשריבען אַן אָפּשיעד'ס בריעף פון וועלכען זי האָט ערלויבט ליידי מאָרגאַן צו מאַכען א קאָפּיע — אַ בריעף וואָס איז טיפּיש פון זיין סטיל אין זיינע נישט־דרייסיג יאָהר און וואו קיינער מיט א קענטעניש פון מענשליכען האַרץ וועט געפינען די שפּראַך פון ליעבע, ער דערמאַנט אונז אין האמלעט'ס צווייפעלהאַפטיגען בריעף צו אָפעליאַ.

„אויב די טרעהרען וואָס איהר האָט געזעהן און ווייסט אַז איך בין עלול צו פאַרגיסען — אויב די אויפרעגונג אין וועלכער איך

*) אין לעידי מאָרגאַן'ס „זכרונות" געפינען זיך די פאָלגענדע לעבהאַפטע שילדערונגען פון לעידי קאַראָלאַין לעם אליין פון דעם אָנהויב פון איהר באַקאַנטשאַפט מיט בייראָנ'ען: „לעידי וועסטמאָרלענד האָט איהם געקענט אין איטאַליען. זי האָט עס גענומען אויף זיך פאָרצושטעלן איהם. די פרויען האָבען איהם שיער נישט דערשטיקט. איך האָב גאָרנישט געהערט פון איהם, ביז איין טאָג האָט ראָדזשערס (דענער, מור און ספּענסער זיינען אויך געווען מיינע געליעבטע) געזאָגט: „איהר דאַרפט קענען דעם נייעם פּאָעט". און האָט מיר אָנגעבאָטען צו לייענען דעם כתב־יד פון ט ש א י ל ד ה אַ ר אָ ל ד. איך האָב איהם געלייענט און עס איז געווען גענוג. ראָדזשערס האָט געזאָגט: „ער הייבט אויף אַ פוס און ער בייסט זיינע נעגעל". איך האָב געזאָגט: „ער זאָל אפילו זיין אַזוי מיאוס ווי עזאָפּ, מוז איך איהם קענען". איך בין געווען איין מאָל צו גאַסט ביי לעידי וועסטמאָרלענד, די פרויען האָבען אַלע געוואָרפען זייערע קעפּ וואו ער איז געווען, לעידי וועסטמאָרלענד האָט מיך צוגעפיהרט צו איהם. איך האָב איהם אָנגעקוקט ערנסט און איבערגעדרעהט זיך צו איהם. מיין מיינונג אין מיין טאָגע־בוך איז געווען: „משוגע, פאַרדאָרבען, געפעהרליך צו קענען". אַ טאָג, אָדער צוויי, זיינען פאָראיבער, איך בין געזעסען מיט לאָרד און לעידי האָלאַנד, ווען מען האָט איהם געמאָלדען. לעידי האָלאַנד האָט געזאָגט: „איך מוז אייך

האָב זיך מיטוואָך צוזעגענט — אַן אויפרעגונג וועלכע איהר האָט געמוזט באַמערקען דורך דער גאַנצער העכסט נערוועזער אַנגעלעגענהייט — האָבען זיך נישט אָנגעהויבען ביז דער מאָמענט צו שיידען פון אייך איז געקומען, — אויב אַלץ וואָס איך האָב געזאָגט און געטאָן און בין אַלץ נאָך גרייט צו זאָגען און צו טאָן, האָבען אייך נישט גענוג באַוויזען, וואָס מיינע אמת'ע געפיהלען זיינען און מוזען אייביג זיין צו אייך, מיין געליעבטע, דאַן האָב איך קיין אַנדערען באַוויז צו געבען... איז דען דאָ עפּעס אויפ'ן הימעל און אויף דר'ערד וואָס וואָלט מיך אַזוי גליקליך געמאַכט, ווי דאָס, צו האָבען אייך געמאַכט פאַר מיינע שוין לאַנג צוריק? איהר ווייסט, איך וואָלט מיט פאַרגעניגען אויפגעגעבען אַלצדינג דאָ און אויף יענער זייט קבר פאַר אייך און אויב איך האַלט זיך צוריק דערפון, מוזען מיינע מאָטיוועו שלעכט פאַרשטאַנען ווערען? מיך אַרט נישט ווער עס ווייס פון דעם, וואָס פאַר א נוצען ווערט פון דעם געמאַכט — זיי זיינען נור פאַר אייך, פאַר א י י ך. איך בין געוועזען און בין אימער פריי און גאַנץ אייך צו געהאָרכען, צו עהרען, ליעב

פאַרשטעלען לאָרד בייראַן." לאָרד בייראַן האָט געזאָגט: „דער פאַרשלאַג איז אייך פריהער געמאַכט געוואָרען, מעג איך וויסען, פאַר וואָס איהר האָט איהם צוריקגעוויזען?" ער האָט מיך געבעטען ערלויבניש צו קומען און זעהן מיך. ער האָט אַזוי געטאָן א טאָג דאַרויף. ראַדזשערס און מור זיינען געשטאַנען לעבען מיר. איך בין געוועזען אויפ'ן סאָפאַ. איך בין אָט ערשט געקומען פון רייטען. איך בין געוועזען שמוציג און צוהיצט. ווען לאָרד בייראָן איז געמאָלדען געוואָרען בין איך אַרויסגעפלויגען פון צימער מיך צו וואַשען. ווען איך בין צוריקגעקומען, האָט ראַדזשערס געזאָגט: „לאָרד בייראָן, איהר זעהט אַ גליקליכער מענש. לעידי קאַראָלאַין איז געזעסען דאָ מיט אונז אין איהר גאַנצען שמוץ, אָבער ווען מען האָט אייך געמאָלדען, איז זי אַרויסגעלאָפען זיך שעהן צו מאַכען"... פון דער רגע אָן, פאַר מעהר ווי 9 חדשים, האָט ער כמעט געוואוינט אין מעלבאָרן הויז. עס איז געוועזען דער צענטער פון שמחה, לפחות אין אויסזעהן.... דער גאַנצער „באָן טאָן" (גוטער טאָן) פון לאָנדאָן האָט זיך דאָ אַלע טאָג פאַרזאַמעלט, גאָר נישט איז געוועזען אַזוי אין דער מאָדע. בייראָן'ען איז געלונגען אַלעמען צו אונטערוואַרפען." אָט די רייד וואָס זיינען איבערגעגעבען מיט סטענאָגראַפישער גענויאיגקייט, געבען אַן אויסגעצייכענטען באַגריף פון לעבען פון די הויכע קלאַסען פון יענער צייט אין לאָנדאָן.

צו האָבען און צו פליהען מיט ווען, וואו און ווי אזוי נור איהר וואָלט און זאָלט באשליסען.״

עס וועט קיינעם נישט פארוואונדערען צו וויסען, אז עטליכע חדשים שפּעטער האָט בייראָן אליין געמאכט א סוף צו אָט דער פארבינדונג; זיין ליעבע איז קיינמאָל נישט געווען אנדערש ווי א מין צוריקגעשטראהלטע ליעבע וועלכע מאכט נאָך אין א שפּיע־געל אלע תנועות פון א פלאם אָהן אייגענעם פייער. טרעפענדיג באלד נאָכדעם בייראָנ׳ען אויף א באלל, האָט לעידי קאראָלאין געטריבען ביז משוגעת דורך זיין קאלטקייט צו איהר, אָנגעכאפּט די ערשטע בעסטע שאַרפע זאַך וואָס איז נאָר געקומען אונטער די הענד — מאנכע זאָגען א שער, מאנכע אנדערע — א צובראָכען גלאָז — און האָט זיך געפּרואווט איבערשניידען דערמיט דעם האלז. נאָך דעם אונגעלונגענעם פארזוך צו באגעהן זעלבסטמאָרד האָט זי (לויט גרעפין גוויטשיאָלי) געמאכט „די אונגלויבליכסטע צוזאָגען״ צו א יונגען אדעלסמאן מיט׳ן תנאי ער זאָל ארויסרופען צו א דועל און דער׳הרג׳ענען דעם אומגעטרייען; פון דעסטוועגען איז זי באלד אליין געגאנגען צום אפּארטאַמענט פון איהר פריהע־ריגען געליעבטען „אָהן שום חשק איבערצושניידען זיך סיי איהר האלז סיי זיינעם״. ער איז נישט געווען אין דער היים. די ווער־טער וואָס זי האָט אויפגעשריבען אויפ׳ן שער־בלאַט פון א בוך וואָס זי האָט אויף זיין טיש געפונען, האָבען אינספּירירט דעם עפּיגראם (פּתגם): „געדענקען דיך!״ וואָס מען קען געפינען צווי־שען בייראָנ׳ס פּאָעמעס.

גארענדיג נאָך ראַכע האָט לעידי קאראָלאין גענומען זיך צו דער פּעדער און אָנגעשריבען דעם ראָמאַן „ג ל ע נ א ר ו ו א ן״, וועלכער איז ערשיענען אין מעגליכסט אונגליקליכסטען מאָמענט פאר בייראָנ׳ען, ד. ה., באלד ווי זיין פרוי האָט איהם פאַרלאָזען און איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע טעמים פאר דער עפענט־ליכער קאָכעניש געגען איהם. דאָס בוך האָט אלס איבערשריפט 2 שורות פון ק אָ ר ס א ר:

„א נאָמען פאר די שפּעטע דורות דאָס לאָזט ער,

וואָס טראָגט איין מעלה און פארברעכענס טויזענדער.״

און מ׳זאָלט אוים בייראָנ׳ען אלס פּאָלקאָמענעם דעמאָן פון פאר־

שטעלען זיך און רשעות און האָבען האָט ער די ערגסטע וועלכען ער האָט געשריבען אין אַ אונענטשולדיגבאַרער לייכטזיניגער שטי־מונג און געשיקט, ווייל אַ פריינד וואָס איהם האָט געלייענט האָט געמיינט אַז ס'וואָלט געווען אַ שאָד נישט צו שיקען „אַזאַ שעהנעם בריעף".

פון מאָטיווען וועלכע זיינען געווען איינס דורכ'ס אַנדערע שלעכט — מאָטיוען פון אייטעלקייט, פון וואולגאַרער באַרייבע־רונג — האָט זיך בייראָן אריינגעוואָרפען אין אַ הייראַט וואָס האָט נישט געענדיגט ערגער ווי מען וואָלט געקאָנט ערוואַרטען. זיין שטימונג בשעת דער פאַרלאָבונג איז געווען אַ פאַרגלייכליכערוייז גוט אויפגעלייגטע. „נאַטירליך, בין איך זעהר פאַרליעבט", שרייבט ער צו אַ פריינדין, „און גראַד אַזוי נאַריש ווי אַלע בחורים דאַרפען זיין אין אַזאַ סענטימענטאַלער סיטואַציע". און צו אַנ־אַנדערען פריינד שרייבט ער: „איך בין איצט דער גליקליכסטער שטערבליכער, דען איך האָב זיך פאַרלאָבט מיט אַ וואָך צוריק. נעכטען האָב איך באַגעגענט דעם יונגען פ. אויך דעם גליקליכסטען שטערבליכען, דען ער איז אויך פאַרלאָבט." אַזוי קינדיש זיינען אַלע דעמאָלט געשריבענע בריעף, דאָס אויב מיר וועלען עס גלוי־בען, מוזען מיר זיך משער זיין, אַז בייראָן'ס איינצעלנע ערנסטע צרה איז געווען וואָס ער האָט געמוזט הייראַטען אָנגעטאָן אין אַ בלאָען ראָק. אָבער אַזוי ווי דער חתונה טאָג איז נעהנטער געקו־מען האָט ער זיך אַלץ ערגער געפיהלט; די באַציהונגען צווישען זיינע עלטערען האָבען איהם פריה אריינגעגעבען אַ שרעק פאַר חתונה־האָבען. זיינע געפיהלען בשעת דער חתונה צערעמאָניע האָט ער באַשריבען אין זיין „חלום". ער האָט געזאָגט מעדרווין'ען, אַז ער האָט געציטערט און פאַלשע ענטפערס געגעבען.

לאָרד בייראָן האָט איהם פאַרזיכערט אַז גאָר־נישט. נור איינמאָל ווערט ווידער דערמאָנט אין לאָרד בייראָן'ס לעבענסבאַ־שרייבונג די לעידי קאַראָלאַין לעם. ווען די לויה־פּראָצעסיאָן וואָס איז נאָכגעגאַנגען נאָך זיין קערפּער (וועלכען מען האָט אַריבער־געבראַכט פון גריכענלאַנד) איז לאַנגזאַם געגאַנגען פון לאָנדאָן ביז ניוסטעד האָבען זי באַגעגענט אַ רייטענדיגע לעידי און דזשענטעל־מאַן. די לעידי האָט געפרעגט וועמען מען האָט געזאָלט באַגראָ־

בען, ווען זי האָט אויסגעפונען איז זי אראָפּגעפאַלען א פאר׳חלש׳טע פון פערד. דאָס איז געווען די פּאַרפאַסערין פון ג ל ע נ א ר ו ו אָ ן.

בייראָן׳ס טומעלהאַפטע, ווילדע לאַנדאָנער קאַריערע איז אָפּגעשטעלט געוואָרען דורך דער שיקזאַלס־שווערסטער געשעהעניש אין זיין לעבען — זיין חתונה. דאָס לעבען, ווי ער האָט עס געלעבט האָט איהם נישט איינגעגעבען א סך רעספּעקט פאַר דער פרוי; אָבער דער מין פרוי וואָס ער האָט געליעבט איז געווען די איבערגעגעבענע, זעלבסט־זיך מקריב זייענדע באַשעפעניש וועמען עס איז געווען זיין פארגעניגען אָפּצומאָלען אין זיינע פּאָעמעס. די פרוי וועמען דער צופאַל האָט געמאַכט פאַר זיין פרוי האָט געהאַט א שטאַרקען, עקשנות׳דיגען, ענגלישען כאַראַקטער. מיס אננאַ איזאַבעלאַ מילבענק איז געווען די איינציגע טאָכטער פון א רייכען באַראָן. בייראָן איז געוואָרען צוגעצויגען דורך איהר פשטות און עניוות און פארלאָקט דורך דער אויסזיכט ווידער אויפצוריכטען ניוסטעד מיט דער הילף פון איהר פאַרמעגען. מיט דער צייט האָט זי געשיקט א גינציגען ענטפער אויף א ליעבעס־ערקלערונג־בריעף, כאַראַקטערשטריכען פון העלד. אָבער וואהרשיינליך אַלס ענטשולדיגונג פאַר איהר אייגענער אויפפיהרונג, האָט די שרייבערין נישט פאַרמאַגט נישט צו געבען מאַנכע באַוואונדערונגס ווערטער פון צוציהענדע אייגענשאַפטען, איינע שטעלע געהט אזוי: „וואָלט ער ארויסגעוויזען אין זיין מאַניער יענע פרייקייט, יענע צונאָהנטע באַקאַנטשאַפט, וואָס איז אזוי באַליידיגענד אין מענער און וואָס איז דאָך צו געפינען אזוי אָפט צווישען זיי, וואָלט זי געווען צוריקגעשליידערט, אָבער פאַר וואָס האָט זי געדאַרפט אנטלויפען? נישט פון גראָבער באַוואונדערונג אָדער די לייכטע שטחות׳דיגע ליעבע־ערקלערונגען, צו וועלכע אַלע פרויען ווערען, פריהער אָדער שפּעטער, צוגעוואוינט, נור פון א רעספּעקט וואָס איז געווען מיט איינמאָל אי עלעגאַנט, אי חניפה׳דיג, און אויפמערקזאַמקייט וואָס איז געווען איבערגעגעבען אפילו ביז צו איהרע לעצטע וואונשען, אָבער אָהן ארויסצואווייזען זיך אונטערטעניג — א מילדקייט און זיסקייט אזוי זעלטען צו געפינען, ווי צוציהענדיג זיי זיינען געווען, און אָט דאָס אַלעס פאַרבונדען מיט אַלע קרעפטען פון כח הדמיון, א שטאַרקייט פון אינטעלעקט און א בריליאַנ־

טענעם ווייַז וואָס קיינער פון אונז האָט ווען עס איז אין אַזאַ הויכען גראַד באַזעסען."

אין 1817, ווען בייראָן האָט געוואוינט אין ווענעציען איז אהין געשיקט געוואָרען אַן איטאַליעניש איבערזעצונג פון גלענאַרוואַן צום אפּדרוקען. דער צענזאָר האָט זיך ענטזאַגט גוט צו הייסען די פאַרעפענטליכונג ביז ער האָט נישט אויסגעפונען אויב לאָרד בייראָן האָט געהאַט עפּעס אויסצוזעצען.

„דער סיראָפּ־חודש", ווי בייראָן רופט דאָס, איז נישט פאַרלאָפען אומבאַשאַטענט דורך וואָלקענס. צוויי חדשים נאָך דער חתונה שרייבט ער מור'ען פון דאָרף וואו ער און זיין פרוי האָבען זיך אויפגעהאַלטען ביי איהרע עלטערען: „איך געפין זיך אין אַ צושטאַנד פון מאָנאָטאָנקייט און סטאַגנירונג, אין גאַנצען באַשעפטיגט מיט פרוכט עסען, ארומוואַנדערען און שפּיעלען לאַנגווייליגע קאָרטען־שפּיעלען און גענעצען און פּרואווען צו לייענען אַלטע יעהרליכע רשימות און טעגליכע צייטונגען און צונויפזאַמלען מושעלן אויפ'ן ברעג און נאָכקוקען נאָך דעם וואַקסען פון פאַרקאַרליקטע אַגרעס בוימלאַך אין גאָרטען." א פּאָר טאָג שפּעטער שרייבט ער: „איך האָב זיך דאָ געפיהלט גאַנץ באַקוועם — צוהערענדיג זיך צו דעם גאָט פּ— מאָנאָלאָג וואָס די אַלטע לייט רופען געשפּרעך און אין וועלכען מיין צוליעב מחותן חזר'ט זיך איבער יעדען אבענד חוץ איינעם ווען ער שפּיעלט אויפ'ן פיעדעל. דאָך זיינען זיי אַלע געווען זעהר פריינדליך און מכניס אורחים'דיג... בעלל איז געזונד און אָהן פאַרענדערונג גוטמוטיג און גוט אין באַנעהמען."

פּעגאַזוס (דאָס פערד פון די מוזען) האָט אָנגעהויבען פיהלען די ביטערניש פון יאָך. ווי עס איז, דאָס יונגע פּאָרעל איז דאַן שנעל געפאָהרען קיין לאָנדאָן וואו זיי האָבען געוואוינט אויף אַ הויכען אופן, און געהאַלטען פּיאַקערען מיט פערד און געגעבען קאָסטבאַרע אונטערהאַלטען ביז בייראָן'ס קרעדיטאָרען האָבען אָנגעהויבען דרינגליך צו פאָדערען די אויסבאַצאָהלונג. לעידי בייראָן'ס נדן פון 10,000 פונט זיינען פאַרשוואונדען ווי טוי אין דעם זונען־שיין, שנעל נאָכדעם זיינען געגאַנגען 8,000 פונט פון וועלכע בייראָן איז נישט לאַנג צוריק געווען דער יורש. די לאַגע איז אַזוי

שלעכט געוואָרען אז ער איז געווען גענויטיגט צו פארקויפען זיין ביבליאָטעק. כדי צו פארהיטען דעם פארקויף האָט מאָרעי, זיין ארויסגעבער, אָנגעבאָטען איהם 1000 פונט געצאָהלט פאר זיינע שריפטען; אָבער בייראָן'ס פאַלשער שטאָלץ האָט איהם דערצו גע־בראַכט, אז ער האָט אומגעקעהרט דעם טשעק צעריסען אויף שטיק־לאך. אכט סעקוועסטראציעס (אויספארקויפען פון זיין אייגענטום אויף באפעהל פון געריכט) האָבען שטאַטגעפונען אין גראַד אזוי פיעל חדשים; אפילו די בעטען זיינען צום סוף פארכאַפּט געוואָרען.

אזוי איז געווען בייראָן'ס לאַגע ווען אין דעצעמבער 1815 האָט לעידי בייראָן געבוירען איהר טאָכטער אָדאַ.

די געצערטעלטע יונגע יורש'טע האָט, נאַטירליך, קיינמאָל נישט גע'חלום'ט, אז איהר ערוואַרטען אזעלכע ערפאהרונגען. דעם פּאָרעל'ס פארהייראַטען לעבען איז צום אויג ערשט לכל הדעות נישט געווען אומגליקליך. זיי זיינען צוזאַמען ארויסגעפאָהרען אין קארעט און דאָס יונגע ווייבעל האָט געדולדיג איבערגעוואַרט אין קארעט בשעת איהר מאַן האָט אָפּגעשטאַט זיינע וויזיטען. זי האָט געשריבען פאר איהם זיינע בריעף און איבערגעשריבען זיינע פּאָעמעס. צווישען זיי „די כלה פון קאָמבינטת", אָבער גאַנץ באַלד זיינען אויפגעקומען צווישען זיי מיספארשטענדניסען. לעידי בייראָן שיינט האָט געהאַט די געוואוינהייט שטענדיג צו אונטערברעכען איהר מאַן מיט פראַגען און באַמערקונגען בשעת ער האָט געשרי־בען. ער האָט דערפאר אָפט געגעבען אויסברוך זיין טעמפּעראַ־מענט, וואָס זי האָט באַטראַכט פאר זעהר נישט פאַסיג. זי האָט נישט געהאַט קיין ערפאהרונג מיט אזאַ ליידענשאַפטליכקייט און עקסצענטרישען באַנעהמען ווי איהר איז אויסגעקומען צו זעהן. איינמאָל האָט זי געזעהן בייראָן'ען אויפגערעגטערהייט ווארפען זיין זייגערל אין פייער אריין און צוברעכען עס אויף שטיקלאך מיט דעם קויהלען־שאַרער. אַנאַנדער מאָל אוים שפּאַס צו דורך צופאַל האָט אויסגעשאָסען פון א פיסטאָלעט אין איהר צימער. באַלד האָט זי אויך אָנגעהויבען ליידען פון אייפערזוכט. זי האָט געוואוסט פון זיין שלעכטען שם אלס העלד פון פיעלע ליעבעס און האָט געוואוסט בפרט פון זיין באַציהונג מיט לעידי קאַראָלאַין לעם, וועלכע איז איהר געווען א נאָהענטע קרובה. בייראָן איז,

צום אומגליק פאַר זיין שלום בית, געוואָרען אַ מיטגליד פון דער פיהרונג פון זשורי לעין טעאַטער און זיין זעהר קאָרעקטע פרוי איז זעהר אַנגעשטויסען געוואָרען איבער זיינע געשעפטס־באַציהונגען מיט אַקטריסעס, זינגערינס, באַלעט טענצערינס וואָס איז געווען דערמיט פאַרבונדען. אַ פאַרשוין וואָס האָט ביי איהר געדיענט (וואָס לאָרד בייראָן באַשרייבט אין „אַ סקיצע") האָט אָנגעהויבען צו ווירקען אַלס שפּיאָן דורכזעהענדיג בייראָן'ס טיש־קעסטעל און לייענענדיג זיינע בריעף. און דאָ קומט נאָך אַן אונאַנגענעהמע מעשה וואָס מיר וועלען באַמערקען שפּעטער.

מיט איהר מאַן'ס הסכמה, האָט דאָס יונגע ווייבעל ארום אַ חודש צייט נאָכ'ן קינד'ס געבורט, פאַרלאָזען איהר אומרוהיגע און אומגליקליכע היים און איז געפאָהרען אויף אַ באַזוך צו איהרע טאַטע־מאַמע. אָבער קוים איז זי אָנגעקומען האָט איהר פאַטער שוין אָנגעזאָגט בייראָן'ען אַז זי וועט נישט צו איהם צוריק־קומען. בשעת זי האָט געהאַלטען אין פאָהרען האָט זי צו איהם אַ בריעף געשריבען (איצט געדרוקט) וואָס הייבט זיך אָן: „ליעבע ענטעלע" און ענדיגט זיך גראַד אַזוי ליעבליך. בייראָן'ס פאַרוואונדערונג קען מען זיך פאָרשטעלען. ער האָט געענטפערט זיין מחותן, אַז אין דער אנגעלעגענהייט קען ער נישט אנערקענען די פאַטערליכע אויטאָריטעט און מוז הערען פון זיין פרוי גופא. איהר בריעף איז געווען אין זעלבען זין. אין 1830 האָט לעידי בייראָן עפענטליך צוגעגעבען, אַז זי האָט געשריבען צו איהר מאַן אַזוי מיט ליעב־שאַפט, ווי זי האָט עס געטאָן, מיינענדיג אַז ער איז משוגע, און דאָס אויב אָט די מיינונג איהרע וואָלט זיך אַרויסגעוויזען צו זיין די אמת'ע, וואָלט זי געטראָגען די גאַנצע לאַסט אַלס אַ געטרייע פרוי, אָבער אין קיין שום אַנדער פאַל וואָלט זי ווייטער מיט איהם נישט געוואוינט.

אין אַ פראַגמענט פון אַ ראָמאַן וואָס בייראָן האָט אין 1817 געשריבען, האָבען מיר די באַשטעטיגונג פון אָט דער באַהויפּטונג: „אַ פּאָאַר טעג שפּעטער, איז זי אַרויסגעפאָהרען קיין אַראַגאָן מיט מיין זוהן צו באַזוכען איהר טאַטע־מאַמע. איך האָב זי נישט זאָ־פאָרט אַהין באַגלייט אַזוי ווי איך בין שוין אין אַראַגאָן געווען פריהער.... בשעת דער רייזע האָב איך געקראָגען זעהר אַ ליעבליכען

בריעף פון דאנא כאזעפא, וואס האט מיר געלאזט וויסען פון איהר און מיין זוהן'ס בעפינדען. ווען זי איז אנגעקומען אין שלאס, האב איך געקראגען אנאנדערן בריעף נאך מעהר פול מיט ליעבשאפט וואס האט געדרונגען אין מיר אין זעהר פארליעבטע און גיכער נארישע ווערטער, צו קומען גלייך צו איהר צופאהרען. ווען איך האב זיך צוגעגרייט ארויסצופאהרען פון סילוויא, האב איך גע־קראגען א דריטען בריעף — דאס מאל פון איהר טאטען, דאן כאזע די קארדאזא, וועלכער האט מיך געבעטען, אזוי העפליך ווי מעג־ליך, פונאנאנדערצולאזען אונזער הייראט. איך האב איהם געענט־פערט גראד אזוי העפליך, אז איך וועל אזוינס נישט טון. א פער־טער בריעף איז געקומען — עס איז געווען פון דאנא כאזעפא, אין וועלכען זי האט מיר געלאזט וויסען אז איהר פאטער'ס בריעף איז געשריבען געווארען אויף איהר אייגענטליכען פארלאנג. איך האב געבעטען צו שרייבען מיר די אורזאך מיט אומקעהרענדער פאסט. זי האט געענטפערט דורך עקספרעס, דאס אזוי ווי קיין אורזאך האט נישט דאמיט צו טון איז עס אוננויטיג וועלכע צו גע־בען — אבער דאס זי איז א באליידיגטע און אויסגעצייכענטע פרוי. איך האב דאן נאכגעפרעגט פאר וואס זי האט מיר די צוויי פריהעריגע ליעבעס־בריעף געשריבען און געבעטען מיך צו קומען קיין אראגאן. זי האט געענטפערט אז דאס איז געווען ווייל זי האט געגלויבט, אז איך בין נישט ביים זינען — דאס אזוי ווי איך קען זיך אויף זיך אליין נישט אומקוקען, האב איך נור געדארפט ארויספאהרען אליין אויף אט דער רייזע און וואלט איך נור דורכ־געשלאגען זיך אהן שוועריגקייט צו דאן כאזע די קארדאזא וואלט איך דארט געפונען די צארטעסטע פון די פרויען און — א צוואנגס־יאק.

ווען עס איז באוואוסט געווארען אז בייראן'ס פרוי האט איהם פארלאזען איז פלוצים געשעהן א פלוצים'דיגער און פולשטענדיגער איבערבייט אין דער שטעלונג פון פובליקום געגענאיבער איהם. ער האט זיך אויפגעכאפט איין פריהמארגען און געפונען זיך ווייט נע'שמ'ט, איצט איז געווען א פריהמארגען ווען ער האט זיך אויפ־געכאפט און געפונען זיך מיט א מיאוס'ען שם, באטראכט פון דער געזעלשאפט אלס איינער וואס שטעהט פון דרויסען פון געזעץ.

די הויפט אורזאך פאר דער איבערקייקלונג איז געווען קנאה — נישט יענע קנאה אין די הערצער פון די געטער, וועלכע די פארצייטיגע האבען באטראכט אלס די אורזאך פאר'ן ארונטערפאל פון די גרויסע, אבער מיאוס'ע נידעריגע קנאה אין די הערצער פון די מיט־מענשען. ער איז געשטאנען אזוי הויך, ער איז געווען אזוי גרויס, מיט אלע זיינע פעהלערען האט ער זיך קיין מאל נישט אראפגעלאזט צו דעם שטאנד פון וואולגארער, מעכאנישער רעספעקטאבעלקייט; פארלאזענדיג זיך אויף זיינע כחות און דעם חסד פון גליק, האט ער זיך קיינמאל נישט אראפגענידערט צו זוכען פריינד וואס האבען איהם געקענט באשיצען און נישט געארט וויפיעל שונאים ער האט זיך געמאכט, אט די לעצטע זיינען לאנג געווען אונצעהליגע. דער עיקר צווישען די קנאה'דיגע זיינען געווען זיינע ליטערארישע קאנקורענטען און צווישען אלע מינים קנאה איז די קנאה פון שרייבער איינע פון די גיפטיגסטע. ער האט זיי אויסגעלאכט, האט זיי גערופען שרייבער פון א יורד'יגער תקופה, האט פון מאנכע צוגענומען דעם שם צו וועלכען זיי האבען זיך ארויפגעארבייט און האט געמאכט אנדערע ארויפצוארבייטען זיך צו א נאמען — פאר וואס זאל ער פארגעטערט און באוואונדערט ווערען בשעת זיי האבען אומזיסט צוגעריכט זייערע לאקען איבערצונעמען דעם קראנץ, וועלכער איז קיינמאל נישט געקומען? וואס פאר א פרייד וואלט עס געווען אראפצורייסען איהם פון גאלדענעם טראן פון באריהמטקייט און באשמוצען איהם מיט דעם קויט, אין וועלכען זיי זיינען אליין געשטאנען!

מען האט איהם שוין לאנג חושד געווען און בסוד געהאסט פון צד פון די ארטאדאקסען אין רעליגיאן און פאליטיק. די פאאר סטראפען אין „טשאילד האראלד" וואס ערלויבען זיך אין זעהר נזהר'דיגע ווערטער אויסצודריקען א ספק אז מיר וועלען זיך טרעפען מיט אונזערע פריינד נאך אמאל נאך'ן טויט, האט מען באגריסט מיט'ן אויסגעשריי: כפירה! און א גאנץ בוך „אנטי־בייראן" איז געגען זיי געשריבען געווארען. די צוויי סטראפען צו דער פרינצעסין שארלאטע, וועלכע זיינען אונטער דעם טיטעל: „שורות צו א וויינענדיגער פרוי" געשטעלט געווארען אלס הוספה צו דער ערשטער ארויסגעבונג פון „קארסאר" און אין וועלכע דער

פּאָעט טרייסט די טאָכטער וועגען איהר פּאָטער'ס, דעם פּרינץ־
רעגענט'ס, פאַרלאָזען די ליבעראַלע פּאָליטיק, האָט שטאַרק אויפ־
געהעצט די גאַנצע טאָרי פּאַרטיי געגען איהם. אָבער ביז איצט איז
ער באַשיצט געוואָרען דורך זיין כשופ'דיגער השפּעה איבער די
מחות פון די מענשען ווי דורך אַן אונזיכטבארען שטאָהל־פּאַנצער.
אָט די אַלע גליקליכע עפּיזאָדען אין זיין פּריוואַט לעבען האָט אָנ־
געבאָטען אַ שוואַכען פּונקט, קעגען וועלכען זיינע שונאים האָבען
נעוועגדעט די גאַנצע מאַכט פון דער עפּענטליכער מיינונג.

דאָס לעבען וואָס לעידי בייראָן און איהר משפּחה האָבען גע־
פיהרט איז געווען דאָס לעבען אויף וועלכען די ענגלישע עפּענט־
ליכע מיינונג האָט אַרויפגעלעגט דעם זיעגעל פון איהר באַזונדערער
אַנערקענונג; און עס איז געווען לייכט צו איבערצייגען דאָס פּוב־
ליקום, אַז דער מאַן וועמען זיין ווייב איז געווען גענויטיגט צו
פאַרלאָזען איז באמת געווען אַ מאָנסטער, שמועות האָבען זיך
אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען, די פאַרשוואַרצונגען פון זיין נאָמען,
איינמאָל איז אויסגעטראַכט און אַרויסגעבראַכט אין דער עפּענט־
ליכקייט, האָבען געקראָגען פיס צו געהן, פליגלען צו פליהען און
זיינען געוואקסען וואָס מעהר זיי זיינען געפלויגען, זייערע שטי־
מען זיינען געוואקסען פון אַ שעפּט ביז צו אַן אויסגעשריי פון
אַן אויסגעשריי ביז אַ פאַרטויבענדען דונערען. ווער קען דען נישט
דעם אָפּגערעדטען עסק, אין וועלכען עס ארבייטען מיט אי נידריג־
קייט אי אידיאָטסטווא און בשעת וועמעס אויפפיהרונג עס זינגט
מיט עם־הארצות אין כאָר מיט באַוואוסטזיניגער שופטיגקייט,
בשעת דער צו־להכעיס הויבט אויף דעם עפּעקט דורך צוגעבען די
אויערען־רייסענדסטע טרילען!

קנאה אין דעם פאַל האָט זיך אָנגעדונגען ביי צביעות און האָט
געקראָגען איהר לוין. עס איז געווען אַ ראַפינירטע צביעות וואָס
איז געגאַנגען ווייט אריין אין 19טען יאָהרהונדערט — אזוי לאַנג,
הייסט עס, ווי די רעליגיעזע רעזיקציעס האָט געדויערט — אַ סאָ־
ציאַלע קראַפט וועמעס אויטאָריטעט האָט זיך אונטערשידען פון
דער פון די טריבונאַלען פון דער אינקוויזיציע אין 16טען יאָהר־
הונדערט, נור אין די מיטלען וואָס זי האָט באַנוצט נישט אין דעם
פּאַרנעם און דער פּעולה פון אָט די מיטלען, זי האָט געאַרבייט דורך

דער עפענטליכער מיינונג און די דעת הקהל איז געוואָרען דאָס וואָס בייראָן רופט זי אָן אין טשאַילד האַראָלד:

אָן אַלמעכטיגע וועמעס שלייער
כאַפּט אום די ערד מיט חושך ביז דאָס רעכט
און אומרעכט ווערען צופאַלען און מענשען ווערען בלאַס,
טאָמער וועט לויכטען זייער אורטייל אין די נעכט
צו העל, דאָס פרייע דענקען וועט פערברעכען זיין, צו העל די גאס.

וואָס אנבאַלאַנגט די צביעות האָט ער זיך נישט געפיהלט בכח אָהן הילף איהר דעם ריכטיגען פסק צו געבען. „אָה, גיט מיר דעם כח פון פערציג גלחים!” רופט ער אויס אין „דאָן זשואַן”:

„אָה, גיט מיר דעם כח פון פערציג גלחים צו זינגען
דיין לויב, אָה, צביעות! וואו נעהמט מען א הימנע אויף שפּעטער,
וואָס וועט הויך שאַלען די טוגענדען וואָס דו בערימסט זיך מיט זיי
און פּראַקטיצירסט נישט! וואו נעמט מען א כרובים טרומייטער!”

אזא צושטאַנד איז געווען אונפאַרמיידליך צו א צייט וואָס האָט געהאַט אזוי פיעל בשותפות מיט דער צייט ווען די אלטע רעליגיאָנען און לעבענס טעאָריען זיינען געווען אין גאַנג פון פונאַנדערצופאַלען; א פעריאָד ווען אן אלטע טעאָלאָגישע טעאָריע פון דעם וועלטאַל און פון לעבען, וואָס איז איבעראַל אונטערגעגראָבען און דורכגעלעכערט געוואָרען פון דער וויסענשאַפט, און אונפעהיג אויפצוהאַלטען זיך אָן דער אָנגענומענער מאָראַל פון די העכערע קלאַסען וועלכע האָבען זי געמאַכט אזוי שטייף ווי מעגליך כדי צו האָבען אין וואָס זיך אָנצוהאַלטען; א פעריאָד, ווען קירכליכע אויטאָריטעט און שמאָלקעפּיגער געזעלשאַפטליכער קאָנסערוואַטיזם בײדע אין וואַקלענדען צושטאַנד, האָבען זיך באַשטרעבט אויפצוהאַלטען איינס דאָס אנדערע. קוקענדיג אין פלוג אויף דער פּסיכאָלאָגישער געשיכטע פון אייראָפּא בשעת די לעצטע צוויי יאָהר־צעהנדליגע פון יאָהרהונדערט, זעהט עס אונז פאַקטיש אויס

גלייך ווי דאָס גאַנצע געבוי פון צביעות, וועמעס יסודות זיינען גע־לעגט געוואָרען אין די שריפטען פון די פראַנצויזישע עמיגרירטע (בשעת דער רעוואָלוציאָן) און זיינען שטרענג אונטערגעוואַקסען מיט די פון די דייטשע ראָמאַנטיקער און האָבען דערגרייכט אַ שווינדלענדיגע הויך בשעת דער פראַנצויזישער רעאַקציאָן, זיינען איצט פּלוצים געפאַלען אויף'ן קאָפּ פון איין מענש.

* מענאַלי, אין זיין עסעי איבער מאַר'ס „לעבען פון בייראָן" שרייבענדיג דאַריבער, זאָגט: „מיר ווייסען פון קיין ספּעקטאַקעל וואָס איז אַזוי לעכערליך ווי דאָס בריטישע פּובליקום אין איינעם פון זיינע פּעריאָדישע אָנפאַלען פון מאָראַלישקייט. בדרך כלל געהען פאַרביי ליעבעס־אַנטלויפען, גט'ען און משפחה־קריגערייען אָהן עפּעס אויפמערקזאַמקייט. מיר לייענען פון סקאַנדאַל, רעדען דאַריבער איין טאָג און פאַרגעסען איהם. אָבער איין מאָל אין זעקס אָדער זיעבען יאָהר ווערט אונזער מאָראַלישקייט אויף נישט אויס־צוהאַלטען. מיר קענען נישט דערלאָזען די געזעצען פון רעליגיאָן און אַנשטענדיגקייט זאָלען מחלל ווערען. מיר מוזען זיך אויפ־שטעלען קעגען דער זינד. מיר מוזען אָנלערנען די אויסגעלאַסענע, אַז דאָס ענגלישע פאָלק שאַצט אָפּ די וויכטיגקייט פון הויזליכע פאַרבינדונגען. דערפאַר נעמען מיר אַרויס איין איינציגען מאַן, וואָס איז לחלוטין נישט אויסגעלאַסענער ווי הונדערט אַנדערע, וועמעס עבירות ווערען מילד באַהאַנדעלט — אַלס שעיר לעזאזל. אויב ער האָט קינדער, נעמט מען זיי צו פון איהם, אויב ער האָט אַ פּראָפעסיאָן פאַרזאָגט מען איהם פון איהר. מען ווייכט איהם אויס ביי די הויכע קלאַסען, מען פייפט איהם אויס ביי די נידריגע. ער איז, באמת, אַ מין אָפּשמיים־אינגעל, דורך וועמעס באַשטראָ־פונג פון צייט צו צייט אַלע אַנדערע בעלי עבירות פון זעלבען קלאַס ווערען, שטעלט מען זיך פאָר, אליין שוין גענוג באַשטראָפט. מיר פאַרטראַכטען זיך — און קנייפּען זיך אין בעקעל — אויף אונזער אייגענער שטרענגקייט און גלייכען צו מיט אַ היבשען שטאָלץ דעם הויכען מאָס פאַר מאָראַליטעט וואָס איז איינגעפיהרט אין ענגלאַנד מיט דער נאָכגעלאָזטקייט אין פּאַריז. צום סוף איז אונזער כעס געזעטיגט, אונזער קרבן איז רואינירט און האָט אַ צובראָכען האַרץ און אונזער מאָראַלישקייט לעגט זיך שלאָפען פאַר נאָך 7 יאָהר."

אויב די אורזאַכען פון בייראָן'ס אַראָפּפאַל זיינען געווען פאַרוויקעלט פון נאַטור זיינען די מיטלען געווען פשוט געגוג. אַט זיי האָט אויף זיך גענומען די פּרעסע, דאָס איינציגע ווירקזאַמע אינסטרומענט אין אַזעלכע פאַלען. עטליכע צייטונגען און מאָנאַטשריפטען האָבען גענומען אויף זיך צו פאַרשוואַרצען איהם און קריטיקירענדיג די פערזען זיינע אויף פּרינצעסין שאַרלאָטע; און מעהר ווי איינע פון זיי האָט איהם פעריאָדיש פאַר'מיאוס'ט. איצט זיינען זיי אַלע געוועזען פריי צו דיסקוטירען און אַטאַקירען זיין פּריוואַט לעבען, פריי, צוליעב דער אַנאָנימיטעט וועלכע, נישט קוקענדיג אויף איהר אומנאַטירליכקייט און קאָרופּטקייט, עקזיסטירט נאָך אין דער ענגלישער פּרעסע. וואָס אַנאָנימיטעט באַדייט באמת איז פשוט דאָס, וואָס דער נידריגסטער שמירער, וואָס איז קוים פעהיג די פען אין דער האַנד צו האַלטען, מיט וועלכער ער שרייבט זיינע ליגענס, קען נעמען צום מויל דעם טרומייטער פון עפענטליכער מיינונג און לאָזען שאַלען די שטימע פון באַליידיגטער צניעות אין טויזענד הייםען. און עס איז נישט געגוג, אַז איין אַנאָנימער שרייבער זאָל קענען מאַכען פון זיך די שטימע פון פּובליקום אין טויזענדער קאָפּיעס אין איין צייטונג; ער קאָן אָננעמען הונדערטער פאָרמען, קען שרייבען מיט כל'ערליי פאַנטאַסטישע אונטערשריפטען און אין א טוץ פאַרשיעדענע צייטונגען און זשורנאַלען, איין איינצעלנער שמירער וואָלט געווען געגוג צו פאַרזאָרגען די גאַנצע פּרעסע מיט נידריגע אָנפאַלען אויף א מאַן ווען די עפענטליכע מיינונג האָט געשטעלט מעבר לדין. עס איז דארום לייכט זיך פאָרצושטעלען די צאָהל אַטאַקעס וואָס מען האָט געמאַכט אויף בייראָנ'ען, וועמעס שונאים זיינען געווען אין גרויסע מחנות. צווישען די צונעמענישען וואָס די פּרעסע האָט איהם געגעבען האָט ער אליין געדענקט: נעראָ, אַפּיציוס, קאַליגולא, העליאָגאַבאַלוס און העגרי דער אַכטער — דאָס הייסט, מען האָט איהם באַשולדיגט אין מענשליכער אַכזריות, משוגע'נער ברוט־איטסט, חיה'דיגע און אומנאַטירליכע תאוה; מען האָט איהם אויסגעמאָלען מיט אַלע קאָלירען וואָס עקעלהאַפטיגקייט שמיערט אָן אויף איהר מאָהלברעט. די שרעקליכסטע אנקלאַגע, וואָס איז דעמאָלט געגאַנגען פון איין צייטונג אין דער אנדערער, וועלכע האָט באַשמוצט

דעם שעהנעם נאָמען פון דער באַשעפעניש וואָס איז איהם טייער געוועז, איז געוועז בלוט שאַנדע (גלוי עריות), און צו אַלעם דעם האָט ער נישט געקענט ענטפערען מיט קיין וואָרט! ער האָט נישט געקענט קעמפען מיט דעם שמוץ מיט וועלכען מען האָט איהם באַשפּריצט.

די נאָמען־פאַרשווארצונגען זיינען איבערגעגאנגען פון איין מויל צום אַנדערען. ווען מרס. מאַרדין, די אַקטריסע פון ברורי לעין טעאַטער איז צום ערשטען מאָל אויפגעטרעטען נאָך איהר גט האָט מען איהר ארונטערגעפייפט פון דער ביהנע צוליעב אַ גאַנץ גרונדלאָזע שמועה פון אַ פאַרבינדונג צווישען איהר און בייראָן, מיט וועמען זי האָט, באמת, נור צוויי מאָל גערעדט. ער אליין האָט זיך נישט געקענט באַווייזען אויף דער גאַס אָהן סכנה פאַר זיך. אויף זיין וועג צום „האוז אָוו לאָרדס", וואו מען האָט איהם איגנאָרירט, איז ער פון אַ רעספּעקטאַבעלער מאַסע באַליידיגט געוואָרען.

אזוי ווי פאַרטיידיגונג און אָפּענטפערען זיינען געוועזן אונמעגליך, איז פאַר איהם גאָר נישט איבערגעבליבען ווי, שטאָלץ זייענדיג ווי ער איז געוועזן, איינצובויגען זיין קאָפּ און געהען. „איך האָב געפיהלט", שרייבט ער, „אַז אויב וואָס מען האָט געשעפּטשעט און געמורמעלט איז געוועזן אמת, האָב איך נישט געפּאַסט פאַר ענגלאַנד; אויב פאַלש, האָט ענגלאַנד נישט געפּאַסט פאַר מיר". דעם 25טען אַפּריל 1816, איז ער אָפּגעפאָהרען קיינמאָל מעהר נישט לעבעדיגערהייט צוריק־צו־קומען.

פון יענעם מאָמענט אָן הויבט זיך אָן בייראָן'ס אמת'ע גרויסקייט. דער קלאַפּ וואָס די „עדינבאָראָ רעוויו" האָט איהם געגעבען האָט איהם צום ערשטען מאָל אויפגעוועקט צו אינטעלעקטועלער טעטיגקייט. דער נייער קלאַפּ האָט איהם דערהויבען צום ריצאַר. מען קען בשום אופן נישט צוגלייכען דאָס וואָס בייראָן האָט געשריבען איידער דעם און נאָכדעם, נאָך דעם געשעהעניש וואָס ער האָט אויך באטראכט פאַר דעם גרעסטען אומגליק. עס איז געוועזן אַן אומגליק וואָס דער געניוס פון דער געשיכטע האָט אויף איהם אַנגעשיקט כדי אוועקצונעמען איהם פון דער אויס־מאַן־מאַכענדער השפעה פון פאַרגעטערונג, אָפּצושניידען די אָפּ־

שוואכענדע פארבינדונג צווישען איהם און יענער געזעלשאפט און יענעם געזעלשאפטליכען גייסט וועגען וועלכען עס איז געווען זיין היסטארישע מיסיאן אויפצואוועקען, מיט מעהר איינגעבעניש און מיט מעהר כח ווי וועלכער אנדערער יחיד, די שנאה וועלכע האט זי פארגיכטעט.

19

בייראָן — זיין זעלבסט פאַרטיעפונג.

ווען בייראָן איז צום צווייטען מאָל געוואָרען א היימלאָזער און איינזאַמער וואנדערער, האָט ער ווידער אמאָל אָנגעהויבען זיך אָפּצוגעבען מיט׳ן וואנדער-ליעד, אין וועלכען זיינע יוגענדליכע סענטימענטען האָבען זיך אויסגעדריקט. ער האָט צוגעגעבען דעם דריטען און פיערטען טייל צו „טשאילד האראָלד“. ער האָט געבליקט אויף צוריק און ווידער אמאָל איבערגעלעבט די יוגענדליכע געפיהלען, אָבער וואָס פאַר א ברייטקייט און טיעפקייט זיי האָבען געוואונען אין דער צווישען-צייט! דער קלאַנג אויסגעדריקט אין ערשטען און צווייטען טייל איז באַשטאַנען פון דריי טענער — דער טאָן פון איינזאַמקייט, דער טאָן פון מרה-שחורה און דער טאָן פון פרייהייט. יעדער איינער פון דיזע איז געוואָרען קלאָרער און אָפּקלינגענדער.

דורך דער גאַנצער ערשטער העלפט פון׳ם ווערק איז עס דאָס געפיהל פון איינזאַמקייט, וואָס ברענגט אַרוים די ליעבע צו נאַטור. „צו זיצען אויף פעלזען און טרוימען פון פלוס און בארג“, צו קלעטערען איבער די שפּורלאָזע בערג און זיך פאַרקוקען איבער׳ן שויימענדען וואַסערפאַל, אַלדין, איז ניט געווען איינזאַמקייט, נאָר באהעפטונג מיט נאַטור; אמת׳ע איינזאַמקייט איז צו וואנדערען „צווישען דעם המון, דעם זשום, דעם געפּילדער פון מענשען“, ניט-ליעבענד און ניט-געליעבט (טשאילד האראָלד). די אויסברוכען אין די אָנגעוויזענע פּערזען זיינען אַרויסגערופען דורך זכרונות פון דעם פּאָעט׳ס קינדהייט, וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אין די שעהנע בערגיגע געגענדען פון סקאָטלאנד, אָדער פון זיינע באַזוכען דעם פּרוש׳ס היים אויפ׳ן „איינזאַמען אַטהענס“. דאָס איז געווען א ליעבע פון איינזאַמקייט צו נאַטור, וועלכע איז ענהליך צו וואָרדסוואָרטה׳ס ליעבע, און וועלכע האָט זיך באַזירט אויף א מורא פאַר אַן

אונבאַקאַנטער, פרעמדער וועלט פון מענער און פרויען. דער אונ־
טערשיעד צווישען בייראָן'ס און וואָרדסוואָרטה'ס געפיהלען איז
נאָר געווען דאָס — וואָס וואָרדסוואָרטה האָט שטיל גערוהט אויף
די נאַטירליכע איינדריקע אין דער אַרט פון'ם לאַנדקינד און דעם
לאַנדשאַפט־מאַלער, ווען בייראָן האָט עס אַרומגעכאַפּט מיט דער
זעהנזיכטיגע און נערוועזע ליעבע פון אַ שטאָדט־מענש; און נאָך
מעהר, וואָס וואָרדסוואָרטה האָט אָם בעסטען געליעבט די נאַטור
אין איהרע שטילע שטימונגען, און בייראָן — אין איהר צאָרען
(טשאַילד האַראָלד).

אין צווייטען העלפט פון'ם ווערק האָט דער כאַראַקטער פון
פּאָעט'ס איינזאַמקייטס־געפיהל זיך געענדערט. עס איז דאָ אַ
טיעפער אונטערשיעד צווישען דעם דראַנג צו אַן איינזאַמען בעהעפ־
טען זיך מיט דער נאַטור, וועלכען העראָלד האָט געפיהלט אלס אַן
אונפערפאהרענער יונגערמאַן, און דעם, וועלכען ער האָט געפיהלט
אלס אַ מאַן, ביים סוף פון זיין ערשטער ערדאומזעגלונג פון מענשען
און זאַכען. דאָס איז איצט מעהר ניט געווען די מורא פאַר
מענשען, נאָר דער עקעל צו זיי, וואָס האָט איהם געטריבען צו
זוכען שוץ ביי נאַטור. די געזעלשאַפט, די בעסטע געזעלשאַפט פון
אַ גרויסען שטאָט, וועלכער ציינט זיך אויס דעם אונערפאַהרענעם
אויג אזוי מענשליך, אזוי רעכט־דענקענד, אזוי פאַרפיינערט און
העלדיש, האָט אַרויסגעקערט צו איהם איהר שלעכטע זייט, און די
שלעכטע זייט איז אינטערעסאַנט, אָבער ניט שעהן. ער האָט אויס־
געפונען וויפיעל פריינדשאַפט דער געפאַלענער קען ערוואַרטען,
ער האָט ערפאהרען, אַז דער איינציגער פאַקטאָר, אויף וועלכען דער,
וועלכער וויל מאַכען פלענער פאַר זיין צוקונפט, קען מיט זיכערקייט
אויסרעכענען, איז די אייגענליעבע פון אנדערע, און איהרע פאָלגען.
און ער איז ווידער אַמאָל געבליבען מיט זיך זעלבסט, און די
פּאָעזיע, וואָס ער האָט געשריבען דיזען מאָל, איז ניט פאַר מענשען
מיט געזעלשאַפטליכע נאַטורען. אָבער דער, וועלכער האָט געהאַט
אַפילו אַ קליינע ערפאהרונג, וואָס עס מיינט אָפּצוקעהרען זיך פון
זיינע מענשען, ווער עס האָט, אין זיין וואונש צו אַנטלויפען פון
זיי, פאַרלאָזען זיין היימאַט, זיין פאַטערלאַנד, אין בענקשאַפט נאָך
אַ נייער ערד, נאָך נייע הימלען, ווער עס האָט אין זיין אויסערוועהל־

טער איינזאַמקייט געפיהלט דאָס געשטאַלט פון אַן אַנקומענדער באַשעפעניש, געגליכען צו אַ מיאוסען פלעק אויף זיין ריינעם, פרייען האָריזאָנט, — אין דער נשמה פון דעם מענש און זיין גלייכען וועלען בייראָן׳ס לירישע אויסברוכען געפינען אַן אָפּקלאַנג.

„טשאַילד האראָלד איז אַן איינזאַמער. ער האָט אויסגעפונען, אַז ער איז אַם מעהרסטען אומפּאַסינג צו געזעלען מיט מענשען", ווייל ער איז ניט אימשטאַנד „זיינע געדאַנקען אַנדערע צו אונטערוואַרפען... זיך אונטערגעבען צו גייסטען, געגען וועלכע זיין אייגענער רעבעלירט".

אָבער,

„וואו עס הייבען זיך בערג, דאָרט האָט ער פריינד,
וואו דער ים וויעגט זיך, דאָרט איז זיין היים.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער מדבר, וואַלד, אכסניא, דער שוים פון די כוואַליעס,
זיינען איהם געווען קאָמפּאַניאָנען, זיי האָבען גערעדט
אַ געגענזייטיגע שפּראַך, קלאָרער פון׳ם בוך
פון זיין לאַנד׳ס שפּראַך וועלכעס ער פלעגט אָפּט פאַרלאָזען
פאַר נאַטור׳ס בלעטער, באַקלאָגט פון זונענשטראַלען אויפ׳ן וואַסער".

צווישען מענשען פאַלט ער אַוועק ווי אַ ווילד־געבאָרענער פאַלקפויגעל מיט אונטערגעהאַקטע פליגעל. אָבער ווי ער פיהלט עס, אַוועקצולויפען פון דער מענשהייט, מיינט ניט זי צו האַסען. דאָס איז ניט אונצופרידענהייט אָדער אַרויספאָדערונג, וואָס עס האַלט זיין „געדאַנק טיעף אין זיין פאַנטאַזן", נאָר מורא, אַז עס זאָל ניט „איבערקאָכען אין׳ם הייסען געדראַנג", וואו אין אַ מאָמענט.

„קענען מיר נאָך אַריינשליידערען אונזערע יאָהרען אין אונגליקליכער תשובה, און אין דער פאַרוועלקונג פון אונזער אייגענער נשמה, פאַרוואַנדלען אונזער גאַנצע בלוט אין טרערען".

ער פיהלט, אַז ס׳איז בעסער צו זיין איינער אַליין, און אַזוי אַרום ווערען אַ חלק פון דעם, וואָס רינגעלט איהם אַרום. הויכע בערג זיינען צו איהם „אַ געפיהל", אָבער דער זשום פון מענשליכע

שטעדט — אַן אַפּקומעניש. דער באַרג, דער הימעל און דער ים זיינען אַ חלק פון איהם, און ער איז אַ חלק פון זיי, און עס איז זיין ריינסטער גליק זיי צו ליעבען. אין איינזאַמקייט איז ער אַם וויכציגסטען אַליין; זיין נשמה פיהלט דאַן די אונענדליכקייט, אַן אמת וואָס לייטערט איהר פון זיך אַליין. הערעלד האָט ניט געליעבט די וועלט, און אויך האָט די וועלט איהם ניט ליעב געהאַט. ער איז שטאָלץ פאַר ניט האָבען „גע'חנפ'עט איהר (דער וועלט'ס) צושטאַנדס-אַטהעם", און ניט האָבען געקניהט צו איהרע אָפּגעטער, און ניט האָבען היפּאָקריטיש געשמייכעלט, און ניט האָבען אָפּגע-קלונגען די געשרייען פון'ם המון. ער איז געווען צווישען זיי, אָבער ניט פון זיי. ער וויל אָבער, אַז ער און די וועלט זאָלען זיך צושיידען ווי עהרליכע פריינד. „איך גלויב", זאָגט ער,

„כאָטש איך האָב זיי ניט געפונען, אַז עס געפינען זיך דאָך ווערטער, וועלכע זיינען זאַכען, — האָפנונגען, וועלכע וועלען ניט אָפּנאַרען,
און העלדענטאַטען וועלכע זיינען דערבאַרעמדיג...
אַז צוויי, אָדער איינס, זיינען כמעט דאָס, וואָס זיי זעהען אויס".

דאָס געפיהל פון איינזאַמקייט ווערט ביסלעכווייז דאָס געפיהל פון מעלאַנכאָליע. דער דאָזיגער טאָן איז אויך אויסגעדריקט געוואָרען אין די ערשטע צוויי טיילען, אָבער זייער מעלאַנכאָליע איז ניט עפּעס אַנדערש ווי אַן אומצופרידענהייט פון דער יוגענד. מיט אַ פאַרשווינדעטער יוגענד הינטער זיך איז ער געשטאַנען ווי אַ פלעגמאַטיש-טרויערענדער האַמלעט ביים קבר פון אַטשילעס, רעדענדיג מיט אַ קאָפּ-שאַרבען אין האַנד, איבער דער ווערטלאָזיג-קייט פון לעבען און גרויסקייט — דער דאָזיגער יונגער פּאָעט, וועל-כער האָט נאָך ניט פאַרזוכט די זיסקייט פון אַנדענקונגס-פייערונג, און וועלכער האָט איז אמת'ן נאָך קיין אַנדער זאַך ניט געדורשט, ווי אָט נאָך דיזער גרויסקייט, וועלכע ער האָט מיט אַזוי פיעל אָרגו-מענטיווער פילאָזאָפיע כלומרשט פאַרדאַמט און פאַראַכטעט. איצט האָט ער עס פאַרזוכט און אויסגעפונען, ווי ווייניג נאַהרונג מען קען אַרויסבאַקומען פון אַזאַ שפּייז.

זיין האַרץ איז

„אפילו ווי אַ צובראָכענער שפּיגעל, וועלכען דאָס גלאָז
אין יעדען ברוכשטיק מולטיפּליצירט; און מאַכט
אַ טויזענד געשטאַלטען פון איינעם וואָס איז געוועזן
אַזוי און אויך מעהר און מעהר צובראָכען עס זיך".

אין זיין טיעפער נידערשלאָגענקייט קעהרט ער זיך אַוועק צום עלעמענט פון נאַטור, וועלכער, מיט'ן קאָנטראַסט צו זיין איצטיגער שטימונג, טרייסט זיינע ליידען — דער ים, דער פרייער, אָפענער ים, איבער וועלכען'ס נאַקען ער האָט אויסגעשפּרייט זיין האַנד ווי אַ איינגעל, און וועלכען קען איהם ווי אַ פערד — זיין רייטער. ער ליעבט דעם ים, ווייל ער איז אומבאַזיעגבאַר, ווייל עס קען אפילו קיין קנייטשעלע ניט אָנשרייבען אויף זיין שטערן, און ער קייקעלט זיינע כוואַליעס פּונקט אַזוי, ווי ער האָט זיי געקייקעלט ביים באַגינען פון דער יצירה. אָבער יעדע זאַך אין נאַטור דערמאָנט איהם אָן ליידען און קאַמף. דער שאַל פון וויטען דונער קלינגט איהם ווי אַן אַלאַרם-רוף, „דאָס קלינגען פון וואָס אין מיר איז שלאָפלאָז — אויב איך רוה". אפילו די שעהנע, רוהיגע אָזערע פון נעמי דערמאָנט איהם ניט אָן עפּעס פרידליכעס, אַנגענעהמעס; ער רופט עס „רוהיג וויים געלאַשטשעטער האַס".

זיין מעלאַנכאָליע ווערט פּשוט היציג. ווען ער וואָלט געקענט „זיין גאַנצען צאָרן אריינזאָגען אין איין וואָרט, און דאָס דאָזיגע וואָרט וואָלט געווען אויפשיינונג" וואָלט ער גערעדט. „וואָס עס איז — אָבי ניט קיין רוה!" איז זיין שלאָג-וואָרט. „שטילקייט צו שטורמדיגע הערצער איז אַ גהינום". עס געפינט זיך אַ פייער אין דער נשמה, וועלכער איינמאָל אָנגעצונדען איז אונאויסלעשבאַר, און וועמען'ס פלאַמען עס הייבען זיך אימער העכער און ווילדער; עס איז דאָ אַ פיבער, וועלכער איז געפעהרליך פאַר יעדען, וועמען ער אַטאַקירט.

„דאָס מאַכט די משוגעים, וועלכע מאַכען מענשען משוגע
מיט זייער אנשטעקונג. באַזיעגער און קעניגע,
גרינדער פון סעקטען און סיסטעמען, צו וועמען מען שרייבט צו
סאָפיסטען, פּאָעטען, שטאַאטסלייט, אַלע אונרוהיגע זאַכען,

וועלכע ברויזען אויף צו שטאַרק די באַהאַלטענע סטרונעס
פון דער נשמה,
און זיינען אַליין די נאַראָנים ביי די יעניגע, וועמען זיי נאַרען;
באַדייטעט, אָבער אַזוי ווייניג מקנא צו זיין! וואָס פאַר אַ
וועהטאָגען
עס זיינען זייערע! איין ברוסט געעפענט וואָלט געווען
אַ לעהרע,
וועלכע וואָלט געלערענט די מענשהייט ניט צו וועלען שיינען
און רעגירען.
זייער אָטהעם איז אויפרעגונג, און זייער לעבען —
אַ שטורעם, אויף וועלכען זיי פאָהרען, צו זינקען סוף כל סוף,
און דאָך אַזוי גענעהרט און בלינד־גלויביג צו שטרייט,
און אויב זייערע טעג זאָלען צוגעהן אין שטילען אָוונד ליכט,
אין די איבערגעלעבטע געפאַהרען — פאַראיבער, פיהלען
זיי זיך געשלאָגען
מיט צער און אָפּגעלאָזענקייט, און שטאַרבען אַזוי;
ווי אַ פלאַם וואָס ווערט ניט גענעהרט, וועלכעס ווערט
צושטערט
מיט'ן אייגענעם פלאַקער, אָדער ווי אַ שווערד, אָוועקגעלעגט,
וועלכעס עסט זיך אַליין און זשאַווערט גלאָרלאָז".
אין אַ נאָך מעהר פאַרצווייפעלטער שטימונג העראָלד שרייט אויס:
„מיר וועלקען פון אונזער יוגענד, מיר אָטהעמען אַוועק —
קראַנק - קראַנק; ניט געפונען דעם וואונש, ניט געשטילט
דעם דורשט,
כאָטש שוין ביי דער ענדע, ביים שפּיץ פון אונזער אונטערגאַנג
אַ געוויסער צויבער רופט, אַזעלכעס וואָס מיר האָבען
געזוכט אין אנפאַנג,
אָבער אינגאַנצען צו שפּעט — אַזוי זיינען מיר דאָפּעלט
פאַרשאָלטען.
ליעבע, רוהם, אַמביציע, זשעדנעקייט — ס'איז אַלץ איינס,
אַלץ פויל, אַלץ קראַנק, און קיינס ניט דאָס ערגסטע
ווייל אַלע זיינען מעטעאָרס מיט פאַרשידענע נעמען

און טויט — דער חושך׳דיגער רויך, וואו דער פלאם ווערט פאַרשוואונדען.

אונזער לעבען איז א פאַלשע נאַטור — עס איז ניט אין
צוזאַמענקלאַנג פון זאַכען, דער האַרטער אורטייל,
דער אונאויסוואָרצעלבאַרער פלעק פון זינד,
דיזער אופּאַז, דיזער אַלץ־פאַרניכטענדער בוים,
וועמעס וואָרצעל איז די ערד, וועמעס בלעטער און צווייגען זיינען
די הימלען, וועלכער רעגענען זייערע פּלאָגען אויפ׳ן מענשען
קראַנקהייט, טויט, שקלאַפעריי — אַלע וועהען וואָס מיר זעהען,
און אַמערגסטען, די וועהען, וואָס מיר זעהען ניט״.

אין דער ערשטער טייל פון טשאַילד האראַלד געפינען מיר שוין די ליעבע צו פרייהייט (דער דיכטער טאָן אין דער סטרונע פון דער פּאָעמע) ערהויבען אלס די איינציגע קראַפט, וואָס קען באַפרייען פון׳ם יאוש, מיט וועלכען דער וועלט־שמערץ האָט איבערוועלטיגט די נשמה. דאָס האָט דיזע קראַפט, ווייל עס ענטהאַלט א פּראַקטישע אויפגאַבע. אין זיין ערשטען באַזוך אין פּאָרטוגאַל רופט טשאַילד האראַלד אויס: „אָ, ווען אַזעלכע בערג האַלטען אויף א פריי־געבאָרענע ראַסע!“ און צו די שפּאַניער רופט ער:

„וואַכט אויף, איהר זיהן פון שפּאַניען, וואַכט אויף! געהט פאָרווערטס!

אָ, ריטערשאַפט, אייער אַמאָליגע געטין, וויינט!“

און עס איז אויך געוועזען אין דער צייט פון זיין ערשטען טור, ווען ער האָט אַזוי אָנגערעדט די אונטערדריקטע גריכען, וועלכע האָבען אויסגעקוקט אויף הילף פון אַנדערע נאַציאָנען: —

„געבליבענע שקלאַפען! ווייסט איהר ניט,
די וואָס ווילען זיין פריי, מוזען אַליין דעם קלאַפּ געבען?
דורך זייער רעכטער האַנד מוז דער זיעג געבראַכט ווערען?
וועט גאַל אָדער מאַסקאַוועט אייך ווידער גוט מאַכען? ניין!
אמת, זיי וועלען אפשר אייער שטאָלצע פּלינדערער נידערלעגען,
אָבער ניט פאַר אייך וועלען די אַלטאַרען פון פרייהייט פלאַמען!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען עס שטעהט אויף לאַסידעמאָ׳ס גבורה,
ווען מעבעס עפּאַמינאָנדעס ווערען נאָכאַמאָל געבוירען,
ווען אַטענס קינדער ווערען מיט הערצער באַשענקט,
ווען גריכישע מוטערס זאָלען געבוירען מענער,
דאַן וועסטו צוריק אויפגעבויט ווערען; אָבער ניט פריהער".

אָבער זיין ליעבע צו פרייהייט אין יענער צייט איז געווען פון א ריינעם פּאָליטישען כאַראַקטער; דאָס איז געווען די אויפגע־בראַכטקייט פון׳ם פריי־געבאָרענעם ענגלענדער, ווען ער זעהט זיי ניט קענענדיג אראָפּוואַרפען פון זיך דעם פרעמדען יאָך, אונטער וועלכען זיין אייגענע נאַציאָן וואָלט קיינמאָל אפילו ניט גע׳חלום׳ט זיך צו אונטערוואַרפען.

איצט האָט ער ערפאַהרען וואָס עס מיינט פרייהייט אין בריטען, פוילען, אוניווערסאַלען זינען פון וואָרט. איצט פיהלט ער, אַז פרייער גענאַנק איז די ערשטע אומבאַדינגטע נויט־ווענדיגקייט פון גאַנצען גייסטיגען לעבען.

„אָבער לאָמיר טראַכטען מיט זיכערקייט — ס׳איז א נידריגעס
פאַרלאָזען דעם קלאָרען זינען זיך אָפּצוזאָגען פון
אונזער רעכט צו טראַכטען — אונזער לעצטעס און אייגנצי־
געס פּלאַץ
פון רעטונג; דאָס, אמווענינסטען זאָל נאָך זיין מיין;
חאָטש פון אונזער געבורט אָן ווערט די געטליכע גאַבע
געבונדען און געמאַטערט — איינגעשלאָסען, פאַרוויגט,
באַגרענעצט,
און געהאַלטען אין פינסטערניש, ס׳זאָל אַמאָל דער אמת
נישט שיינען
צו ליכטיג אויף דעם נישט צוגעוועהנטען מוח,
דער שטראַהל טריפט אריין, ווייל צייט און איבונג קענען
זעהענדיג מאַכען בלינדע".

און ער האָט בדעה ניט נאָר נאָכצודענקען, נאָר אויך צו טאָן. רופענדיג די צייט, דער גרויסער נקמה־נעהמער, ווען ער דער־

מאַנט, אַז ער האָט געטראָגען די האָס פון דער וועלט מיט שטילען שטאָלץ — און ער האָט דורכגעמאַכט אַלע וואַריאַציעס פון האַס,

„פון מעכטיגע אונרעכטען ביז אונבאַדייטענדער פאַלשקייט,
— — — — — — — — — — — — — — — — —
פון שרייענדען ברוטאַלען פון שוימענדער פאַרלוימדעריי
צו דעם קליינעם שעפּטשען פון די עטליכע געמיינע,
און פאַרפּיינערטען גיפט פון דער פאַר'עקשן'טער חבריא" —

פאַרענדיגט ער מיט דער תפלה: „לאָז מיר ניט האָבען געטראָגען דיזען אייזען אין מיין נשמה אומזיסט!"

זיינע פּערזענליכע ליידען ווערען איצט גאָרניט ווען ער דער־זעהט די גיגאַנטישע חורבות פון רוים; און ווי סאַלפּיסעס, מיט וועמעס געפיהלען קאַטאַבריאַנד האָט באַגאַבט דעם העלד פון „לעם מאַרטירס", פיהלט ער די אונבאַדייטענדקייט פון זיין גלויבען אין פאַרגלייך מיט יענעם, וועלכער האָט אָפּגעווישט די שטעדט פון גריכענלאַנד. ער שרייבט: —

אָ, רוים! מיין לאַנד! שטאָדט פון דער נשמה!
די יתומים פון הארץ מוזען זיך קעהרען צו דיר,
איינזאַמע מוטער פון טויטע אימפּעריען! און איינהאַלטען
אין זייערע פאַרשאָלטענע בוזעמס זייער קליינעם אומגליק.

וואַנדערענדיג אין יוגענד, האָב איך נאָכגעפאָלגט דעם שטעג פון איהם,
דער רוימישער פריינד פון רוים'ס קלענסטען שטערבליכען געדאַנק,
דער פריינד פון טוללי".

און ווען ניט באַפרידיגט מיט דער פרייהייט פון געדאַנק אליין, קעהרט ער אַוועק זיין אויפמערקזאַמקייט צו פּראַקטישע זאַכען, און פאַרנעמט זיך מיט די גרויסע פּאָליטישע שטרייטען פון טאָג, ער שטעלט זיך ניט צופרידען מיט איבער'חזר'ען די אַלטע געבעטען צו די אַוועקגעגאַנגענע, אָדער מיט וויינען צו ווענעציאַ, אַז זי האָט פאַרטרונקען דעם רוהם און כבוד פון יאהרהונדערטער אין קייט

פון שקלאַפעריי, און אז עס וואָלט געווען בעסער פאַר איהר צו זיין פארשלונגגען אונטער די כוואַליעס. ניין, ער אטאקירט דרייסט די מעכטיגע, די זיגער פון וואטערלאָ, ווען ער רופט מיט פאַר־אכטונג „די נאָכמאַכער פון איהם, ווער ס'האָט אמאָל ערנידריגט די שטאָלצע"; און דאן געהט ער איבער פון דעם אויסערליכען פאָליטישען אנזיכט פון די אייראָפּעאישע קאָנפליקטען צו דער אינערליכער געזעלשאפטליכער וויכטיגקייט.

אויפ'ן אויסזעהן, זאָגט ער, האט פראנקרייך אויסגעראָטען אַלטע פאָראורטיילע און געמאכט צו חורבות „זאַכען וואָס זיינען געוואקסען, געאטעמט פון צייט'ס־געבורט, נאָר אום צו האָבען תפיסות און קעניגרייכען ווידעראמאָל אויפגעבויט אויפ'ן זעלבען פונדאמענט. „אָבער דאָס וועט ניט דויער־ען". די מענשהייט האט סוף כל סוף דערפיהלט איהר כח. און כאָטש פראנקרייך „איז פארשיכור'ט מיט בלוט אויסצוברעכען פארברעכען".

דאָך, פרייהייט! דאָך דיין באַנער, צוריסען, אָבער פלאַטערענדיג,
שטראָמט ווי דער דונער־שטורם ג ע ג ע ן ווינד;
זיין טרומפייט־שטים, כאָטש צובראָכען און גוסס'דיג,
לאָזט דעם שרייענדסטען שטורם אונטער זיך;
זיין בוים האט פארלאָרען די בליטהען און די קאָרע,
פון האק ארומגעהאקט, קוקט אוים רוי און ווייניג ווערט,
אָבער דער זאפט האלט אָן, — און נאָך געפינען מיר דעם קערן טיעף פארזעעט, אפילו אין'ם בוזעם פון'ם צפון;
אזוי וועט א בעסערער פריהלינג נאָך ברענגען וויניגער ביטערע פרוכט".

און וועגען זיך שרייבט דער פאָעט:

„אָבער איך האָב געלעבט, און ניט אומזיסט געלעבט:
מיין געדאנק מעג פארלירען זיין קראפט, מיין בלוט —
דאָס פייער,
און מיין געשטעל אפילו פארשווינדען אין באַזיגענדע ליידען;
אָבער עס איז דאָך דאָ אין מיר דאָס, וואָס זאָל ערמידען

מאַטערונג און צייט, און אָטהעמען, ווען איך פאַרגעה,
עטוואָס אונערדישעס, פון וואָס זיי טראַכטען ניט,
ווי דער אונפאַרגעסענער טאָן פון א שטומער לירע".

אזוי ווערען די דריי הויפּט געפיהלען, אויסגעדריקט אין דיזער שעהנער פּאָעמע — איינזאַמקייט, מעלאַנכאָליע און ליעבע צו פרייהייט — שטופּענווייז אין גרעסערער געפיהל; דער געדאַנק פון פּאָעט ווערט מיט יעדען טייל ברייטער און טיעפער. וואָרדס־וואָרטה האָט פאַראייניגט זיין „איך" מיט ענגלאַנד; סקאָט און מור האָבען אין זייער פּאָעזיע אויסגעדריקט די געפיהלען פון סקאָט־לאַנד און איירלאַנד; אָבער בייראָן'ס „איך" פאַרטרעט אוניווער־סאַלע מענשליכקייט, איהרע צער'ס און האָפנונגען זיינען די פון דער גאַנצער מענשהייט. נאָך דעם ווי דער „איך" האָט אין מענ־ליכער ענערגישער אַרט זיך צוריקגעצויגען צו זיך אַליין, און פאַר א צייט געלעבט פאַרטיעפט אין זיין איינזאַמען טרויער, ווערט דער טרויער פאַרברייטערט אין רחמנות פאַר אַלע ליידען, צער'ס פון הומאַניטעט; די האַרטע, אייגענע שאַלאַכץ פון „איך" איז געבראָ־כען, און דאָרט שטראָמט אַרוים די הייסע ליעבע צו פרייהייט, אַרומצוריינגלען און אויפצוהייבען דעם גאַנצען דור פון'ם פּאָעט. זיין געדאַנק איז איצט אין שטימונג מתפּלל צו זיין, און ער ווייגט:

„ניט אומזיסט האָט דער פאַרצייטיגער פערסיאַנער געמאַכט
פאַר זיין אַלטאַר די הויכע ערטער און שפּיצען פון ערד־
איבערקוקענדע בערג . . .
— — — — — — — קום און פאַרגלייך
זיילען אין גאָטס־געצעלטען, גאָטיש אָדער גריכיש,
מיט נאַטור'ס קעניגרייכען פון פאַרגעטערונג, ערד און לופט,
אויך שטעל זיך ניט אָפּ אויף באַליעבטע וואַלין־ערטער
צו בעשרענקען דיין תפלה".

20.

בייראָן — דער רעוואָלוציאָנערער גייסט.

נאָכדעם ווי בייראָן האָט באַזוכט דאָס קריעגס־פעלד נעבען וואַטערלאָ, איז ער אָפּגעפאָהרען מיט'ן באָהן קיין שווייצאַריע און זיך באַזעצט ביים זשענעווער זעע. אין א פּאַנסיאָן האָט ער זיך באַגעגענט מיט שעלין, וואָס איז געווען אינגער פון איהם מיט פיער יאָהר. דער לעצטער האָט אמאָל געשיקט בייראָנען אַן עקזעמפּלאַר פון זיין ווערק „די קעניגין מעב“, נאָר דער בייגעלעגטער בריעף איז פאַרלאָרען געגאַנגען, אַזוי אַז צווישעןביידע דיכטער האָט זיך קיין קאָרעספּאָנדענץ ניט ענטוויקעלט. בייראָן איז געקומען אויף יענעם אָרט מיט א פּאָר וואָכען פריהער צוזאַמען מיט מיס מערי גאָדווין און איהר שטיף־שוועסטער, מיס דזשען קלערמאָנט, וועלכע האָט זיך נאָך אין לאָנדאָן שטאַרק פאַרליעבט אין איהם. בייראָן'ס טאָכטער, אַלעגראָ, איז די פרוכט פון דער קורצער פאַרבינדונג פון בייראָן מיט אָט דער יונגער מיידעל.

אין דער צייט פון זיין צוזאַמענלעבען מיט שעלין האָט בייראָן'ס גדאַנק באַקומען די שטאַרקסטע און טיעפסטע איינ־דריקען, אויף וועלכע ער איז נאָר פעהיג געווען. דעם ערשטען גרויסען איינדרוק האָט ער געקראָגען פון שעלים פערזענליכקייט און פון זיין וועלט־אַנשויאונג. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען האָט בייראָן זיך געטראָפען מיט א הייכטוועלטיגען און א גאַנץ עמאַנסיפּירטען מענשען. ניט קוקענדיג אויף זיין געניאַלער פעהיגקייט אריינגעהמען אין זיך אַלץ, וואָס האָט איינגעשטימט מיט זיין נאַטור, האָט בייראָן דאָך ניט געקראָגען קיין פולע ליטע־ראַרישע און פילאָזאָפישע בילדונג, און ער האָט זיך שטענדיג געלאָזט פיהרען פון זיין סימפּאַטיע, איידער פון זיינע איבערציי־

גונגען. פאַר איהם איז געשטאַנען שעלי — מיט'ן פייער פון אַן אַפּאָסטאָל, דערהויבען איבער אַלע ספקות — ווי אַן אמת'ער כהן פון הומאַניזם. ניט דאָס צושטרייעטע לעבען פון לאָנדאָנער סאַלאָנען, ניט דער פּרעסענדער דרוק פון דעם שווערען שיקזאַל האָבען געקאָנט געבען בייראָן'עו גענוג גייסטיגע רוהיגקייט, אום זיך אָפּצוגעבען מיט באַטראַכטונגען וועגען מעטאַפיזישע אין רעפאָרם־פּראָבלעמען: ער איז געווען צופיעל פאַרנומען מיט זיך אַליין. איצט ווען זיין פּאָעזיע האָט דערגרייכט די מדרגה, אַז זיין אייגענער „איך" האָט אָנגעהויבען אַרויפשווימען, האָט ער זיך באַגעגענט מיט דעם גייסט, וואָס האָט אין איהם אָנגעצונדען דאָס נויטיגע פייער. זיין נשמה האָט זיך ברייט אויפגעעפענט אום אריינצוזאַפּען דעם נייעם איינדרוק, און אין דער גאַנצער רייה פון די ניי־אָנגעשריבענע ווערק זיינע זעהן זיך בולט אַרויס די סמנים פון דער ייער ווירקונג. פיעלע פון די פאַנטעאַיסטישע אויסגיסונגען אין'ם דריטען ליעד פון „טשאַילד האַראָלד", באַזונדערס די וואונדערבאַרע באַשרייבונג וועגען דער אַלמעכטיגער ליעבע אַלס גייסט פון דער נאַטור (100 III) — שעלים לעהרע וועגען דער שעהנקייט און ליעבע אַלס מיסטישע כחות, וואָס באַהערשען די וועלט. — זיינען בלויז פון אַ רעזולטאַט פון די געשפּרעכען מיט שעלי. אין איינער פון זיינע נאָטיצען אין זיין טאָג־בוך איז בייראָן אַזוי ווייט אַוועק אין שעלים פאַנטאַזיע, אַז ריידענדיג וועגען דער שטימונג, וואָס קלאַרענס און מעליער האָבען פאַראורזאַכט אין רוסאָ'ס „נייער עלאָאיזע", דריקט ער זיך אויס: „אַ שטימונג פון אַ העכערער און רייכערער אַרט ווי די סימפּאַטיע מיט אַן איין־און־איינציגער ליידענשאַפט". „דאָס — זאָגט ער — איז דאָס געפיהל פון דער עקזיסטענץ פון דער ליעבע אין איהר העכסטער און פולסטער באַדייטונג און אונזער אייגענער באַטייליגונג אין איהרע גוטסקייטען און איהר רוהם; דאָס איז דאָס גרויסע פּרינציפּ פון'ם אוניווערזום וואָס ערשיינט דאָ אין דער קאָנצענטרירטעסטער פאָרם. נאָך אָט דעם פּרינציפּ קומט אויס, אַז כאָטש מיר ווייסען אַז מיר זיינען אַ טייל פון'ם אוניווערזום פאַרלירען מיר דאָך אונזער אינדיווידואַליטעט, וועלכע גיסט זיך אַריין אין דער שעהנקייט פון'ם גאַנצען אוניווערזום. אַ מעהר אויסערליכע ווירקונג פון שעלי'ן באַמערקט

זיך אין די גייסטער־סצענען אין „מאַנפרעד“, און, הויפּטזעכליך, אין׳ם דריטען אַקט פון דער דראַמע, וואָס בייראָן האָט איבערגע־אַרבייט, אַ דאַנק שעלי׳ס עצה. צולעצט „קין“, — כאָטש ווי שעלי אַליין פאַרזיכערט, אַז ער האָט קיין אַנטייל אין דער צונויפשטעל־לונג פון אָט דער פּאָעמאַ ניט גענומען, — וואָלט קיינמאָל ניט געטראָגען אויף זיך דעם שטעמפּעל, וואָס דאָס ווערק טראָגט, ווען מען זאָל קענען פאַרשטעלען בייראָן אָהן׳ם איינפלוס פון שעלי.

ביידע פּאָעטען האָבען באַזוכט דעם שלאָס שיליאָן און אַלע אַרומיגע פּלעצער; אַזוי אַרום האָט בייראָן געקראָגען אַ צוויי־טען שטאַרקען איינדרוק, וואָס האָט געדאַרפט האָבען אַ גרויסע ווירקונג אויף זיין פּאָעזיע — דער איינדרוק פון דער אַלפּיען־קייט. פאַר איהם, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג אין זיך איינגעאָטעמט דעם רויך פון די לאָנדאָנער סאַלאָנען, איז געווען אַ פאַרגעניגען צו קוקען אויף די אייביגע שנעען, און אויפהויבענדיג זיך הויך איבער דער ערד, באַקוקען די מיט שנעע־באַדעקטע אַלפּיען־בערג. זיין פּאָעטישער פאַרגענגער שאַטאָבריאַן האָט פיינט געהאַט די אַלפּען; זייער גרויסקייט האָט דריקענד געווירקט אויף זיין עהרע־גייציג־קייט, אָבער בייראָן האָט זיך געפיהלט צווישען זיי ווי אין דער היים.

„מאַנפרעד“, וועמעס אמת׳ע פּאָעטישע באַדייטונג עס ליגט אין דעם, וואָס עס איז אַן אַלפּען־לײדענשאַפט און אַן אַלפּען־לאַנדשאַפט וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט, איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון די איינדרוקען פון דער נאַטור. טען האָט זיך ער־לויבט צו זאָגען, אַז די אַלפּען גייסטער אין בייראָן׳ס „מאַנפרעד“ זיינען נאָר טעאַטראַלישע געטער, אָבער ווען טען האָט דאָס געשריי־בען האָט ער נאָך שווייצאַריען פאַר די אויגען ניט געהאַט געזעהן.

אין קיין סביבה ווערט מען ניט אַזוי פאַרזוכט צו פּערזאָניפי־צירען ווי דאָ. אפילו אַ פשוט׳ער רייזענדער פיהלט אַ פאַרלאַנג דאָס צו טאָן. איך געדענק, ווי אַמאָל ביינאַכט איז מיר אויסגע־קומען צו שטעהן אויפ׳ן שפּיץ פון ריגי־קולם און איך האָב געקוקט אויף די שעהנע טייכלעך צופיסענס דעם באַרג און די קליינע וואָלקענס, וואָס האָבען זיך געטראָגען פאַראויס איבער זייערע שפּיגעלדיגע אויבערפלאַכען. פּלוצלונג האָב איך דערזעהן ווייט

אויפ'ן האָריזאָנט אַ ניט גרויסען, ווייסען קוגעל. ווען ער איז אין אַ מינוט אַרום צוגעקומען צום פּילאַט האָט ער שוין מיט זיך פאַר־עשטעלט אַ גרויסע צאָהל פון טומאַנען. מיט אַ מערקווירדיגער גיכקייט האָט ער זיך פאַרשפּרייט איבער'ן הימעל, צעוואַרפענדיג אין ביידע זייטען די ברייטע פלעגעס פון זיין וואָלקענדיגען מאַנטעל און פאַרנעהמענדיג אַ זעהר גרויסען שטח. ער האָט זיך אַראָפּגע־לאָזט אויף דער אויבערפלאַך פון די טייכלאַך, האָט אַרומגעהילט די שפּיצען פון די שטיינער, איז אַרויפגעקראָכען אויף דעם רוקען פון די בערג, אַריינגעדרונגען אין די שפּאַלטען און טאָלען, זיך אַרויפגעטראָגען מיט דער שנעלקייט פון אַ רויך צום הימעל, ווי אַ בליי זיך צעלאָזט איבער די שטעדט, פאַרלאָשען אַלע קאָלירען און אַלץ פאַרדעקט מיט אַ גרויער פאַרב. די ווייסקייט פון די שנעען, דאָס גרינס פון די ביימער, די טויזענדער שאַטענס און פאַרבען פון די וואָלקענס, וואָס די זון האָט באַפאַרבט, זיינען באַלד פאַרטרינקען געוואָרען און אין אַ מינוט אַרום פאַרשוואונדען. דער בליק, וואָס האָט נאָר וואָס פריי באַקוקט דעם אונגעהייערען רוים, האָט זיך נעפיהלט צוגעשמידט פון אַ אונבאַשטימטער מאַכט צו דער פאָרם־לאָזער מאַסע, וואָס האָט גיך געשוואומען פאַראויס, גלייך ווי אַ הימעל־קערפּער אין זיין אורשפּרינגליכען אויסזעהן, און זיך גערוקט פאָראויס געגען דעם צושויער. עס האָט אויסגעזעהען ווי אַ מחנה הימעל־איינוואוינערס, ווי הונדערטער טויזענדער לופט־רייטערס וואָלטען געפלויגען אין געשלאָסענע קאָלאָנען, אויף זייערע פליהענ־דיגע שטומע פערד, פיעל שטאַרקער ווי אַ ערדיש חיל, פאַרטיליגען אַלץ אויפ'ן וועג, גלייך ווי די אַזיאַטישע מחנות אָדער די הונען פון אַטילאַ. דער צפון־מענש וואָלט גלייך אַ קלעהר געטאָן וועגען אַן אָנפאַל פון באַרבאַרען. אין דער מינוט, וואָס דער וואָלקען האָט דערגרייכט דעם קולם, זיינען אַלע צושויער פאַרשוואונדען, אַלע, איינער פאַר'ן צווייטען, ווערענדיג איינגעשלונגען פון'ם טומאַן, וואָס האָט שטאַרק און פעסט אַרומגעלעגט יעדען איינעם, פאַרשלי־סענדיג איהם דאָס מויל און זיך לעגענדיג אויף זיין ברוסט.

אָט אַזעלכע נאַטור־ערשיינונגען האָבען געגעבען בייראָן'ען מאַ־טעריאַל פאַר די גייסטער, וואָס האָבען זיך באַוויזען צו מאַנפרעד'ן. אין זאַץ נאָך'ן צווייטען אין בייראָן'ס טאָג־בוך זיינען אַריבער־

געגאַנגען אין זיין פּאָעמע; אָפּטמאָל זיינען די אויסדרוקען אין׳ם ערשטען סקיצענהאַפטען ענטוואורף פיעל שפּאַנענדער און טרעפענ־דער ווי אין די ליעדער. „בין געקומען קיין גרינוואלד. אָפּגעגע־סען מיטאָג. ארויפגעפאָהרען רייטענדיג אויפ׳ן גלעטשער, — ער איז עהנליך צו א פאַרפרוירענעם אָרגאַן. ס׳איז ליכטיג, שעהן, נאָר א שד־וועג... צייטענווייז טוט א בליץ, נאָר אין אלגע־מיין איז דער טאָג אזא שעהנער, ווי דאַמאָלס ווען דער גן־עדן איז באַשאַפען געוואָרען. בין געגאַנגען דורך גאַנצע וועלדער פון פאַר־טריקענטע נאָדעל־בוימער. אַלע פאַרטריקענט, די וואָרצלען אָפּגע־שעהלט, די צווייגען טויט. דאָס האָט דער ווינטער אָנגעמאַכט — דאָס בילד האָט מיר דערמאָנט אין זיך און איין מייניגע״. אָט די אַלע אויסדרוקען מיט קליינינקע ענדערונגען ווידערהאַלען זיך אין׳ם ליעד.

ווי איינדרוקספול עס זיינען ניט געווען די קליינע רייזען פון שעלי און בייראָן האָבען זיי דאָך אָפט געפיהרט צו פאַרביטע־רונג פאַר די דיכטער. זייערע רייזענדע לאַנדסלייט האָבען זיי אומעטום פאַרפאָלגט מיט זייער נייגעריגקייט און אָפטמאָל מיט א אומגלויבליכער אומפאַרשעמטקייט זיך אריינגעריסען אין בייראָן׳ס הויז. ווען מען האָט זיי ניט געלאָזט אין הויז האָבען זיי זיך צולעגט מיט בינאָקלען אין די הענט ארום די בערג און וועגען, אום צו קענען זעהן, זיי זיינען געקראָכען אויף ווענט פון גאָרטענס און אונטערגעקויפט די משרתים אין די האָטעלען אום צו דערגעהן עפּעס סקאַנדאַלישעס. צוערשט האָט זיך פאַרשפּרייט א קלאַנג, אז בייראָן מיט שעלי׳ן וואוינען מיט צוויי שוועסטער; וואָס אמאָל זיינען די פּלאָטקעס העסליכער און נאַרישער געוואָרען. דערפאַר איז קיין חידוש ניט, וואָס ווען בייראָן איז איינמאָל אין קאַפּע אריינגעגאַנגען אין גאַסט־צימער פון דער פרוי סטאַל, איז אַן ענגלי־שע פרוי, אַן אַלטע גאָטספאָרכטיגע ראָמאַנען־שרייבערין, מיסעס גערוועי, געפאַלען אין חלשות, גלייך ווי זי יוואָלט, ווי בייראָן זאָגט, דערזעהן „די שדי׳שע מאַיעסטעט אין איהר העכסט אייגענער פּערזאָן״.

ווילען מיר פאַרשטעהן די אורזאַכע פון אָט דעם לעבער־ליכען שרעק פאַר בייראָן׳ס פּערזענליכקייט מוזען מיר זיך אָפּשטע־

לען ביי דעם לעצטען שטאַרקען איינדרוק, וואָס בייראָן האָט געקראַ־גען ווען ער איז געוועןביים זשענעווער זעע — געמליך, אַן איינ־דרוק פון אַן אין ענגלאַנד פארשפרייטער פּלאַטקע, וועמעס כאַראַק־טער און די באַדייטונג ס'איז איהם ערשט איצט קלאָר געוואָרען. דאָס איז די זעלבע פּלאַטקעס, וועגען וועלכע מאַדאַם ביטשער־סטאָו דערצעהלט צום סוף פון די דרייסיגער יאָהרען, ערקלערענדיג, אַז זי האָט עס געהערט אלס א פּאַרטרויטען סוד פון מאַדאַם בייראָן „וועהרענד אַ הימעלשער שיין האָט באַלויכטען דאָס עטערישע געזיכט פון דער דאַמע“, — די געשיכטע וועגען בייראָן'ס פאַר־ברעכערישע באַציהונג צו זיין שוועסטער אווגוסטא לעיג. אָט די געשיכטע איז מיט דער צייט געוואָרען פאַר ליידי בייראָן אַן אמת'ע אידעע־פיקס; מען קען דאָס זעהן פון'ם ערשינענעם בוך אין יאָהר 1869, „מעדאָרא לעיג“; זי ערקלערט אָהן א שום בושה אווגוסטא'ס טאָכטער, וואָס האָט זיך געווענדעט צו איהר אין נויט, אַז זי איז ניט דעם פּאָלקאָווניק לעיג'ס טאָכטער, נאָר די טאָכטער פון בייראָן'ען און זיין שטיף־שוועסטער. זי האָט אין דער זעלבער צייט צוגעזאָגט שטענדיג צו זאָרגען פאַר מעדאָרען און זי שטיצען. זי האָט איהר צוזאָג באַלד פאַרגעסען.

בייראָן האָט וואַרשיינליך פון אָט דער באַשולדיגונג ניט געוואוסט אין צייט ווען ער האָט פאַרלאָזען ענגלאַנד. ער האָט, גלויב איך, ניט געלייענט אַלע אַרטיקלען, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען געגען איהם. ער זאָגט אַליין:

„אַ לאַנגע צייט נאָך מיין אָפּפאָהרען פון ענגלאַנד, האָב איך זיך דערוואוסט וועגען דער מיאוסער ראָלע וואָס מיינע פיינד האָבען געשפּיעלט אין באַצוג צו מיר. מיינע פריינד האָבען מיר געדאַרפט דערצעהלען א סך פון דעם, וואָס זיי האָבען פאַרשוויגען“.

ערשט אין שווייצאַריע האָט איהם אַ פריינד אַלץ אויסדער־צעהלט. אַזוי אַרום קען מען ערשט רעכט פאַרשטעהען דעם געדאַנק פון די ליעדער, וואָס זיינען אָנגעשריבען געוואָרען אין שווייצאַריע און געווידמעט צו אווגוסטען. אין „טשאַילד האַראָלד“, 111, 55, הייסט עס:

„אַ צערטליך פרויען האַרץ איז געווען צוגעבונדען צו איהם מיט צערטליכערע קייטען ווי די קירך לעגט אַרויף. די ליעבע איז

געוועזן אַ ריינע כאַטש ס'ניט געווען קיין הייראַט. זי האָט אויס־געהאַלטען דעם נסיון פון טיפען האַס און טויט־געפאהר, פאַר וועלכער פרויען האָבען אַזוי שטאַרק מורא; זי איז נאָך שטאַרקער געוואָרען אין דער געפאַהר. איהר האַרץ איז געווען שטאַרק גלייך ווי זיין האַרץ איז געווען שוואַך, ווען ער האָט איהר געשיקט אַ גרוס פון איבער'ן ים".

די ליעדער צו אַווגוסטאַ'ן ענטהאַלטען אין זיך עהנליכע אויס־דרוקען, און די שורה: „כאָטש באַרעדט, האָסטו דיך דאָך קיינמאָל ניט געוואַקעלט" (אינ'ם צווייטען ליעד צו איהר) צייגט, אַז זי האָט געוואוסט וועגען די מיאוסע קלאַנגען.

איצט ערשט דערקלערט זיך די פּלוצליכע ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין שווייצאַריע, אין די פאַרהעלטענישען פון בייראָן'ען צו זיין פרוי. בייראָן, וועלכער האָט אין דער ערשטער צייט נאָך'ן גט שטענדיג געזאָגט, אַז ס'איז שווער צו באַגעגענען „אַ בע־סער, אַ מעהר פרעהליך, ליעבענדיג און צוציהענדיג וועזען, ווי זי", און אין דעם אומגליק האָט ער באַשולדיגט זיך אַליין, זיין אייגענעם כעס און ניט איבערלעגען זיך, זעהט איצט נאָר די שאַטענדיגע זיי־טען פון איהר כאַראַקטער, און אונטער דעם איינדרוק פאַנגט ער אָן אַ מלחמה געגען די פרויען. — אַ קאַמף, וואָס וואָלט ביי אַנדערע אומשטענדען, זעהר ניט געפּאַסט פאַר איהם; אין דער זעלבער צייט וואַרפט ער אָן דאָס בייזע בילד פון ליידי בייראָן אין דער פּערזאָן פון דאָנע אינעץ אין „דאָן זשואַן".

אַן ענטשיידענדער און אמת־שטאַרקער באַווייז קעגען ליידי בייראָן'ס באַשולדיגונגען איז געווען אָפּגעדרוקט אין אָקטאָבער 1869 אין דער „קוואָרטערלי רעוויו". אין'ם זשורנאַל זיינען פאַרעפענט־ליכט געוואָרען זיבען בריעף און צעטעלעך וואָס ליידי בייראָן האָט נאָך'ן צוגעהן זיך מיט'ן מאַן געשריבען צו פרוי לעיג, פול מיט צערטליכע אויסגיסונגען און פאַרזיכערונג אין ליעבע. פאַר איהר — הייסט עס אין די בריעף — איז „אַ גרויסע טרייסט", וואָס מאַ־דאַם לעיג וואוינט צוזאַמען מיט איהר מאַן; זי דאַרף, ווירקליך, זיך אָפּזאָגען פון'ם רעכט אָנצורופען די „טייערע אַווגוסטאַ" שוועס־טער, אָבער זי גלויבט דאָך, אַז דאָס וועט ניט איבעראַנדערשען די גוטע באַציהונג, פון מאַדאַם לעיג צו איהר. אין אָט דער באַציהונג,

וועניגסטענס (!) — שרייבט זי — בין איך דער אמת אליין, ווען איך זאָג, אז אין וואסער א לאַגע איך זאָל זיך ניט געפינען איז ניטאָ קיין איין מענש אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיין טייערער פאַר מיר, אָדער מיך גליקליכער מאַכען, דיזע געפיהלען קענען ביי קיינע אומשטענדען ניט געענדערט ווערען: „ווען דו זאָלסט מיך אפילו פאַראורטיילען קען איך דיך דאָך ווינציגער ניט ליעבען".

אַט דאָס האָט לײדי בייראָן געשריבען צו דער פרוי, וועמען זי האָט מיט עטליכע יאָהרען שפּעטער אָנגערופען די שולדיגע אין איהר אומגליק — די פרוי, וואָס האָט זי, לויט איהרע ווערטער, ארויסגעטריבען פון איהר מאַן'ס הויז. נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלץ: דער פריינדליכער בריעף־פאַרקעהר צווישען לײדי בייראָן און מאדאם לעיג האָבען אָנגעהאַלטען ביז בייראָן'ס טויט. בייראָן'ס לעצטער ניט פאַרענדיגטער בריעף פאַנגט זיך נאָך אָן מיט די ווערטער:

„מיין טייערע אווגוסטא! מיט עטליכע טעג צוריק האָב איך געקראָגען די נאַכריכטען פון דיר און לײדי בייראָן וועגען אדעם געזונדהייטס־צושטאַנד".

און איצט זאָלען מיר גלויבען, אז לײדי בייראָן האָט געהאַלטען איהר גאַנץ לעבען אווגוסטא'ן, וואָס איז געוועזן די פּאַרמיטלערין צווישען מאַן און ווייב, פאַר אַן אומנאַטירליכער פאַרברעכערין, וואָס איז שולדיג אין דעם אומגליק פון איהר לעבען. וואָס'ר א כאַאָס פון ליגען און אונזין!

אונזין — דאָס איז דאָס ריכטיגע וואָרט, ווייל, ווי עס באַמערקט די „קוואָרטערלי רעוויו", פונקט ווי לײדי בייראָן האָט ניט געפונען קיין אנדער אויסדרוק פאַר איהר מאַן'ס האנדלונג, ווי אונזין, אזוי קענען מיר איצט זיך ניט ערקלערען איהר האנדלונג, ווי נאָר אַלס געמיטס־קראַנקהייט.

„עס איז פאַראַן א מערקווירדיגער אונטערשיעד צווישען איהרער און בייראָן'ס קראַנקהייט: ער האָט קראַנקהאַפט פאַרגרעסערט זיינע חסרונות, זי — איהרע וואוילטעטיגקייטען. זיין וואַנזין איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אַלס אונ־מעגליכער זינדיגער; זי האָט זיך געוואָלט צייגען אַלס א זעהר היילינגע. ער האָט אין אַנפאַל פון וואַנזיניגקייט געטאָן אַלעם

מעגליכעם אום צו שעדיגען זיין רעפּוטאַציע; זי האָט גאַנץ ערנסט אָנגענומען זיינע זעלבסט־באַשולדיגונגען, וואָס זיינען אָפט געווען נאָר שאַרפזיניגע איינפאַלען, אָדער מיסטיפיקאַציעס. איהרע מעשיות וועגען איהרע האַליוצינאַציעס האָבען אין זיך געהאַט די טענדענץ צו פאַרשוואַרצען דעם נאָמען און די רעפּוטאַציע פון די מענשען, וואָס זיינען נאָהענטער פון אַלץ צו איהר געשטאַנען, און וואָס האָבען געדאַרפט זיין פאַר איהר טייערער ווי אַלץ. וועלכע פון די געדאַנקליכע פאַרפיהרונגען זיינען געווען מעהר געפעהרליך און ווינציגער אנציהענד?" („קוואָרטערלי רעוויו", אָקט. 1869, און קאַרל עלץ „לאָרד בייראָן", ז. 179).

דער לעצטער איינדרוק, וואָס בייראָן האָט אַרויסגעטראָגען פון שווייצאַריע איז, ווי מיר זעהען, געווען דער שווערער דרוק פון'ם שרעקליכען בלבול. זיינע געדאַנקען האָבען זיך אַלע מאָל אומגע־קעהרט צו דעם, און, מיט דער באַזונדערער איינענטימליכקייט וואָס קינסטלער פאַרמאָגען, האָט ער זיך אַלץ מעהר פאַרטיעפט אין דעם.

זשאָרזש זאַנד אין אַ בריעף צו סענד בעווין באַשרייבט איהר נאַטור און די נאַטור פון'ם דיכטער מיט איינינע שאַרפע שטריכען. זי רעדט וועגען דעם פילאָזאָף זשאַפּראַא, וואָס האָט זיך געוואָלט באַקענען מיט איהר; זי האָט געפיהלט אַ שרעק פאַר איהם, ווי פאַר אַ צושטרענגען און צו שווערגעוויכטיגען מאָראַליסט. זי שרייבט:

„זשאַפּראַא איז בלי ספק אַ מענש וואָס וועט אויף דער פראַגע צו מען קען עסען מענשען־פלייש ענטפערען: קיין מענשען איז נאָך גאָר קיינמאָל אין קאָפּ ניט געקומען אַ געדאַנק וועגען עסען מענשען־פלייש! איהר אָבער וואָלט געזאָגט, אז עס קענען באמת זיין אַזעלכע מענשען וואָס עסען מענשען־פלייש. איך אָבער וואָלט מיר געדאַכט: ווי אַזוי שמעקט דאָס מענשען־פלייש?"

דאָס זיינען טיעפע ווערטער, וואָס ענטהאַלטען אין זיך אַ גאַנצע באַטראַכטונג פון דעם דיכטער'ס נאַטור, אין געגענזאַץ צו די נאַ־טורען פון'ם מאָראַליסט און דעם באָאָבאַכטער.

אַ שטאַרקער דראַנג צו מאַכען פאַרשידענע עקספּערימענטען מיט דער הילף פון זיין פאַנטאַזיע און זיין רעפלעקסיע, אַ שטאַרקע נייגונג צו טראַכטען און פאַנטאַזירען וועגען דעם, וואָס מענשען

ווילען אויסמיידען און פאַר וואָס זיי האָבען מורא — דאָס זיינען די הויפּט כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון בייראָן'ס נאַטור. קיין אַנדערע באַדייטונג קען ניט האָבען דער באַוואוסטער אַנעקדאָט, וואָס האָט אַמאָל אַרויסגערופען אַזאַ שרעק. בייראָן, האָט אַמאָל, האַלטענדיג אין האַנט אַ קליין מעסערל אויסגעשריען: „איך וואָלט געוואָלט וויסען, וואָס עס פיהלט אַ מענש ווען ער באַגעהט אַ מאָרד!" איהם איז געפעלען געווען זיך אַריינצוטראַכטען אין'ם שולד־באַוואוסטזיין פון אַ פאַרברעכערישער ליעבע, ווי עס איז איהם געפעלען געווען זיך פאַרשטעלען אין דער ראָלע פון אַ מענשען, וואָס איז באַגאַנגען אַ מאָרד. זיינע ערשטע העלדען גאַיור און לאַראַ, האָבען באַגאַנגען געהיימע מאָרדען, און ס'איז באַוואוסט, אַז די אַלע פאַרברעכענס פון זיינע העלדען האָט מען צוגעשריבען בייראָן'ען אַליין; אפילו דער אַלטער געטע אַליין, זיך אָנהערענדיג פאַרשי־דענע פּלאַפּלערייען, האָט זיך ערלויבט אין זיין רעצענזיע וועגען „מאַנפרעד'ען", רעדען וועגען דעם אָם־מערכען אַלס „העכסט־וואַר־שיינליך", דאָס מערכען נאָך וועלכען עס קומט אויס אַז בייראָן איז אין פלאָרענץ (וואו ער איז אָפּגעווען איינגאַנצען אַ האַלבען טאָג) אַריינגעטראָטען אין באַציהונגען מיט אַ יונגער פרוי, וועמען דער מאַן האָט דערפאַר געטויטעט, און בייראָן האָט אויס נקמה פאַר זיין געליעבטער דער'הרג'עט איהר מערדער. עהנליך צו דעם, ווי מען האָט פריהער געפונען באַשטעטיגונגען אין די מאָרדען וואָס ער איז באַגאַנגען אין די טראַגישע האַנדלונגען פון לאַרען, אַזוי וויל מען אין אונזער צייט זעהן די באַשטעטיגונגען פון זיין פאַרברעכע־רישער באַציהונג מיט זיין שוועסטער אין מאַנפרעד'ס פאַרצווייפלונג און אין קין'ס הייראַט מיט זיין שוועסטער. עס איז קיין חידוש ניט, וואָס בייראָן און מור האָבען איינמאָל פאַרטראַכט אָנצושריי־בען אַ פאַנטאַסטישע ביאָגראַפיע פון בייראָן'ען, אין וועלכער עס זאָלען אַריינקומען אַזוי פיעל מאָרדען פון'ם מענליכען און אַזוי פיעל פאַרפיהרונגען פון'ם צווייטען געשלעכט, אַז עס זאָל איבערטרעפען אַלע אַנעקדאָטען־זאַמלער וועגען בייראָן. זיי האָבען זיך דאָך אָפּ־געזאָגט פון'ם פּלאַן, מורא האָבענדיג, אַז דאָס פובליקום וועט דעם וויץ אָננעהמען פאַר ערנסט.

פאַרשטעהט זיך, אַז פיעל פון זיינע געשפּרעכען מיט שעלי'ן

האָבען זיך דערפאַר געדרעהט אַרום דער ליעבע פון אַ ברודער צו אַ שוועסטער, און נאָך מעהר דערפאַר וואָס אַט די אונפּרוכטבאַרע פראַגע האָט שטאַרק אינטערעסירט דעם אינגערען דיכטער. בייראָן'ען האָט אַם מעהרסטען פאַרדראָסען דאָס, וואָס גאָטספּורכ־טיגע מענשען האָבען זיך אַזוי געשראָקען פאַר אַזעלכע ערשיינונ־גען, ווען אין איינע פון זייערע דאָגמאַטען פון דעם גלויבען דער־צעהלט זיך אַז די באַשאַפונג פון דעם מענשליכען מין קומט פון דער באַהעפטונג פון אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. דערפאַר האָט ער אַרויסגעבראַכט אין זיין „קין“, אַז קין און אַדאַ זיינען ברודער און שוועסטער; ער לאָזט לוצער'ן ערקלערען, אַדאַ'ן, אַז איהר ליעבע צום ברודער איז ניט קיין עבירה, נאָר ביי איהרע קינדער וועט עס זיין אַן עבירה, אויף וואָס אַדאַ ענטפערט גאַנץ לאָגיש: „קען דען זיין אַזאַ עבירה, וואָס האָט אין זיך גאָר ניט קיין זינדי־געס?“ וואָסער אַ באַדייטונג קען דאָ האָבען אַן אויסערליכער אומ־שטאַנד? פין אַלע פּסיכאָלאָגישע מאָמענטען וואָס מיר האָבען דאָ אָנגעצייגט זיינען באַשאַפען געוואָרען „מאַנפרעד“ און „קין“. דאָס ערשטע ווערק איז פון אַ קלענערער באַדייטונג, און פאַרשטעהט זיך, עס קען ניט געשטעלט ווערען אין דעם מינדעסטען פאַרגלייך מיט געטע'ס „פאַוסט“, וואָס ער דערמאָנט, און מיט וועלכען עס וויל זיך פאַרגלייכען. געטע אַליין זאָגט, אַז ווענען דיביידע ווערק קען מען איבערלייענען אַ פּראַכטפולע לעקציע; עס זיינען אויך אַזעלכע לעקציעס געלייענט געוואָרען; איך צווייפעל צו אימיצער אַנדערש האָט עס מיט מעהר פעהיגקייט און אָריגינאַליטעט געטאָן ווי טען.

נאָר אין איין פונקט דערהויבט זיך „מאַנפרעד“ איבער „פאַוסט“. דער מאַסשטאַב פאַר דער בעסטער אָפּשאַצונג ביי פאַרשידענע טיילען פון אַ ווערק איז פאַר'ן קריטיקער דאָס, וואָס ער האָט באַהאַלטען אין זיין זכרון יאָהרען שפּעטער נאָך'ן איבערלייע־נען דאָס ווערק. די איינציגע סצענע, וואָס איז מיר פאַרבליבען אין זכרון מיט צעהן יאָהר שפּעטער ווי איך האָב איבערגעלייענט „מאַנפרעד“ איז די, וואו ער, וואָס האָט זיך שטענדיג אַזוי שטרענג באַשולדיגט, האָט אין מינוט פון זיין טויט צוריקגעוויזען דעם פּריסט'ס טרייסט און מיט אַ פעסטען שטאָלץ און טיעפער פיינד־שאַפט טרייבט ער פון זיך אַוועק די שלעכטע גייסטער, מיט וועלכע

ער האָט ניט קיין געמיינשאַפטליכעס און וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט געגעבען קיין מאכט איבער זיך. דער געגענזאַץ צו פאוסט'ען, וואָס פארקויפט זיך צו מעפיסטאָפעלען און פאלט אויף די קניעס פאר'ן גייסט פון דער ערד איז גאנץ שטארק. פאר'ן ענגלישען דיכטער האָט זיך געטראָגען דאָס אידעאַל פון א זעלבסטשטענדיגען מאַן, צו וועלכען דער דייטשער דיכטער האָט זיך ניט דערהויבען, און זיין העלד איז אַ טיפּישער מאַן, פונקט ווי געטעס העלד איז א טיפּ פון אַ מענשען. אין לעבען ווי ביים טויט האָט ער גאָרניט צו טאָן מיט'ן גהינום און האָט ניט קיין שום פארבינדונגען מיט'ן הימעל. ער איז זיין אנקלאגער און זיין אייגענער ריכטער. בייראָן'ס גאנצע מענערשע מאָראַל דריקען אויס די ווערטער. זיין נשמה אָטעמט אויף אויף די איינזאמע הויכקייטען, אויף יענער זייט שנעע-ליניע, ווי די מענשליכע שוואכקייט און אָפּגעלאָזענקייט בליהען ניט אויף, און די אַלפּען-לאנדשאפט איז דער בעסטער ראַהם פאר דער הויפּט פּערזאָן, וואָס איז עהנליך צו איהר מיט זיין בייזען, ווילדען כאראקטער.

אָבער אין „מאַנפרעד" טרעט ארויס נאָר די עגאָאיסטישע זייט פון בייראָן'ס פּאָעטישער נשמה. זיין אַלגעמיין-מענשליכע סימ־פּאַטיע צייגט זיך צום ערשטען מאָל ארויס אין דעם געגענווערק צו „מאַנפרעד" און „קין". „קין" — איז בייראָן'ס וידוי וועגען זיינע צווייפלונגען און קריטישע בליקען. ווען מען נעמט אין אנבא־טראכט אַז בייראָן האָט ניט געקאָנט גלייך, ווי שעלי און די גרויסע דייטשע דיכטער, אויסארבייטען אין זיך, דורך טראַכטען, א פרייע, הומאַנישע וועלט-אַנשויאונג, און ניט פארמאָגט, ווי די שרייבער פון דער יעצטיגער צייט, קיין ברייטע וויסענשאַפטליכע בילדונג וואָס איז נויטיג פאר קריטיק, פאר אַלע נעדאנקען און באַטראַכטונגען וועגען דעם פאראיבערגעגאנגענע און צוקונפטיגע וועלט-אַנשויאונ־גען, — מוז מען באַוואונדערען די ענערגיע און דעם ערנסט מיט וועלכע ער צוגלידערט אַלע לעבענס-פראַגען.

אַלס פּריוואַט-פּערזאָן איז בייראָן געווען אַזוי ניט רייף אין זיין פריידענקען ווי דעליטאַנט אין פּאָליטיק. זיין קלאָרער פאר־שטאַנד איז אמת געווען אויפגעבראַכט קעגען דעם גלויבען אין דעם, וואָס איז קעגען שכל; אָבער, ווי די מייסטע גרויסע מענשען

פון׳ם אנפאנג פון יענעם יאהר־הונדערט, איז ער געווען אי סקעפּטיש אי אבערגלויביש. די רעליגיע איז איהם נמאס געוואָרען נאָך אין זיין קינדהייט; די מוטער האָט איהם שטענדיג מיטגעשלעפּט מיט זיך אין קירך, און ער האָט זיך אָן איהר נוקם געווען דערמיט, וואָס ער האָט זי געשטאָכען מיט שפּילקעס יעדעס מאָל, ווען די לאנגווייליגקייט האָט איהם באפאלען. נאָך אין דער יוגענד האָט איהם אויפגערייצט די פעדאנטישע גלויבענס־לעהרע פון דער ענגלישער קירך מיט איהרע 39 ארטיקלען און ער האָט געשריבען אין זיין „מעמאָראנדום“, אז ס׳איז פונקט אזוי נוצלאָז צו פארבאָטען די נאַציאָנאַליסטישע אויספאָרשונגען ווי צו שרייען צו א וואכעדיגען מענשען: וואך ניט, שלאָף! וועגען גלויבען אין אן אייביגען גהינום האָט ער זיך אָפט געוויצעלט. ער האָט געשריבען צו מאָר׳ן אין יאָהר 1822:

„איהר געדענקט דעם עטפער פון פרידריך דעם גרויסען אויף דער קלאַגע, וואָס די פויערים האָבען געבראכט אויפ׳ן גלח, וואָס האָט געפּרעדיגט קעגען דעם אייביגען גהינום? דאָס איז דער ענטפער: אויב מיינע גלויביגע און טייערע אונטערטאנען אין טראוזענהאוזען ווילען זיין אויף אייביג פאראורטיילט, האב איך גאָרניט קעגען דעם“.

פאַר בייראָן׳ס לאנדסלייט איז געווען שרעקליך דאָס וואָס בייראָן ברייננט אין „דאָן זשואן“ אלס בעסטע מיטלען צו בארוהיגען די אויפגערעגטע נשמות — „אַלטע׳ רוהם אנז אויפריכטיגע רעליגיאָזיטעט“.

ער האָט פיינט געהאט גלחים. טרעלאוני ברייננט אָט דעם אויסדרוק זיינעם: „האָבען דען די גלחים אמאָל פאַרטיידיגט די געניאַלע מענשען. ווען איינער פון זייער שווארצער חברה וואַגט אמאָל צו דענקען, וואַרפט מען איהם ארויס, ווי דאָס האָט פּאַסירט מיט סטערנאָ און סוויפטען“. מאָר ברייננט פאָלגענדען ענטריסטעטען אויסרוף: „די נידערטרעכטיגע גלחים האָבען געבראכט דעם גלויבען מעהר שאַדען ווי אַלע ניט־גלויביגע צוזאמענגענומען“.

ניט קוקענדיג אויף זיינע שאַרפזיניגע וויצען און שאַרפע אַנפאַלען האָט ער שטענדיג געפיהלט א ניט זיכערהייט און איז ניט געווען פעסט אין זיינע איבערצייגונגען. ער האָט קיינמאָל זיך

ניט ערלויבט צו מאַכען אַן ענדגילטיגען שלום פון די מיינוגען, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגען פון זיינע געשפרעכען מיט שעלי'ן, און ער האָט ערלויבט צו ערציהען זיין קליינע, אומגעזעצליכע טאָכטער אין אַ מאָנאַסטיר אויס מורא, אַז שעלי'ס און זיין פרוי'ס פרייזיניגע געשפרעכען קענען נאָך האָבען אַ שלעכטע ווירקונג אויפ'ן קינד. פאָלגענדער כאַראַקטעריסטישער בריעף פון שעלי'ן דינט אַלס אַ באַווייז פאַר בייראָן'ס אונזיכערקייט:

„לאָרד בייראָן — שרייבט ער — האָט מיר איבערגעלייענט איין אָדער צוויי בריעף פון מאָר'ען, אין וועלכע מאָר רופט זיך אָפּ וועגען מיר זעהר פריינדליך, און איך פיהל מיך באמת געשמייכעלט מיט דער מיינונג פון אַ מענשען, וועמעס העכערקייט איבער מיר איך אָנערקען מיט שטאָלץ (!) נאָר מאָר, ווי עס זעהט אויס, האָט מורא אַז איך קען ווירקען אויף בייראָנען אין רעליגיעזען זין, און ער שרייבט צו דעם טאָן, אין וועלכען „קין" איז אָנגעשריבען צו'ן אָט דער ווירקונג... איך בעט אייך, פאַרזיכערען מאָר'ן, אַז איך האָב אין דעם זין קיין שום ווירקונג ניט געהאט אויף בייראָן'ען; ווען ניט וואָלט איך זיך באַמיהט אויסצוואָרצלען פון זיין נשמה אַלע רעליגיעזע אַבערגלויבענישען, וואָס, ניט קוקענדיג אויף זיין גרויסען פאַרשטאַנד, לעבען אָפט אין איהם אויף און ער האַלט זיי אָנגעגרייט אין דער טיפעניש פון זיין נשמה אין פאַל פון אַן אומגליק אָדער אַ קראַנקהייט. „קין" איז פאַרטראַכט געוואָרען מיט פיעל יאָהרען צוריק, און בייראָן האָט איהם אָנגעהויבען שרייבען נאָך איידער איך האָב זיך מיט איהם באַגעגענט אין ראַווען. ווי גליקליך וואָלט איך געווען ווען איך קען זיך צושרייבען כאָטש אַ אינדירעקטען אַנטייל אין אָט דעם אונשטערבליכען ווערק"!

אַזוי זעהן מיר, אַז בייראָן אַלס פריוואַט-פּערזאָן האָט ניט אויסגעאַרבייט אין זיך קיין פעסטע וועלט-אַנשויאונג. דערפאַר מאַכט עס אויף אונז נאָך אַ גרעסערען איינדרוק ווען מיר זעהן, אַז אין דער צייט פון זיין שאַפען שלעפט איהם זיין געניע מיט זיך מיט, מאַכט איהם גרויס און זיגרייך אין דער ענטוויקלונג פון זיינע געדאַנקען און לאָזט איהם טרעפען די ענטשיידענסטע פּונקטען און אַלערלייא שווערע פראַגען. ס'איז פאַרגעקומען אַן אמת'ע איבערקערעניש אין דער אייראָפּעאישער פּאָעזיע, וואָס איז פאַרזונקען

געוואָרען אין אבערגלויבענישען, ווען אין יאָהר 1821 איז ערשינען „קין“, וואָס האָט אין זיך געטראָגען די רעוואָלוציאָנערע בשורה. אָט דעם איינדרוק קען מען נאָר פארגלייכען מיט דעם איינדרוק, וואָס עס האָט געמאכט מיט 14 יאָהר שפּעטער שטראוס'עס ווערק „דאָס לעבען פון יעזוס“. ווערענדיג באַצויבערט פון'ם פרייען העלעניזם, האָבען די גרויסע דייטשע דיכטער ניט באַרירט מעהר די איבעריגע רעליגיעזע פראַגען און אין בייראָן'ס פערזאָן איז ארויסגעטראָטען א דיכטער, וואָס איז ניט געווען אזוי דורכגעדרונגען מיט דער פרייהייט, וואָס האָט זיך אָבער געפיהלט ווי א געפאנגענע ווילדע חיה אין דאָגמען — קעפּיג און שטארק ערשיטערט די שטאנגען פון אָט דעם קעפּיג.

„קין“ איז ניט אָנגעשריבען געוואָרען אין באַגייסטערונגס־טעמפּא. דאָס שטיק שטורעמט ניט און דונערט ניט. בייראָן האָט דאָ דערגרייכט דאָס, וואָס איז אזוי שווער פאר שטורמישע נשמות און וואָס דיענט אלס פארקערפּערונג פון דער מאָראַל: ער האָט קאָנצענטרירט זיין לייַדענשאַפט, ד. ה. ער האָט באַפרוכטעט איהר בלינדען לויף, וואָס רייסט זיך אין זיינע ציעללאָזע כוואַליעס. דאָס שטיק — איז א פרוכט פון א גריבלער. עס איז א רעזולטאַט פון א לאַנגזאַמען, טיעף־אריינדרינגענדען אַנאַליז, שפּרינגענדע דורכדרינגליכקייט, א דינאַמישען שאַרפזין און אַן אויפרייסענדע דענק־קראפט. אין ערגעץ פּאַסט ניט אזוי פאר בייראָן דער אויסדרוק, וועלכען געטע לאָזט איהם אין דער ראָלע פון עופאָריאָן אין דער צווייטער טייל פון „פאוסט“ זאָגען:

„דאָס לייכט־ערוואָרבענע עקעלט מיך אָפּ, דאָס שווער ערצוואונגענע באַגייסטערט מיך“.

אָבער די גאַנצע צושטערענדע, און דריקענדע גייסטעס־קראַפט, וואָס ווירקט דאָ, ווי עס קוקט אויס, אזוי איינגעהאַלטען, ווערט געבראַכט אין פולען שוואונג פון דער הייסער און גליהענדיגער פאַנטאַזיע און אין דער טיעפעניש ליעגט א נשמה, וואָס וויינט. בייראָנ'ען האָט געבראַכט נוצען זיין גלויבען ווי זיין אונגלויבען. מיט דער גאַנצער נאַאיוויטעט פון א דיכטער נעמט ער אויף די אַלטע לעגענדע, ווי זי ווערט דערצעהלט אין אַלטען טעסטאַמענט. ער קוקט אויף די פּערזאָנען פון דער לעגענדע ניט ווי

אויף קיין סימבאָלען, נאָר ווי אויף רעאַליסטישע ערשיינונגען, און טוענדיג דאָס האַנדעלט ער זעהר אויפריכטיג. שווער קומט עס איהם ניט אָן, ווארום אין זיין פּאָעטישער שאפונג באַוועגען זיך זיינע צווייפלען שטענדיג אין די גרעניצען פון דער טראַדיציע און פון איהר ציהעט ער זיינע באַשלוסען. אין דער זעלבער צייט איז ער אין זיין געדאַנק און גייסטיג לעבען אויך געווען אַלט־ביבליש. אינוועניג ביי איהם האָבען געברומט וועה געשרייען, ווי ביי איוב'ן, ווען זיינע פריינד האָבען איהם געטרייסט; אין זיין הארצען האָט טאָג און נאַכט שטיל געשריען די נקמה, ווי אין תהלים. „די העב־רעאישע מעלאָדיען" זיינען דער באַווייז דערפון, ווי שטאַרק עס פּאַסען זיך צו זיין שטימונג די טרויעריגע אידישע ליעדער, וואָסער א צוגאַנגליכע פאָרם זיי זיינען געווען פאַר זיינע געפיהלען.

ווערענד בייראָן איז מיט זיין גאַנצער נאַאיוויטעט איינשטי־מיג מיט דער טראַדיציע און ביז א געוויסער צייט ווארפט ער אונ־טער זיין פאַרשטאַנד אונטער איהר הערשאַפט, זעהן מיר ווי אין זיין פּאָעמע ליידט דער מענשליכער פאַרשטאַנד אונטער'ן טראַ־דיציאָנעלען דרוק, רעוואָלטירט קעגען איהם און וואָס עס מאכט דאָס בילד נאָך מעהר באַצויבערענד — אָט דער מענשליכער פאַר־שטאַנד איז יונג, ער איז ערשט ניט לאַנג געבוירען געוואָרען. אויף אַן אמת'ן דיכטער ווירקט דער זון־אויפגאַנג אַזוי שטאַרק, גלייך ווי ער זאָל עס זעהן אינ'ם ערשטען טאָג פון דער וועלט־באַשאַפונג; דערפאַר אטעמען ביי בייראָנען אַלע צווייפלען און אַלע פראַגען מיט אַזאַ פרישקייט, וואָס מען קען זיי גרינג אריינלעגען אין מויל אריין יעדען ערשטען מענשען, וואָס הויבט אָן צווייפלען און שטע־לען פראַגען.

אויב צו באַשאַפען אָט די ספקות און קלאַנגען האָט זיך גע־פאָדערט א גאַנצע רייהע פון מענשליכע דורות, וואָס האָבען גע־ליטען און געקרעכצט אונטערען יאָך פון לעבענס־גרויזאַמקייט און דעם אבסורד פון דער גע'ירש'ענטער מסורה. נאָר די טויזענדיעה־ריגע ליידען, די זיך אַלץ צעוואַקסענדע צרות, וואָס האָבען געפיי־ניגט דעם מענשליכען פאַרשטאַנד אויף דער פאַלטער־באַנק פון דעם גלויבען, ווערען דאָ ארויסגעזאָגט מיט די ווערטער פון אַן ער־

שטען מורד, ער זאָגט זיי אַרויס אַזוי אויפריכטיג און נאַאיוו, גלייך ווי די געדאַנקען־אַרבייט פון מיליאָנען וואָלט דאָ אָפּגעטאָן געוואָרען פון איין דענקענדען מח. דאָס איז דער ווידערשפּרוך וואָס איבעראַשט אויך צו אַלערערשט אין דיזער פּאָעמאַ.

אָט דער טייל פון דער דראַמע, אין וועלכער עס ווערען דער־קלערט טיילווייז די אינערליכע ווידערשפּרוכען פון דער אידיש־קריסטליכער טראַדיציע, און עס דעקען זיך טיילווייז אויף איהרע ווידערשפּרעכען מיט דער פאַרנונפט און אַלע אין איהר באַהאַל־טענע אָנפאַלען, האָט שוין פאַר אונז איצט אַ גאַנץ קנאַפּען אינ־טערעס.

די מענשהייט איז אַזוי וויים אַוועק פאָרוועדטס זייט דעם יאָהר 1821; די גאַנצע שאַרפזיניגקייט, וואָס האָט זיך געפאָדערט אויף צו צוקלאַפּען די טעאָלאָגיע פון משה'ס ערשטען בוך קומט אונז איצט פאָר ווי אַ קאַמף געגען דעם גלויבען פון גלגול נפשות.

אין דער אמת'ן שיינט עס נור, אַז אָט די אַלע אָנפאַלען דאַר־פען פאַרשטאַנען ווערען בוכשטעבליך. בייראָן, פאַרשטעהט זיך, האָט ניט געוואָלט גאָט לעסטערען אין זיין בוך, ער וויל ניט קריי־טיקירען דאָס וועזען, וואָס ער האַלט אַלס דאָס העכסטע, דאָס אַלץ־ארומכאַפּענדע. אין דער ווירקליכקייט, קעמפט „קין" נאָר קעגען דער איבערצייגונג, אַז די אָרדנונג פון דער נאַטור טראָגט אַ מאָ־ראַלישען כאַראַקטער, אַז דאָס גוטע, וואָס דאַרף זיין דער צוועק פון דער מענשהייט, איז איהר פאָראויסזעצונג.

מען דאַרף געדענקען, אַז די מענשליכע שפּראַך איז פול מיט ווערטער, וואָס די פאַרגאַנגענהייט האָט זיי געשאַפען און די צו־קונפט דאַרף זיי באַנוצען, — כאָטש זי טייטשט זיי אַנדערש אויס — דערפאַר וואָס די שפּראַך האָט ניט קיין אַנדערע; אַזעלכע ווערטער זיינען, צ. ב. ש., נשמה און קערפּער, אייביגקייט, גליק־זעליגקייט, גן־עדן, דער ערשטער נסיון, די ערשטע קללה, א. אז. וו., און בייראָן האָט אין זיין פּאָעמע באַנוצט די אַלע ווערטער פון משה'ס ערשטען בוך. ווייטער איבעראַשט אונז זיין דראַמע מיט אַ צווייטען ווידערשפּרוך, וואָס צווינגט אונז זיך צו פאַרטראַכטען: אַלע אַלטע טעאָלאָגישע און באַרבאַרישע ווערטער ווערען פון איהם אָפּגעהיט און דעריבער קומט פאָר אַ שטענדיגער קאַמף צווישען

דעם גייסט פון דער פּאָעמע און די אויסדריקען. דער צווייטער ווידערשפּרוך באַאונרוהיגט דעם לעזער, וואָס איז אויפגעוועקט געוואָרען פון זיין שלאָף דורכ׳ן ערשטען ווידערשפּרוך.*)

דער שילדערונג פון דער פליינקייט פון׳ם געוועהנליכען טעאיזם אין אָט דער דראַמע איז אַקעגען־צו־שטעלען דעם אויסדרוק פון׳ם אונענדליכען יאַמער איבער׳ן מענשליכען דאַזיין. עס איז ניט דאָס ליידיגע וואָרט פּעסימיזם, מיט וועלכען מען וויל דאָס באַצייכנען. עס האַנדעלט זיך וועגען דעם מענשליכען עלענד, וועלכען מען קען בשום אופן ניט פּטור ווערען.

אין בייראָן׳ס נשמה האָט זיך טיעפער, ווי די ביטערקייט קעגען דער וועלט־מאַכט, וואָס באַשאַפט נאָר אום צו חרוב מאַכען, איינגעגראָבען דאָס נויטווענדיגקייטס־געפיהל צו אַלצדינג און צו אַלעמען, וועגען זייער גרענצלאָזען ליידען צו וועלכע מען קען ניט העלפען, אָבער קען אויך ניט מיטפיהלען. „קין” — איז אַ טראַגעדיע, פון׳ם גרונד־טראַגישען, וואָס באַהאַנדעלט ווי אַ מענש ווערט געבוירען, ליידט, פאַרשולדיגט זיך און שטאַרבט.

---

*) רענאַן זאָגט וועגען דער טעמאַ: לאָמיר צולאָזען, אַז פאַר אונז, פילאָזאָפען, איז בעסער צו באַנוצען אַן אַנדער וואָרט, דאָך — אונאָפּהענגיג דערפון, וואָס אַן אַבסטראַקט וואָרט קען קיינמאָל ניט גענוי קלאָר אויסדריקען אַן אמת עקזיסטירענדע ערשיינונג — וואָלט אונז געווען זעהר אונבאַקוועם זיך אויסדריקען ניט מיט דער שפּראַך אויף וועלכער פּשוט׳ע שטערבליכע ריידען. אַזוי ווי צו דעם וואָרט גאָט באַציהט מען זיך מיט אַ יראת־הכבוד, ווייל עס האָט נאָך פון אַלטערטום געקראָגען די באַדייטונג און באַנוצט געוואָרען אין דער פּאָעזיע, איז אָפּזאָגען זיך דערפון וואָלט געהייסען מאַכען אַן איבערקערעניש אין דער געוואוינהייט פון דער שפּראַך. זאָגט צו פּשוט׳ע, מיטעלמעסיגע מענשען, אַז זיי דאַרפען זיך דערהויבען צום אמת, צו דער שענקייט און צום זיטליכען אידעל — וועלען די ווערטער ניט האָבען פאַר זיי קיין שום באַדייטונג. אָבער זאָגט זיי, אַז זיי דאַרפען ליעב האָבען גאָט, איהם ניט באַליידיגען און זיי וועלען אייך זעהר גוט פאַרשטעהן. גאָט, גייסט, אונשטערבליכקייט — דאָס זיינען אַלץ גוטע, אַלטע ווערטער, מעגליך, אַביסעל שווערפעליגע, וואָס די פילאָזאָפען מוזען זיי אויסטייטשען אין אַ ראַפינירטערען זין, נאָר קיינמאָל ניט פאַרבייטען מיט אַנדערע ווערטער. „עטיודען פון דער רעליגיעזער געשיכטע” ז. 418.

בייראָן מאָטיווירט די ביבלישע לעגענדע: אדם איז געצווימט, חוה — אונטערדריקט, הבל איז א גוטער און פאָלגזאַמער אינגעל; קין איז די יונגע מענשהייט, וואָס דענקט, פרעגט, באַגעהרט און פאָדערט. ער דאַרף זיך באַטייליגען אין די לויב־תפלות. נאָר פאַר וואָס דאַנקען און לויבען? — פאַר'ן לעבען? דאַרף איך דען שטאַרבען? פאַר'ן לעבען? — האָב איך דען געוואָלט לעבען? פאַר'ן לעבען? — בין איך דען נאָך אין גן־עדן? — פאַר וואָס לייד איך? פאַר אדמ'ס זינד? וואָס האָב איך צו טאָן מיט אדמ'ס זינד? פאַרוואָס האָט מען איהם געשטעלט צום נסיון צו באַגעהן א פאַרברעכען? צוליעב וואָס האָט מען דען באַשאַפען דעם בוים אויב ניט צוליעב איהם? פאַר וואָס האָט מען דעם שענסטען בוים פאַרזעצט אין מיטען גאָרטען נאָהענט צו איהם? פאַרוואָס דאַרף מען פאַרפיהרען די אומשולד, דורך אויפרייצונגען פון איהר ניי־געריגקייט? איז דאָס געווען גוט נאָר דערפאַר, וואָס גאָט האָט אזוי געוואָלט? איז דאָס דען אַן ענטפער?

קען דען דער גוטער באַשאַפען דאָס שלעכטע, און וואָס אַנדערש דען האָט ער באַשאַפען? און אויב דאָס שלעכטע פיהרט צום גוטען, פאַרוואָס־זשע זאָל מען גלייך ניט טאָן קיין גוטס? אין טויזענדער שלעכטע, אומגליקליכע וועזענס האָט ער זיך באַזעצט און דאָך איז ער גוט. ווי אזוי קען מען זיין גליקליך ווען מען האָט דאָס גליק נאָר פאַר זיך אַליין? און ער איז דאָך אַן איינציגער אומפאַרשטענדליכער, אומבאַזיגבאַרער טיראַן!

מיר זיינען גאָרניט קענגען איהם גוט! זאָל אזוי זיין! נאָר איך וויל יעדענפאַלס ניט אַרויסצייגען קיין צופריעדענהייט פון זיין נישטיגקייט, און וועל ניט זאָגען, אז איך בין צופריעדען פון זיינע ליידען! א קריעג פון אלע געגען אלע און געגען אַלע, און טוידט פאַר יעדען און קראַנקהייט פאַר דער מעהרהייט, און צרות און ליידען — דאָס זיינען די פרוכט פון דעם פאַרבאָטענעם בוים. איז ניט קלאָגליך דעם מענשענס מזל? נאָר איין גוטס האָט דער בוים פון גוטס און שלעכטס געגעבען: פאַרשטאַנד. נאָר קען מען דען שטאָלצירען מיט'ן פאַרשטאַנד, וואָס איז צוגעשמידט צו א קנעכטיש, זיך־בויגענדיגען קערפּער און צו די נידריגע באַדערפענישען פון א וועזען, פאַר וועלכען דאָס גרעסטע פאַרגעניגען איז

אַ זיסע זעלבסט - ערנידעריגונג, אַ שמוציגע פאַרבלענדעניש? ניט קיין גן־עדן נאָך דעם טוידט האָבען מיר באַקומען אַלס ירושה אויף אָט דער מיאוס'ער קליינער ערד, דער וואוינאָרט פון באַשעפענישען, פאַר וועמען עס וואָלט געווען דאָס גרעסטע גליק צו לעבען אומוויסענד אין עדן, פון וואַנען דאָס וויסען איז ארויסגעטריבען געוואָרען ווי א סם. און איצט דער געדאַנק, אַז אָט די לײדען וועלען זיך נאָך פאַרמעהרען און איבערגעהן בירושה! צו זעהען די ערשטע טרעהרען און מיט שרעק פאַרשטעהן, וואָסער אַ ים עס ווערט פון זיי! וואָלט דען ניט בעסער געווען צו שליידערען די קינדער אָן די שטיינער און זיי אוועק'הרג'ענען באַלד, אום אָפּצושטעלען דעם קוואַל פון ליידען אין סאַמע אָנהויב? וואָלט דען ניט געווען אונענדליך בעסער ווען דאָס קינד זאָל קיינמאָל ניט געווען געבוירען ווערען? ווי אַזוי ערלויבט מען זיך צו געבען לעבען צו אַזעלכע קינדער? און פאַר אַזאַ עקזיסטענץ דאַרף איך נאָך זינגען ליב געזאַנגען!

אַזאַ שטימונג כאַפּט אַרום קין'ס נשמה, ווען מען נויט איהם ברענגען אַ קרבן און דאָס האָט זיך אין איהם ענטוויקעלט פון לוציפער'ס רייד. ווארום לוציפער האָט פאַרגעצויגען די ליידען פאַר דער צביעות, וואָס ווערט באַגלייט פון הימנען. לוציפער איז ניט קיין שד. ער זאָגט אַליין: „ווער וואָלט געטאָן שלעכטס צוליעב שלעכטס? קיינער ניט." ער איז אויך ניט מעפיסטאָפעל; אויסער אפשר אַ געלעגענטליכען וויץ, איז ער זעהר ערנסט. ניין, אָט דער לוציפער איז ווירקליך אַן אויפקלערער, דער געניע פון דער וויסענשאַפט, דער שטאָלצער און געוואַגטער גייסט פון דער קריטיק, דער בעסטער מענשען־פריינד, וואָס פאַלט דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אַליין ניט געוואָלט ערנידעריגען און ליגען; ער שטעהט פעסט אין זיינע איבערצייגונגען, דערפאַר וואָס ער איז אייביג ווי זיין שונא. ער איז דער פרייהייט־גייסט. ס'איז זאָנדערבאַר עס צו זאָגען! ער איז ניט די פאַרקערפּערונג פון'ם קלאָרען און אָפּענעם קאַמף פאַר פרייהייט, נאָר די פאַרקערפּערונג פון יענער פרייהייט, וואָס באַגייסטערט די פאַרשווערער, וואָס געהט שטיל, פינסטער און געהיימניספול איבער די פאַרבאָטענע וועגען; יענע שטרעבונג צו פרייהייט, וואָס האָט אין יאָהר 1821 באַגייסטערט

אַלע יונגע פרייהייטס־ליבהאָבער, וואָס זיינען געווען פאַרצווייפעלט אין לעבען.

אין זיין בוך „גערעכטיגקייט אין דער רעוואָלוציע און אין קירך" שרייט פרודאָן אויס, זיך ווענדענדיג צום בישאָף בעזאַנסאָן:

„פרייהייט, דאָס איז אייער אַנטיכריסט! אָ, קום, שטן, וואָס ביסט פאַרלוימדעט פון די גלחים און מלכים; לאָז מיך דיך אַרומנעהמען, לאָז מיך דיך צופרעסען צו מיין האַרץ! דיינע טאַטען, אָ, מיין האַרצענס־געבענשטער, זיינען ניט שטענדיג שעהן און גוט; נאָר זיי געבען צו אַ פאַרשטענדניש דער וועלט. וואָס וואָלט געוואָרען פון דער גערעכטיגקייט אָהן דיר? — אַ אינסטינקט. און דער פאַרשטאַנד? — אַ געוואוינהייט. און דער מענש? — אַ חיה."

דער אָט דאָ פאַרשטאַנענער שטן איז ניט עפּעס אַנדערש ווי די פרייע קריטיק, און ווען בייראָן'ס פּאָעזיע וואָלט אָנגערופען געוואָרען „שטנ'דיגער" נאָכ'ן נאָמען פון'ם שטן, וואָלט זי זיך גאָר ניט באַדאַרפט שעהמען מיט אָט דעם נאָמען. מיט לוציפער'ס הילף איז „קין" געוואָרען אַ גייסטער־דראַמע: לוציפער פיהרט זיין תלמיד אַרום אומעטום אין'ם וועלט־רוים, ער ווייזט איהם אַלע וועלטען מיט זייערע איינוואוינער, דאָס קעניגרייך פון טויטע און די נאָך ניט געבוירענע דורות, וואָס ליגען אין די נעבלען פון דער צוקונפט. פון קין'ען פאָדערט ער ניט קיין בלינדען גלויבען, קיין בלינדע אונטערטעניגקייט. ער זאָגט ניט: אויב דו וועסט צווייפלען אין מיר וועסטו אומגעבראַכט ווערען; אָדער אויב דו וועסט גלויבען — וועסטו אויפגעריכט ווערען! ער שטעלט ניט דעם גלויבען אין זיך אַלס אַ באַדינגונג פאַר קין'ס רעטונג, און פאָדערט ניט קיין בוקען זיך פאַר איהם, און אויך ניט קיין דאַנקבאַרקייט. ער עפענט קין'ען אויף די אויגען.

און קין קומט ווידער אַראָפּ אויף דער ערד, און דער ערשטער קעמפּפער לאָזט איבער דעם ערשטען צוקונפטיגען מערדער אין איינזאַמקייט אַלס אַ קרבן פון דעם איהם פייניגענדען צווייפעל. ער דאַרף ברענגען אַ קרבן און ער מוז זיך אויסקלייבען אַ מזבח. וואָס איז פאַר איהם אַ מזבח? נאָר שטיינער און גראָז. ער, וואָס האַסט דאָס ליידען, וויל ניט הרג'ענען קיין אומשולדיג באַשעפעניש פאַר'ן כבוד פון דעם בלוט־דורשטיגען גאָט, ער ברענגט פרוכט

אויף זיין מזבח *) הבל איז מתפלל, און ער, קין, דארף אויך מתפלל זיין. וואָס זאָל ער זאָגען?

„גאָט, אויב דו ווילסט קרבנות פאַר זינד־פאַרגעבונג אָט איז מיינער! אויב דיר געפעלט בעסער בלוט, קענסטו עס האָבען אויף הבל׳ס מזבח. דער וואָס האָט געמאַכט דעם מזבח, איז אַזאַ ווי דו האָסט איהם באַשאַפען. ער וויל ניט עפּעס אַזעלכעס, וואָס מען קען דערגרייכען דורך בוקען זיך.״

דאָ פאַלט אַ דונער אויף הבל׳ס מזבח און דאָס הימעלשע פייער לעקט אָפּ דאָס בלוט פון דעם מזבח, ווערענד קין׳ס קרבן ווערט צו־זעעט פון דעם ווינד. האָט זיך אין דער אמת׳ען גאָט געפרעהט מיט דער מוטער׳ס ליידען, ווען מען האָט ביי זיי צוגענומען די שעפּע־לאַך, אום זיי צו דער׳הרג׳ענען? האָט ער זיך טאַקע אין אמת׳ן געפרעהט מיט די צרות פון דעם אומגליקליכען באַשעפעניש אונ־טער׳ן מעסער פון די גאָט׳ס גלויביגע מענשען? קין׳ס בלוט ברויזט אויף, ער וויל צעשטערען דעם מזבח, נאָר הבל לאָזט איהם ניט. — היט זיך, דיין גאָט האָט ליעב בלוט! און פאַרלירענדיג די מעגליכקייט צו דענקען אונטער דעם איינפלוס פון זיין טרויער, פון זיינע ליידען, פון זיין שיקזאַל, פאַלט קין אריין אין דער נעץ, וואָס גאָט האָט פאַר איהם פאַרשפּרייט, און ער באַגעהט דעם ער־שטען מאָרד, ניט וויסענדיג וואָס איז אַזוינס מאָרד און ברייננגט אריין אין דער מענשליכער וועלט דעם טוידט ווע[מ]עס נאָמען ווען ער איז באַקאַנט געוואָרען צו דער מענשהייט, האָט זי אריינגע־בראַכט אין אַ צושטאַנד פון שרעק. קין האָט חרטה נאָך איידער ער האָט אויסגעפיהרט זיין טאַט, ווארום קין, וואָס האָט ליעב יע־דען מענשען, ליעבט אויך מיט דער גאַנצער נשמה הבל׳ן. נאָך דעם פאָלגט דאָס פאַרשעלטען, די שטראָף, דאָס ארויסטרייבען און דער קין־צייכען.

קין׳ס צייכען איז דער צייכען פון דער גאַנצער מענשהייט: זייער צייכען פון ליידען און אומשטערבליכקייט. בייראָן׳ס דראַמע באַשרייבט דעם קאַמף צווישען דער ליידענדער און פאַרשענדער מענשהייט, פון איין זייט, און דעם גאָט פון די דונערען, פון די

*) דאָ זעהט מען קלאָר שעלי׳ס ווירקונג.

שטורמען און לעגיאָנען פון דער צווייטער זייט, ווענעם אָפּגע־שוואַכטע אָרעמס זיינען געצוואונגען זיך אויפצופּענען און געבען אַביסעל פרייהייט אַ וועלט, וואָס רייסט זיך אַרויס פון זיין אייזערנער הערשאַפט. אום צו פאַרטיליגען דעם טייל פון דער וועלט, וואָס לייקענט איהם אָפּ, באַפוילט ער דעם בלוט צו לויפען שטראָמענווייז, באַפוילט צו ברענען טויזענדער שייטער־הויפענס, וואָס זיינע גלחים צינדען אָן. אָבער קין קומט אַרויס אונבאַשעדיגט פון אונטער'ן אַש פון'ם שייטער הויפען און שלאָגט זיינע פּריסטער מיט אונשטערבליכער פאַראַכטונג. קין איז די דענקענדע מענשהייט, וואָס וועט אין איין שעהנעם טאָג צערייסען די אַלטע הימעל־דעק און דערזעהן ווי מיליאָנען וועלט־קערפּערס אין זייער פרייהייט, פליהען אין דער הויך איבער יהוה'ס דונערענדען וואַגען. קין — איז די אַרבייטענדע מענשהייט, וואָס שטרעבט מיט'ן שווייס פון איהר פּנים צו באַשאַפען אַ נייעם און בעסערען עדן, ניט קיין עדן פון אונוויסענהייט, נאָר בילדונג און האַרמאָניע, און וועט לעבען און צופרעסען צום האַרצען דעם צוריקקערענדען צום לעבען, הבל'ן, נאָך דעם ווי יהוה וועט שוין לאַנג ליגען פאַרנייט אין זיינע תכריכים.

„קין" איז געווען געווידמעט וואַלטער סקאָט'ען, וואָס האָט אויסגעפונען, אַז בייראָן'ס מוזע איז נאָך קיינמאָל ניט פאַרפלויגען אַזוי הויך. ער האָט פון אָנפאַנג אָן גענומען פאַרטיידיגען דעם דיכטער פון די מעגליכע אָנפאַלען. דאָך איז דאָס ערשיינען פון „קין'ן" אין ענגלאַנד פאַררעכענט געוואָרען ווי אַ נאַציאָנאַל אומגליק און אַלס אַזעלכעס האָט מען עס פּראָקלאַמירט. באַלד ווי ער האָט באַקומען דעם מאַנוסקריפּט, האָט מורעי זיך געווענדעט צום מחבר מיט אַ ביטע, ער זאָל מאַכען עטליכע ענדערונגען, נאָר בייראָן האָט געענטפערט:

„ביידע פלעצער קענען ניט געענדערט ווערען: איך וואָלט דאַמאָלס געמוזט לאָזען לוציפער'ן ריידען ווי דער בישאָף פון לינקאָלן, וואָס וואָלט ניט ענטשפּראָכען דעם כאַראַקטער פון'ם ערשטען".

באַלד נאָכ'ן ערשיינען איז דאָס בוך איבערגעדרוקט געוואָרען, און מורעי האָט זיך געווענדעט צו לאָרד עלדאָן מיט אַ ביטע, ער

זאָל וואָס גיכער באַשיצען זיין אייגענטום. מען האָט איהם אָפּגע־זאָגט מיט די ווערטער:

„דאָס געריכט באַשטעטיגט אין איינקלאַנג מיט די איבעריגע געריכטען פון דעם לאַנד, דאָס קריסטענטום איז דער יסוד פון אַלע ענגלישע געזעצען. אויף דעם שטיצט זיך אויך דאָס אייגענטום־רעכט פון׳ם ביכער־פאַרקויפער. נאָר דאָס פאַרליגענדער בוך, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע אָפּצולייקענען א טייל פון דער הייליגער שריפט, געהערט ניט צו די, פאַר וועמעס איבערדרוקען דאָס געריכט זאָל צו׳פסק׳ענען, אַז דער ארויסגעבער זאָל צוריק־קריגען זיינע פאַרלוסטען.“

אזוי ארום איז „קין“, ווי סאוטי׳ס „וואַט טיילער“ — ער־קלערט געוואָרען אַלס אַזאַ פאַרברעכעריש ווערק, וואָס קען אפילו ניט געשטיצט ווערען פון קיין אייגענטום־רעכט.

דערהוויל האָט מאָר געשריבען צו בייראָן׳ען:

„קין איז וואונדערבאַר, שרעקליך, וועט קיינמאָל ניט פאַרגע־סען ווערען. אויב איך מאַך ניט קיין טעות וועט ער טיעף אריינ־דרינגען אין האַרץ פון דער וועלט.“

די געשיכטע האָט דעם אורטייל באַשטעטיגט.

21

בייראָן — קאָמישער און טראַגישער רעאַליזם.

ווען דער שטראָם פון רייזענדע ענגלענדער האָט אין הערבסט 1816 ווידער אָנגעהויבען פאַרפלייצען שווייצאַריע, האָט בייראָן דאָרט מעהר ניט געקאָנט פאַרבלייבען און זיך געלאָזט מיט זיין יוגענד פריינד, האבהויזען, קיין איטאַליע. אין מיילאַנד האָט ער זיך געטראָפען מיט איינעם פון די מייסטערהאַפטסטע און איידעל־סטע בעאָבאַכטער פון זיין צייט, הענרי ביילע. אלס קלאָרער באַ־ווייז פון דעם אויסערגעוועהנליכען איינדרוק, וואָס בייראָנ׳ס פער־זענליכקייט האָט געמאכט, קען דיענען דער פאקט, וואָס ער האָט פון׳ם ערשטען בליק באַצויבערט אָט דעם מענשען, וואָס האָט זיך שטענדיג געהאלטען אזוי פאָרזיכטיג, אום ניט אונטערגעבען זיך דער ערשטער באַגייסטערונג; ער האָט אויך ניט ענטדעקט, וואָס אין בייראָן׳ס האַלטונג איז אָנגעצויגענס. ער זאָגט:

„איך האָב זיך באַגעגענט מיט בייראָנ׳ען אין טעאַטער לא סקאלא אין דער לאזשע פון׳ם מיניסטער דע־ברעב. מיך האָבען באַצויבערט זיינע אויגען אין דער צייט ווען ער האָט אויסגעהערט מעיערבער׳ס סעקסעט „העלענא". קיינמאָל אין מיין לעבען האָב איך ניט באַגעגענט עפעס מעהר פראַכטפולעס, מעהר איינדרוקפו־לעס. נאָך איצט שוועבט פאַר מיר דער קאָפּ יעדעס מאָל ווען איך טראכט, וואָסער אַן אויסדרוק דאַרף דער מאַהלער געבען דעם געניע. איך בין גלייך ענטציקט געוואָרען... איך וועל קיינמאָל ניט פאַר־געסען דעם געטליכען אויסדרוק פון זיין געזיכט; דאָס איז געווען א קלאָרער אויסדרוק פון מאַכט און געניאַליטעט."

פון מיילאַנד איז בייראָן אוועקגעפאָהרען קיין ווענעדיג, זיין באַליעבטע שטאָדט, וואָס ער האָט באַזונגען אינ׳ם פערטען ליעד

פון „טשאילד האראלד", אין „מארינא־פאליערי", אין „די צוויי פאסקארים" אין דער „אדע צו ווענעדיג", און, ענדליך, אין „בעפא", וואס ער האט דארט אנגעשריבען. ער איז נאך קיינמאל ניט געווען אין אזא געדריקטער שטימונג ווי דעמאלס, און נאך קיינמאל האט ער זיך ניט גענויטיגט אין אזא שטארקער מאס פון פארגעסענהייט. דער וואונדערבארער קלימאט פון איטאליע, איהר מערקווירדיגע לופט האבען צום ערשטען מאל אויף איהם א בלאז געטאן. ער איז אלט געווען 29 יאהר. מיט איהרע שעהנע פרויען, מיט די לייכטזיניגע מאנערען, מיט דעם גאנצען דרום'דיגען אופן פון לעבען, האט ווענעדיג איינגעלאדען צום פאר'שיכור'ען. א ברעננענדער פארלאנג נאך גליק און פארגעניגען איז געווען אין ביירא'נ'ס בלוט און זיין פיינדשאפט צו געזעלשאפט און דער פארלאנג צו טאן זיי צו־להכעיס האט דערגרייכט זיין אפאגעי. מען האט איהם דאך סיי ווי געהאלטען פאר פעהיג אויף א לעבען פון אויסשווייפונג. ער האט דערפאר באמת געקענט געבען זיינע רייזענדע לאנדסלייט מאטעריאל פאר בריעף אהיים, פון וואס אלטע זאלען דארפען פאלען אין חלשות; זיי האבען דאך אלצ'איינס געשריען און געפאלען אין אהנמאכט, וואס ער זאל ניט טאן!

דאס ערשטע, וואס בייראן האט געטאן ווען ער איז געקומען קיין ווענעדיג איז געווען צו קריגען א שיפעל, א שיפער, א לאזשע אין טעאטער און א געליעבטע. די לעצטע האט ער זעהר גיך געפונען. ער האט זיך באזעצט אין הויז פון א סוחר, וועמעס ווייב, מאריאנע סעגאטי, ער באשרייבט זי אלס אנטילאפ מיט גרויסע טונקעלע אויגען. זי און בייראן האבען זיך אזוי פארליעבט איינער אן צווייטען, אז בייראן האט געלאזט האבהויזען אליין אוועקפאהרען קיין רוים.

„איך וואלט מיט פארגעניגען מיט אייך מיטגעפאהרען — שרייבט ער — נאר איך בין פארליעבט און איך דארף אויסווארטען ביז וואנען דאס געפיהל וועט פאראיבער."

די יונגע פרוי האט איהם ארייננעצויגען אין אלע קארניוואלפארגעניגענס. ער האט געלעבט ווי אן אמת'ער ווענעציאנער, ער האט געטראכט גאנצע נעכט, אפגעהיט — אוים מורא, אז ער זאל ניט פעט ווערען — זיין שטענדיגע דיעטא, זיך געשפייזט ניט מיט

פלאַנצען און געמוזט טרינקען זיין באַליעבטען טרונק — ראָם מיט וואסער, אין גרויסע מאָסען, אום אויפצוהאַלטען זיין גייסטי־גען מוט, ווארום צו יענער צייט האָט ער פארענדיגט זיין „מאנ־פרעד". א טרויעריג בילד פון זיין דאַמאָלסדיגען צעלאָזען לעבען קען פאָרשטעלען דעם צושטאנד, וואָס ער פלעגט, אום צו באשאפען א קעגען־געוויכט פאר זיינע צערשטרייאונגען, יעדען טאָג פאר־ברענגען עטליכע שטונדען אין מאָנאַסטיר סאן־לאַדזאַרא, זיך לער־נענדיג ביי די מאָנאַכען די אַרמענישע שפראך, די אווענדען האָט ער פארבראַכט אין פיזישע איבונגען, נעמליך — פאָהרען רייט־טענדיג. ער, שעלי און אַנדערע פריינד האָבען זיך געלאָזט איבער־פיהרען אויף א שיפעל קיין לידאָ, און דאָרט האָט מען געהאַלטען אין איין ארומרייטען.

אן עראינערונג וועגען די געשפּרעכען מיט בייראָנ'ען אין דער צייט ווען זיי זיינען ארומגעפאָהרען רייטענדיג איז פארבליבען אין „יוליאַן און מאַדאַלאָ" פון שעלי'ן. בייראָן און שעלי האָבען דער־זעהן ביי א זון־אונטערגאנג א פארלאָזטען טורעם, וואָס האָט זיך געהויבען אויף איינעם פון די אינזלען, און זיך טרויעריג אויסגע־מאָלען אויף דעם פייער־פלאַמענדען הימעל. פלוצלינג האָבען זיי דערהערט א הייזעריגען גלאָקען קלאַנג:

„דאָס וואָס מיר זעהען — האָט בייראָן געזאָגט — איז א משוגעים־ הויז, און איצט איז די שטונדע, ווען דער גלאָק רופט זיי פון זייערע צעלען אויסהערען די אווענד־תפלה. דאָס איז א בילד פון אונזער ערדען־לעבען. אזוי ווי אָט דער אומעדיגעריגער און שרעקליכער גלאָק, אזוי דאַרף אונזער נשמה אין דער באַלויכטעניש פון דער זון טורם ארויסרופען מיט די קלאַנגען פון א גלאָק אונזערע געדאַנקען און שטרעבונגען, איינלאַדענדיג זיי זיך צונויפצונעמען ארום דעם צעקלאַפּטען הארצען און תפלה טאָן, ווי עס טוען אָט די משוגעים. — וועגען וואָס? זיי ווייסען אליין ניט."

קיין פארגלייך פארצייכענט ניט בעסער בייראָנ'ס לעבען אין יענעם פעריאָד. אָהן צווייפעל, אַז זיינע דעמאָלסדיגע שטרעבונ־גען און פארלאַנגען זיינען געווען עהנליך צו משוגעים, וועלכע עס רופט צונויף דער גלאָק פון דער משוגעים־הויז איינמאָל אין טאָג.

אין א פיבער פון דער אומגעזונדער ווענעציאנער לופט.

האָט ער מיט שווערקייט זיך צעשיידט מיט מאַריאַנע סעגאַטי, אום צו מאַכען אַ קליינע רייזע קיין פעררארא און רוים. נאָך זיין צו־ריקקעהר איז פאַרשוואונדען זיין שטאַרקע ליידענשאַפט צו איהר, ווארום בייראָן האָט אויסגעפונען, אַז זי האָט פאַרקויפט די מתנות וואָס ער האָט איהר געשענקט, ער האָט בכלל באַמערקט, אַז זי האָט געזוכט, אַז זיינע באַציהונגען צו איהר זאָלען איהר וואָס מעהר אריינברענגען. אין דער צייט פון זיין ערשטען באַזוך אין ווענעדיג האָט בייראָן זיך הויפּטזעכליך געפונען אין דער העכסטער געזעל־שאַפט, וואָס פלעגט מעהרסטענטיילס זיך פאַרזאַמלען אין דער הויז פון דער ליטעראַריש־געבילדעטער גראַפינע אַלבריצצי. איצט אָבער, האָט ער זיך אין גאַנצען דערווייטערט פון דער אַזוי גערופע־נער, הויכער געזעלשאַפט. ער האָט געדונגען פאַר זיך און פאַר זיין טהיר־גאָרטען אַ פּראַכטפולען שלאָס אויפ'ן גרויסען קאַנאַל; אָט דער שלאָס איז גיך פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ האַרעם, און זיין באַליעבטע סולטאַנשע אין איהם איז געוואָרען אַ יונגע פרוי פון דעם פשוט'ען פאָלק מאַרגאַריטע קאָני, וואָס איז געווען פאַר־הייראַט צו אַ בעקער, און דערפאַר געקראָגען ביי בייראָנ'ען דעם נאָמען פאָרנאַרינע אויף אַ גראַווירטען בילד, וואָס זיין פאַרלעגער האָט באַשטעלט אויפ'ן דיכטער'ס פאַרלאַנג. איהר געזיכט איז געווען פון דעם פּראַכטפולסטען ווענעציאַנישען טיפּ, איהר פיגור, מעגליך, אַביסעל צו גרויס, נאָר דאָך וואונדערבאַר און זעהר גע־פאַסט צו טראָגען אַ נאַציאָנאַלען קאָסטיום. זי האָט פאַרמאָגט די גאַנצע נאַאיוויטעט און פאַסירליכקייט פון ווענעציישע פאָלק'ס קינ־דער, און, אַזוי ווי זי האָט ניט געקאָנט ניט לייענען און ניט שריי־בען, האָט זי בייראָנ'ען ניט דערעסען מיט איהרע בריעף. זי איז געווען אייפערזיכטיג, האָט ארונטערגעריסען די מאַסקעס פון די געזיכטער פון די הויכע דאַמען, וועלכע זי האָט געטראָפען ביי בייר־ראָנ'ען, און איז געקומען צו איהם ווען עס האָט זיך איהר פאַר־גלוסט, ניט קוקענדיג אויף דער צייט, אויפ'ן אָרט, ניט אויף די מענשען, וואָס האָבען זיך דאַמאָלס אין הויז געפונען. אין איינעם פון זיינע בריעף שרייבט בייראָן וועגען אָט דער פרוי:

„ווען איך האָב זיך מיט איהר באַקאַנט בין איך געווען אין באַציהונגען מיט אַ פאָרנעהמער פרוי, וואָס איז געווען נאַריש גע־

נוג זי צו סטראַשען. מאַרגאַריטע, צערייצט, האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זי דאָס טיכעל און זיך אָפּגערופען אין פרייען פּראָסטען ווענעציאַניש: „איהר זייט ניט זיין פרוי, און איך בין ניט זיין פרוי. איהר זייט זיין געליעבטע, און איך בין זיין געליעבטע. אייער מאַן איז אַ נאַר און מיין מאַן איז אַ נאַר. וואָס־זשע פאַר אַ רעכט האָט איהר מיך צו באַליידיגען. בין איך דען שולדיג, וואָס איך געפעל איהם בעסער?"

נאָכדעם ווי זי איז פאַרטיג געוואָרען מיט אָט דעם מייסטערשטיק פון באַרעדזאַמקייט איז זי זיך אַוועק איהר וועג, איבערלאָזענדיג די דאַמע, נאָכצוקלעהרען איבער'ן אינהאַלט פון אָט די ווערטער. ענדליך האָט זי זיך אינגאַנצען איבערגעקליבען אין בייראָנ'ס הויז אַלס זיין הויז־פיהרערין. זי האָט איינגעפיהרט ביי איהם אַ שטרענגע אָרדנונג, פאַרקלענערט די אויסגאַבען, מעהר ווי אויף העלפט, און ארומגעשפּאַצירט איבער'ן הויף אין אַ קלייד מיט אַ שלייף און אין אַ הוט מיט אַ פעדער — לוקסוס זאכען, וואָס זי האָט שוין לאַנג נאָך זיי געגלוסט, — זי האָט געשלאָגען די דינסטען, אויפגעעפענט בייראָנ'ס בריעף, זיך אָנגעשטרענגט זיך אויסלערנען די בוכשטאַבען אום צו דערקענען צווישען זיי פרויען־בריעף. ניט קוקענדיג אויף איהר גאַנצער ניט איינגעצוימטקייט האָט זי איהם דאָך ליעב געהאַט; איהר פרייד, ווען זי פלעגט איהם דערזעהן זיך אומקעהרען אַהיים נאָך אַ געפעהרליכער רייזע איבער'ן ים, איז עהנליך געוועזן צו דער פרייד פון אַ טיגערין ווען זי געפינט איהר פאַרלוירען קינד, און ווען איהר שטאַרקע צורייצטקייט האָט געגויט בייראָנ'ען זי אַוועקשיקען האָט זי זיך געוואָרפען אויף איהם מיט אַ מעסער אין האַנד און איהם געוואָלט פאַרוואונדען; נאָר עס האָט זיך איהר ניט איינגעגעבען, און פון טרויער און פאַרצווייפלונג האָט זי זיך ביינאַכט אריינגעוואָרפען אין קאַנאַל אריין. מען האָט זי נאָך אין צייט ארויסגעשלעפּט און אַוועקגעשיקט אַהיים. בייראָן האָט אויספיהרליך באַשריבען איהר געשיכטע צו מורעי'ען, וויסענדיג גאַנץ גוט, אַז זיינע בריעף צום פאַרלעגער געהען ארום פון האַנד צו האַנד פונקט ווי דרוק זאַכען אָדער געזעלשאַפטליכע דאָקומענטען. דאָס פאַרגעניגען, וואָס זיינע אויפטהועכצען פלעגען איהם געבען איז נאָר געוועזן אַ העלפט,

אויב ער האָט ניט געקאנט מיט זיי ארויסרופען קיין כעס קעגען זיך אין ענגלאַנד.

פון דעם אויבענגעבראַכטען בריעף זעהען מיר, אז ער האָט זיך אינגאַנצען אריינגעטאָן אין דעם צולאָזטען ווענעציאַנישען לע־בען, און ער האָט געקאָנט אויף דעם קוקען נאָר פון דער קאָמישער אָדער פרעהליכער זייט. דאָס איז פאַר זיין ענטוויקלונג אלס דיכ־טער זיכער ניט פאַרלוירען געגאַנגען. אין צייט ווען זיינע פריינד אין דער היים זיינען געווען פאַרצווייפעלט איבער דעם, וואָס מיט זיין ארט לעבען שטעלט ער אין קאָן זיין ווערדע און ער פאַרלירט דאָס געזעלשאפטליכע צוטרויען, האָט זיך אין זיין פּאָעזיע ענטווי־קעלט א נייער רעאַליסטישער סטיל, אַ דאנק זיין צולאָזטען פרעה־ליכען קארנאוואל־לעבען צווישען פרויען פון דעם פשוט׳ען קלאַס און אונטער דער ווירקונג פון דער קאַכענדיגער זון פון איטאַליען. אין זיינע יוגענד־דיכטונגען, האָט ער טרויעריג, מיט א צוריסענעם פון אומעט הארץ, געמאָהלען דעם שטירמישען לויף פון לעבען. אין „בעפּאָ” טרעט פלוצלונג ארויס אויף דער סצענע אַ שטורעמדיגער פריהלינג־שטראָם. דאָס איז געווען דער רעאַליזם פון׳ם הומאָר, די ווירקליכקייט פון׳ם לעבען, אויסגעדריקט אין געלעכטער און וויץ. אין זיין פריהען פּאַטאָס באַמערקט זיך עטוואָס מאָנאָטאָנעס, אין א גרויסער מאָס פון מאַנירעוועז. דאָ אָבער האָט זיין געניע ארויפגעצויגען אַ נייע הויט, דאָס מאָנאָטאָנע איז פאַרשוואונדען געוואָרען דורך דעם אָפטען איבערטוישען פון די טעמעס און טאָנ־אַרטען, און דאָס מאַנירעוועז איז פאַרביטען געוואָרען פון אַן אמת׳ען, עהרליכען געלעכטער. אין זיינע פריהע סאַטירען האָבען זיך באַמערקט גרויסע מאָסען פון ביטערקייט און ווייניג גראַציע און פריעהליכקייט. איצט, ווען זיין אייגען לעבען האָט אַ שטיק צייט זיך געפונען אין קאַרנאַוואַל שמחות, זיינען די גראַציעס אליין גע־קומען, טאַנצענדיג און פלעכטענדיג אין זיינע ליעדער, וועהרענד די גלעקעלאַך פון הומאָר האָבען צוגעקלונגען אין טאַקט.

„בעפּפּאָ” איז דער פאַרקערפּערונג פון׳ם קאַרנאַוואַל אין ווע־נעדיג. — דאָס אלטע טעמא, וואָס בייראָן האָט, ווי פּאַגאַניני, גע־פונען אויף זיין וועג, אויפגעהויבען אויפ׳ן שפּיץ פון זיין געטליכען וויאָלין־בויגען, און באַשעהנט מיט אונצעהליגע געוואַגטע און גע־

ניאַלע וואַריאַציעס, מיט אַ פאַרשווענדערישער שטיקעריי פון פערעלדיגע און גאָלדענע אַראַבעסקען. ער האָט זיך גראַדע אין יענער צייט באַקענט מיט אַן ענגלישען קאָמישען געדיכט וועגען קעניג אַרטור און די ריטער פון׳ם קיילעכדיגען טיש, פון דיפּלאָמאַט דזשאָן פרערע, נאָך דער אומאַרבייטונג פון׳ם איטאַליענער בערני נאָך באָיאַרדאָ „דער רעש׳יגער ראָלאַנד". דאָס ערשטע געדיכט וואָס איז אָנגעשריבען געוואָרען מיט אָקטאַוועס. דאָס האָט אַרויסגערופען אַ פאַרלאַנג ביי בייראָנ׳ען אָנצושרייבען עפּעס עהנליכעס און פון דער נאַכמאַכונג איז באַשאַפען געוואָרען דאָס פריהער דערמאָנטע קינסטלערישע שפּאַסיגע ווערק, וועמעס פולע אָריגינאַליטעט פאַרניכטעט יעדע אָנדייטונג אויף אַ נאָכמאַכונג. דאָ האָט בייראָן געפונען אַ פאָרם, וואָס ער האָט געקאָנט באַנוצען, אַ געוועהר, וואָס איז פּאַסיג פאַר זיינע הענט: אַ אָקטאַווע מיט אַ דריי פערזיגען סעקסטעט, ביי וועלכען דער לעצטער פערז האָט אַמאָל אַ קאָמישען שטריך, אַ שפּאַס, אַ ווערטעל, אָדער אַזוי עפּעס אַ קלוגען וויץ.

וועגען וואָס דאָס געדיכט רעדט? וועגען אַזעלכע ניט־וויכטיגקייטען ווי „נאַמונא" פון אַלפרעד־דע־מוסע, אָדער „די טענצערין" פון פּאַלודאַן־מולער, וואָס איז מיט זעכצעהן יאָהר שפּעטער אָנגעשריבען געוואָרען אַלס נאָכמאַכונג נאָך דעם. (1833). עס לוינט זיך ניט צו רעדען וועגען דער האַנדלונג. אַ ווענעציאַנער פאָהרט אַוועק פון זיין ווייב און איז אַזוי לאַנג אַפּוועזענד, אַז זי דענקט, אַז ער איז שוין טוידט און איז שוין כמעט ווי פאַרהייראַט מיט אַן אַנדערען. ווען ער, — וואָס איז געווען פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט אין טערקיי — קעהרט זיך פּלוצלונג אום צוריק אַהיים און אָנגעטאָן ווי אַ טערק באַגעגענט ער זיין פרוי אויף אַ מאַסקאַראַד - באָל, געאַרעמט מיט דעם, וואָס האָט שוין לאַנג פאַרנומען זיין פּלאַץ. ער שטעהט ביז דער באַל ענדיגט זיך, ביי דער טיר פון זיין הויז, ווען דאָס פּאָרעל קומט אַרויס פון דער גאָנדאָלע. ווען די דריי קומען צו זיך נאָך דער ערשטער מינוט פון שטאַרקער איבעראַשונג, באַשטעלען זיי דריי קריגלעך קאַפע און עס פאַרבינדט זיך פאָלגענדער געשפּרעך. לאורא זאָגט: „אָ, גאָט, ווי דיין באָרד איז אויסגעוואַק־

סען! וואָס איז דיר איינגעפאַלען אזוי לאַנג צו זיין אפּוועזענד? דו ביזט אין אמת'ען געוואָרען א טערק? האָסטו שוין א האַרעם? און איז דאָס אמת, אז די טערקען עסען מיט די פינגער אנשטאט מיט גאָפּלען? אוי, וואָסער א פּראַכטפולען טיכעל דו טראָגסט ארום דיין קאָפּ? איך וועל עס קריגען, זיכער אזוי. און דו עסט שוין טאַקע מעהר ניט קיין חזיר?״ — דאָס איז די ערקלערונג וואָס איהר מאַן קריגט פון איהר; ער בלייבט דערמיט צופרידען און אנטלייהט ביי איהר קאוואַליער א פּאָר הויזען, ווארום ער קען ניט ארויסגעהן אין זיין קאסטיום; עס ענדיגט זיך מיט פולער האַרמאָניע. דאָס געדיכט אליין איז, אַן און פאַר זיך, פון צווייטען גראַד: דאָס האָט אָבער געדיענט פאַר בייראָנ'ען אלס א צוגרייטונגס־שול פאַר זיין „דאָן־זשואַן״ — דאָס איינציגע בייראָנ'ס ווערק, וואָס נעהמט אין זיך אריין א גאַנצען אָקעאַן פון דעם לעבען מיט זיינע שטורעמווינדען און זונען־ליכט, מיט זיינע אָפּלויפען און צושטראָמען.

בייראָנ'ס פריינד האָבען אָנגעווענדעט אַלע קרעפטען אום צוריקברענגען בייראָנ'ען קיין ענגלאַנד און איהם אָפּרייסען פון דעם לעבען, וואָס ער האָט געפיהרט אין איטאַליען; נאָר אומזיסט זיינען געווען אַלע צוריידונגען. אנשטאט זיך צוריקצוקעהרען האָט ער פאַרקויפט (פאַר 94.000 פ. סט.) זיין ניוסטעדישעס גוט, וועגען וועלכען ער האָט אין דער יוגענד געזאָגט, אז ער וועט זיך דערמיט קיינמאָל ניט שיידען, און אזוי ביי זיך באשלאָסען זיך מעהר אהיים ניט צוריקצוקעהרען, אז ער האָט מיט שרעק געטראַכט וועגען דעם, אז מען וועט איהם נאָכ'ן טויט ברענגען קיין ענגלאַנד.

ער שרייבט:

„איך האָף, אז קיינעם וועט ניט איינפאַלען מיך באַלזאַמירען, אום מיך אָפּפיהרען א היים. מיינע ביינער וועלען קיין רוהע ניט געפינען אויף קיין ענגלישען בית־עולם. און מיין שטויב קען זיך קיינמאָל ניט אויסמישען מיט'ן שטויב פון יענעם לאַנד. דער געדאַנק, אז איינער פון מיינע פריינד קען זיין אזא שלעכטער מענש, אז ער זאָל וועלען איבערפיהרען מיין קערפּער אין אונזער לאַנד קען מיך אריינברענגען אין משוגעת אפילו אויף מיין גסיסה־בעט.

איך וועל ביי זיך קיינמאָל ניט פועל'ן צו זיין די שפּייז אפילו פון אייערע ווערים".

דאָ איז עפּעס געשעהן, וואָס האָט אויף אַן אונפאַרגעזעהענעם אופן געמאַכט אַ סוף צו בייראָנ'ס פּאָליגאַמיע און געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג אויף זיין גאַנצען שפּעטערדיגען לעבען. אין אַפּריל 1819 איז בייראָן פאָרגעשטעלט געוואָרען אין געזעלשאַפט דער יונגער, זעכצעהן־יעהריגער גראַפינע טערעזא גוויטשיאָלי, (געבוי־רען גראַפינע גאַמבאַ) וואָס האָט ניט לאַנג חתונה מיט'ן עפּעס־עלטערען גראף גוויטשיאָלי, וואָס איז שוין צוויי מאָל געווען אַן אַלמן. די באַקאַנטשאַפט איז פאָרגעקומען קעגען דעם ווילען פון ביידע; די יונגע גראַפינע האָט זיך געפיהלט מיעד און האָט שוין געוואָלט פאָהרען אהיים, בייראָן האָט ניט געוואָלט קיין נייע באַ־קאַנטשאַפטען; ביידע האָבען זיך געלאָזט איינריידען פון דער בעל־הבית'טע. נאָר פון דער ערשטער מינוט, וואָס זיי האָבען זיך באַ־געגענט, איז אין זייערע הערצער אריינגעפאַלען אַ פונק, וואָס איז שוין מעהר ניט פאַרלאָשען געוואָרען. די גראַפינע האָט געזאָגט:

„זיינע וואונדערבאַרע שעהנע און עדעלע געזיכטס־שטריכען, דער קלאַנג פון זיין שטים, זיין וועזען און דער אומבאַשרייבליכער צויבער, וואָס האָט איהם ארומגערינגעלט, האָבען איהם געמאַכט פאַר אַן אָריגינעלער ערשיינונג, וואָס איז געשטאַנען העכער פון אַלץ, וואָס איך האָב ביז איצט אָנגעטראָפען. פון יענעם אבענד אָן האָבען מיר זיך יעדען טאָג געזעהן אין דער צייט פון מיין זיין אין ווענעדיג."

אין עטליכע וואָכען אַרום האָט טערעזא זיך געדאַרפט צוריק־קעהרען מיט איהר מאַן קיין ראַווענאַ. דאָס צושיידען זיך האָט זי אַזוי טיעף אויפגעטרייסעלט, אַז זי איז דעם ערשטען טאָג פינף מאָל געפאַלען אין חלשות און דערנאָך שטאַרק קראַנק געוואָרען, אַז מען האָט זי אַ האַלב־טויטע אהיים געבראַכט. צו דערזעלבער צייט האָט זי פאַרלוירען איהר מוטער. דער גראף האָט פאַרמאָגט אַ גאַנצע רייה שלעסער און גיטער צווישען ווענעדיג און ראַווענאַ, און פון יעדען פון אָט די ערטער האָט טערעזא געשיקט ליידענ־שאַפטליכע בריעף צו בייראָנ'ען, אין וועלכע זי האָט ארויסגעשרי־בען איהר פאַרצווייפלונג איבער דער צושיידונג און איהם געבעטען

קומען קיין ראַווענא. מערקווירדיג טרויעריג איז איהר באַשרייבונג פון איהר לעבען און געפיהלען, וואָס זי האָט באַשריבען באַלד נאָך איהר צוריקקעהר קיין ראַווענא. וועהרענד זי האָט פריהער געטרוימט וועגען באַלען און שמחות, יעצט זאָגט זי, האָט איהר ליעבע געמאַכט אַזאַ איבערקעהרעניש אין איהר גאַנצען וועזען, אַז זי מיידט אויס, נאָך בייראָנ'ס עצה, יעדע פאַרזאַמלונג און לעבט אין טיעפער איינזאַמקייט, זיך פאַרנעהמענדיג מיט לייענען, מוזיק, פאָהרען רייטענדיג און שטוב-באַלעבאַטישקייט. פון בענקשאַפט און טרויער איז זי געפעהרליך קראַנק געוואָרען: אַ מין קדחת האָט, ווי עס זעהט אויס, זי געהאַלטען אין איין באַפאַלען; עס האָבען זיך אויך באַוויזען סמנים פון שווינדזוכט. דאַמאָלס איז בייראָן צו איהר געקומען. ער האָט געטראָפען די גראַפינע, ליגענדיג אין בעט מיט אַ הוסט און מיט בלוט-שפּייען. עס האָט, ווירקליך אויסגעקוקט, אַז זי איז נאָהענט צום טויט. ער שרייבט:

„איך שרעק זיך זעהר, אַז זי איז קראַנק פון שווינדזוכט. אַזוי טרעפט שוין מיט יעדער זאַך, מיט יעדער פּערזענליכקייט, צו וועלבער איך הויב אָן פיהלען אַן אמת'ע צוגעבונדענקייט. אויב עס וועט מיט איהר טרעפען אַ אומגליק, — זיי געזונד, מיין האַרץ! דאָס איז מיין לעצטע ליעבע. יענע קליינע אויסשווייפונגען, צו וועלכע איך האָב זיך פריהער איבערגעגעבען און וועלכע האָבען מיר טויטליך דערעסען, האָבען כאָטש געבראַכט דעם נוץ, וואָס איך קען איצט פיהלען די ליעבע אין ריינסטען זינען פונ'ם וואָרט."

דעם גראַף'ס באַנעהמנוג צו דעם יונגען אויסלענדער האָט יעדען איבערראַשט. ער איז מיט איהם געווען זעהר העפליך, איז יעדען טאָג געקומען נאָך בייראָנ'ען אין זיין עקיפּאַזש, וואָס איז געווען געשפּאַנט מיט זעקס פערד. און נאָכ'ן דיכטער'ס רייד האָט ער זיך מיט איהם ארומגעפיהרט ווי „וויטינגטאָן מיט זיין קאַץ".

בייראָן האָט זיך געפיהלט גליקליך נעבען זיין געליעבטער; די געפיהלען פון זיין פריהער יוגענד האָבען זיך צו איהם אומגעקעהרט אַ דאַנק דיעזער איינציגער, פולער און געגענזייטיגער ליעבע. דאָס וואונדערבאַרע געדיכט „די סטאַנסען נאָך פּאָען", וואָס זאָגט עדות וועגען זיין טיעף און ריטערליך געפיהל און וואָס פאַרענדיגט זיך מיט'ן וואונש צו שטאַרבען אין דער יוגענד, איז די ער-

שטע פּרוכט פון אַט דער נייער ליידענשאַפט. ער האָט געליבט מיט דער ערענסטער ליבע, פון׳ם גאַנצען הארצען, ער האָט ליעב געהאַט ווי א אינגעל, ניט באַמיהענדיג זיך, איינצוצאַהמען זיין גע־פיהל אָדר זיך דערהויבען איבער דעם. ווען די גראַפינע האָט אין אויגוסט געמוזט, צוזאַמען מיט איהר מאַן, אוועקפאָהרען אין זיינע גיטער, פלעגט ביירא̇ן יעדען טאָג באַזוכען דאָס הויז פון זיין גע־ליעבטער, געהייסען אויפעפענען איהרע צימערען, געלייענט איהרע ליעבלינגס־ביכער און אויף זייערע ברעגען געמאַכט באַמערקונגען. אין איין עקזעמפּלאַר פון „קארנינע״ האָט מען געפונען אויפגע־שריבע די פאָלגענדע ווערטער:

„מיין געליעבטע טערעזא! איך האָב איבערגעלייענט דאָס בוך אין דיין גאָרטען. — מיין טייערע! דו ביסט דערביי ניט געוועזן, אז ניט וואָלט איך ניט געקאָנט לייענען. דאָס איז איינע פון דיינע באַליעבטע ביכער, און איהר מחבר איז מיינע א פריינדינע. דו קאָנסט ניט פארשטעהן אַט די ענגלישע ווערטער, און אנדערע ווע־לען זיי אויך ניט פארשטעהן — אַט פארוואָס איך האָב זיי ניט געשריבען אין איטאַליעניש. נאָר דו וועסט דערקענען די האנד־שריפט פון דעם, וואָס ליעבט דיך שטערבליך, און וועסט פאר־שטעהן, אז ער, זיצענדיג מיט איינעם פון דיינע ביכער, האָט נאָר געקאָנט טראַכטען וועגען ליעבע. אין דעם וואָרט, וואָס איז וואונ־דערבאַר שעהן אין אַלע שפראַכען, נאָר נאָך שעהנער אין דיין שפראַך, — Omar Mio קאָנצענטרירט זיך מיין לעבען איצט און אין דער צוקונפט... טראַכט אַמאָל וועגען מיר, ווען די אַלפען און דער ים וועלען אונז צושיידען, נאָר דאָס וועט קיינמאָל ניט גע־שעהן, סיידען דו וועסט עס אליין פארלאַנגען.״

מען דאַרף ניט פארגלייכען די אויסדרוקען מיט דעם אַפּשיעד־בריעף צו ליידי לעמב, אום צו פארשטעהן, אז איצט הערען מיר די שפראַך פון דער אמת׳ער ליעבע.

ווען דער גראַף איז אין סעפּטעמבער אוועקגעפאָהרען צוליעב געשעפט־זאַכען קיין ראַווענא, האָט ער ערלויבט זיין פרוי און ביי־ראָנ׳ען צו געניסען איינער דעם צווייטענ׳ס געזעלשאַפט אין באָ־לאָניען און נאַכהער פאָהרען צוזאַמען קיין ווענעדיג, וואו זיי האָ־בען געוואוינט אונטער איין דאַך אין ביירא̇נ׳ס ווילע לאַ־מירא. אַט

וואָס זי שרייבט אין א בריעף צו מורעי'ן נאָך בייראָן'ס טויט:

„נאָר איך קען זיך ניט אָפּשטעלען אויף די גליקליכע עראינע־רונגען — דער קאָנטראַסט מיט דער געגענוואַרט איז זעהר שרעק־ליך! ווען מען זאָל פון צווישען דעם גאַנצען גענוס פון הימעלישען גליק אראָפּלאָזען אויף דער ערד אַ גליקליכען מענשען און מען זאָל איהם צווינגען צו איבערלעבען אלע איהרע צרות — וואָלטען זיינע ליידען ניט געקאָנט זיין קיין גרעסערע, ווי די, וואָס איך האָב גע־פיהלט, ווען מיינע אויערען האָבען דערהערט דאָס שרעקליכע וואָרט און איך האָב אויף אייביג פאַרלוירען די האָפנונג צו זעהן דעם, וועמעס איין בליק איז פאַר מיר מעהר ווערטה געוועזן, ווי דאָס גאַנצע גליק פון דער ערד."

די יונגע פרוי, וועמען די וועלט דאַרף דאַנקבאר זיין דערפאַר, וואָס בייראָן איז אינגאַנצען ניט אומגעקומען פון אונווירדיגע צע־שטרייאונגען, האָט זיך אויף שטענדיג קאָמפּראָמעטירט, ווען זי האָט זיך באַזעצט אין זיין ווילע. דער דאַמאַלסדיגער איטאַליעני־שער מאָראַלישער קאָדעקס, ווי עס איז פּראַכטפול באשריבען אין סטענדאַל'ס איטאַליענישע ערצעהלונגען, האָט ערלויבט אַ יונגע פרוי צו האָבען א פריינד Amica און ער האָט זיך אפילו גע־רעכענט ווי אן אייגענער מאַן, נאָר מיט איין באַדינג, אַז די אויס־סערליכע פאָרם זאָל זיין אָפּגעהיט — און זי האָט ניט געפאָלגט.

ניט די לייכטזיניגקייט האָט זי באַוועגט צו אונטערפאלען אונטער די פאַרלוימדונגען פון דער געזעלשאַפטליכער מיינונג, נאָר דאָס וואָס זי האָט געזעהן איהרע באַציהונגען צו בייראָנ'ען אין פּאָעטישען ליכט. זי האָט עס געהאַלטען פאַר איהר לעבענס־אויפ־גאַבע — מיט דער קראַפט פון איהר ליעבע צו באַפרייען דעם טאַ־לאַנטפולען דיכטער פון די ניט־פּאַסיגע נעצען, וואָס האָבען איהם געפאַנגען, און איהם אומקעהרען דאָס גלויבען אין א ריינער, זיך־אָפּפערענדער ליעבע. זי האָט געהאָפט צו ווירקען אויף איהם ווי אַ מוזע. זי איז געווען זעהר יונג און אויסערגעוועהנליך שעהן. זי איז געווען אַ העל־בלאָנדינקע מיט טונקעלע אויגען, ניט קיין הויכע, נאָר מיט א וואונדערבארער פיגור. דער אַמעריקאנער מאה־לער וועסט, וואָס האָט אויף דער ווילע ראָסא ביי פּיזא געמאָהלען בייראָנ'ס בילד, האָט זי אזוי באשריבען:

„אין דער צייט ווען איך האָב געמאָהלען איז דאָס פענסטער, דורך וועלכען איך פלעג באַקומען די שיין, פלוצלונג טונקעל גע־וואָרען, און איך האָב דערהערט אַ קול: E troppo Bella (ער איז זעהר שעהן!) איך האָב זיך אויסגעדרעהט און דערזעהן אַ שעהנע, יונגע פרוי, וואָס האָט זיך אָנגעבויגען צום פענסטער אום אַ קוק צו טון אויף דעם בילד, ווארום דאָס פענסטער איז געווען ביי דער ערד. איהרע לאַנגע, גאָלדענע האָר זיינען אַראָפּגעפאַלען אויף איהר פנים און פּלייצע, איהר פיגור, איז געווען פּראַכטפול און איהר שמייכעל האָט צוגעגעבען נאָך מעהר שעהנקייט צו דעם ראָמאַנטישסטען קעפּעל, וואָס איך האָב ווען אין מיין לעבען גע־זעהן, — צוממייסטען אין דער מינוט, ווען זי האָט זיך מיר באַווי־זען אין דעם גלאַנץ פון'ם זונען־ליכט, וואָס איז געפאַלען אויף איהר פון אונטען."

פונקט ווי ס'איז געווען און געדאַרפט זיין וויכטיג פאַר דער גראַפינע, מען זאָל זי ניט האַלטען פאַר איינער פון דער גרויסער צאָהל פון בייראָנ'ס געליעבטע, אַזוי האָט זי אויך געוואָלט דערהויבען זיין פּאָעזיע, זי אויפהויבענדיג צו דער העכערער און ריינערער אַטמאָספעריע, ווי די, צווישען וועלכער זי האָט זיך ביז איצט גע־פונען.

איין אבענד, ווען בייראָן האָט, זיצענדיג, געבלעטערט דאָס מאַנוסקריפּט פון „דאָן זשואַן", וועמענס ערשטע צוויי ליעדער זיי־נען אָנגעשריבען געוואָרען נאָך פאַר דער באַקאַנטשאַפט מיט דער גראַפינע, איז זי צוגעגאַנגען צו איהם און אָנבויגענדיג זיך פון אונ־טען אויף זיין בענקעל האָט זי געפרעגט, וואָס באַדייט דער פּלאַץ, ביז וואַנען ער האָט אָפּגעלייענט? דאָס איז געווען אַקוראַט די 137טע שורה פון'ם ערשטען ליעד, און בייראָן האָט געענטפערט אין איטאַליעניש: „דיין מאַן געהט". „אָ, גאָט, ער געהט!" האָט די גראַפינע אויסגעשריען און האָט אָפּגעטראָטען מיט שרעק: זי האָט געדענקט, אַז ער רעדט וועגען איהר מאַן. די פּאַסירונג האָט ביי איהר דערוועקט אַ פאַרלאַנג זיך באַקענען מיט „דאָן זשואַן", נאָר ווען זי האָט איבערגעלייענט אין פראַנצויזישער איבערזעצונג די ערשטע צוויי ליעדער, האָט זי אָנגעהויבען בעטען בייראָנ'ען, אַז ער זאָל ניט פאָרזעצען מעהר די פּאָעמע, ווארום דער

ציגישער אינהאלט האָט זי פּשוט דערשראָקען. ער האָט איהר באַלד פאַרשפּראָכען אַלץ, וואָס זי האָט פאַרלאַנגט. דאָס איז געווען די ערשטע אונמיטעלבארע ווירקונג, וואָס די גראַפינע גוויטשיאָלי האָט געהאַט אויף בייראָן׳ס שאַפונג, — פאַרשטעהט זיך, דאָס מאָל ווייט ניט קיין גוטע! — זי האָט באַלד גענומען איהר פאַרבאָט צוריק, נאָר מיט איין באַדינג, אַז אין די איבעריגע טיילען פון דער פּאָעמע זאָל ניט זיין מעהר קיין אונאַנשטענדיגעס. זייער צוזאַמענלעבען האָט זיך זעהר גיך געלאָזט פיהלען אין דער לאַנגער רייהע פון די שענע און פעסט־שטעהענדע דענקמאַלען אין די ווערק, וואָס זיינען זינט דאַמאַלס ארויס פון אונטער בייראָן׳ס פעדער. יענער מיטעל, מיט וועמעס הילף עס ווערט אין „דאָן זשואַן" ארונטערגעריסען דער שלייער פון אַלע אילוזיעס, דאָס אומברחמנות׳דיגע אָפּלאַכען פון אַלערליי סענטימענטען, האָבען באַליידיגט די גראַפינע אַלס אַ פרוי, ווארום די פרויען זיינען ניט גערען אַראָפּצוּווארפען דעם לעצטען שלייער פון די אילוזיעס, וועלכע, ווען זיי עקזיסטירען, פאַרשענערען דאָס לעבען.

אויב די גראַפינע האָט מיט אַלע מעגליכקייטען אָפּגעריסען בייראָן׳ען פון אַזעלכע ווערק, וואָס צעשטערען דעם גלויבען אין מענשען און אין דער באַדייטונג פון דעם מענשליכען לעבען, האָט זי, מיט דער ניינונג, וואָס איהר ראָמאַנטישע נאַטור האָט פאַרמאָגט צו אַלעם ערהאַבענעם און ווי אַ ליידענשאַפטליכע איטאַליענישע פּאַטריאָטקע באַגייסטערט איהר געליעבטען פאַר אַזעלכע סוזשעטען, וואָס זאָלען קענען דערהויבען דעם גייסט פון איהר פאָלק, און דערוועקען אין זיי אַ באַגייסטערט געפיהל צו באַפרייען זייער לאַנד פון אונטער דעם פרעמדען יאָך. אויף איהר פאַרלאַנג האָט בייראָן אָנגעשריבען „דאַנטעס נבואה", איבערגעזעצט די באַריהמטע ליעד פון פּעטראַרקע׳ן וועגען פראַנטשעסקאַ רימיני׳ס ליעבע; אונטער איהר ווירקונג האָט ער פאַרפאַסט אַ דראַמאַ „מאַרינאָ פאַלערי" און „פאַרקארי". כאָטש די דראַמען זיינען געשריבען אין ענגליש, אָבער מיט׳ן סטיל און מיט׳ן אינהאלט נעהערען זיי ניכער צו דער ראָמאַנישער, איידער צו דער ענגלישער ליטעראַטור, פונקט ווי זיי פּאַסען זיך ניכער צו דער איטאַליענישער, איידער צו דער ענגלישער ביהנע. דאָס זיינען ליידענשאַפט-

ליכע פּאָליטיש־טענדענציעזע פּיעסען, וואָס זיינען אָנגעשריבען געוואָרן מיט'ן צוועק מיט שטאַרקסטע ווירקונגס־מיטעל אויפצופלאַקערן די פאַרשלאָפענע פּאַטריאָטען פון איטאַליע און זיי צווינגען זיך אויפהויבען ווי איין מענש קעגען זייערע אונטערדריקער. זיי זיינען זעהר סצעניש. אויסער דעם, אונטער דעם ערשטען איינדרוק פון זיין ליעבע צו דער גרעפינע, האָט בייראָן אָנגעשריבען „מאַזעפּאַ" וועמעס געליעבטע טראָגט איהר נאָמען; חוץ דעם איז איהר פּערזענליכקייט דירעקט פאַרקערפּערט אין די צוויי שענסטע און בעסטע פרויען פיגורען, וואָס בייראָן האָט געשאַפען אין יענער פּעריאָדע: אַדע אין „קין" און מירא אין „סאַרדאַנאַפּאַל".

אין דער גרעפינע גוויטשיאָלי האָט בייראָן געזעהען פאַרווירקליכט אַט דאָס פרויען־אידעאַל, וואָס האָט איהם פון תמיד אָן פאַרגעשוועבט, נאָר וואָס ער האָט ניט געקאָנט ריכטיג אויפמאָלען אין זיינע ערשטע פּאָעטישע ערצעהלונגען. ער האָט זיך אַמאָל אליין נאַאיוו מודה געווען פאַר ליידי בלעסינגטאָן אין זיינע שוועריגקייטען, וואָס ער טרעפט דערביי און איהר דערצעהלט די מיטעל, מיט וועלכער הילף ער האָט געשאַפען זיינע אידעאַלען:

„איך האָב זעהר ליעב קאָרפּולענטע פרויען — האָט ער געזאָגט — נאָר זיי האָבען ניט קיין שעהנע, בויגיגע פינגער, וואָס זאָל ענטשפּרעכען דעם פרויען־אידעאַל; זעלבסט־פאַרשטענדליך, אַז איך האָב געמוזט זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס איך האָב אין דער פאַנטאַזיע זיך געמאָלען פרויען און יונגע מיידלעך, וואָס פאַראייניגען אין זיך דאָס, וואָס געוועהנליך באַגעגענט עס זיך באַזונדער. ווייטער האָב איך ליעב פּשוט'ע, ניט קיין געקינסטעלטע פרויען, נאָר על פּי רוב, זיינען זיי ניט געבילדעט און זיינען ניט באַקאַנט מיט דער פאָרמע פון פיינעם אַנשטאַנד. די פיינע און געבילדעטע פרויען ווידער זיינען ניט נאַטירליך. דערפאַר האָב איך באַשלאָסען צו מאָלען גריכישע מיידלעך, וואָס פאַראייניגען די אומבאַוואוסטע גראַציע און נאַאיוויטעט מיט דער העכסטער איינגעבוירענער פרייהייט פון געדאַנקען און געפיהלען".

־ער געמיש, וואָס האָט זיך דערפון באַקומען, איז געווען אויף אַזוי פיעל אוממעגליך, אויף וויפיעל עס איז געווען שעהן; עס האָט כמעט ניט געטראָגען דעם שטעמפּעל פון ווירקליכקייט און

אין דער הינזיכט האָט עס ענטשפּראָכען דעם כאַראַקטער פון יענע העלדען, פאַר וועמען אַט די פרויען פלעגען זיך בויגען.

אַלע עפּישע קאָמפּאָזיציעס פון בייראָן פון „גיאורא“ ביז דער „באַלאַגערונג פון קאָרינט“ זיינען ריינע ראָמאַנטישע ווערק, נאָר מיט אַ שטאַרק פּערזענליכען שטעמפּעל. די ליידענשאַפט ביי ביידע געשלעכטער ווערט פאַרגעטערט. אַט די העלדען, — באַנונדע צענדיג אַן אויסדרוק פון „גיאורא“ — זיינען ברוך־שטיק פון אַ שיף־קאַטאַסטראָפע, אומגעקומען אַ דאַנק דער ליידענשאַפט, נאָר זיי האָבען פאַרגעצויגען בעסער צו לעבען צווישען שטורעם־ווינטען, איידער אין דער דומפּער שטילקייט. זיי האָבען ניט ליעב מיט דער קאַלטער ליעבע, וואָס וואַקסט אין די קאַלטע קלימאַטען, נאָר זייערע הערצער שיקען אַ „לאַווא און אַ פלאַם“. דער אויסגעצייכענטסטער פון אַלע בייראָן'ס אַלט געוואָרענע העלדען, איז דער ים־מערדער „קאָרסאַר“, וועלכער איז שטאָלץ, קאַפּריז, פיעל מיט פאַראַכטונג צו דער מענשהייט, ראַכעזיכטיג ביז צו גרויזאַמקייט, צוריסען פון געוויסענביסען און אין דער זעלבער צייט איז ער אַזוי איידעל און הויכ־האַרציג, אַז ער ציהט פאַר בעסער אויסצושטעהן די ערגסטע באַרבאַרישע ליידען, איידער דער'הרג'ענען אַ שלאָפענדען שונא. דער אינטערעסאַנטער באַנדיט מיט דעם געהיימניספולען געזיכט, מיט דער טעאַטראַלישער מאַנערא זיך צו האַלטען און מיט גרענעצלאָזער ריטערליכער ליעבליכקייט אין באַצוג צו פרויען, איז דער בייראָן'ישער פּענדאַנט צו שילער'ס קאַרל מאָר. פאַר'ן מאַן־אידעאַל וואָס בייראָן האָט געמאָלען, האָט ניט געפּאַסט דער קעניג פון דעם לאַנד, וואו עס הערשען געזעצען, — אַ קעניג, וואָס איז אַרומגערינגעלט מיט הויפישער דיסציפּלין, אַזאַ קעניג פאַרמאָגט ווייניג ריטערליכע ראָמאַנטישע טאַטען, אַ פרייע לופט פון ברעגען און ים'ען. און אַט האָט בייראָן גענומען אַ ים־קעניג, אַ פּיראַט, און די אייגענשאַפטען פון זיין פּראָפּעסיע האָט ער פאַרבונדען מיט די איידעלסטע אייגענשאַפטען פון זיין אייגענער נשמה. קאָרסאַר, וואָס איז געוואוינט זיך באָדען אין בלוט, טרעט אָפּ מיט שרעק פאַר דער יונגער סולטאַנשע, וואָס ער ליעבט, ווען ער זעהט אויף איהר שטערען אַ קליינעם בלוטיגען פלעק — ניט דערפאַר וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען קאָרסאַר'ן ווי ער ציטערט

פאר אזעלכע קליינינקייטען, נאר דערפאר וואס בייראן אליין וואלט פארציטערט געווארען פון אזא זאך. מיט איין ווארט, אלע בייראן'ס העלדען און העלדין'ס וואס ער האט געמאלען אין דער יוגענד, זיינען געווארען אזוי פאפולער ביים פאלק, ווארום — ווי אימיצער האט באמערקט וועגען זיי — זיי באוועגען זיך שטענדיג אין אזא אטמאספערע, מיט וועלכער זיי האבען קיין געמיינשאפטליכעם נית. דאס פובליקום ווערט אזוי באצויבערט פון די פלאמענדע ליידענשאפטען אין די לירישע טיילען און איינצעלנע (כמעט שטענדיג ערשט אריינגעשטעלט אין דער קארעקטור) פאעטישע פערלען, וויפיעל פון די ניט־אמת'ע האנדלונגען, וואס ווידערשפרעכען דער מענשליכער נאטור. דאס איז געווען א באוואונדערונג פון דעם סארט, וואס מען ווייזט ארויס א געוואגטען אקראבאט, וואס באווייזט האלז־ברעכערישע קונצען פון אוננאטירליכע קערפער־באוועגונגען.

נאר איינציגע שטריכען פון די העלדען דרינגען אריין אין דער סאמע טיעפקייט פון בייראן'ס אידעאל, וואס ווערט אויסגעדריקט. קארסארס עקשנות אין דער צייט פון זיינע ליידען דערצעהלט אונז אויך וויסען וועגען מאנפרעד'ס עקשנות; ער זאגט זיך אפ פון צו שטעלען זיך אויף די קניעס, פונקט ווי קין זאגט זיך אפ צו קניהען פאר לוציפער'ן, אדער דאן זשואן פאר גולבעיאזען. דער רחמנות צו מענשען פון נידעריגערען קלאס, וואס איז קיינמאל ניט אפגעטראטען פון בייראן'ס נשמה, ערשיינט שוין ביי לאוכען, כאטש אפט מאל אין דעם געשטאלט פון „פיינדשאפט צו די הערען", אין די שטרעבונג צו באפרייען גריכענלאנד באמערקט זיך אין „גאורען" ווי אין דער „באלאגערונג פון קארינס". עס איז מערקווירדיג וואס בייראן אליין האט געענדיגט זיין לעבען אלס קאמאנדיר פון א פאלק פוןווילדע מענשען, אין דעם גייסט פון די, וועלכע ער האט באזונגען. דאס בלוט פון די וויקינגען, וואס רינט אין זיינע אדערען לאזט איהם ניט רוהען, ביז וואנען ער ווערט ניט אליין דער קעניג פון די וויקינגען, ווי יענע נארמאנען פון וועלכע ער שטאמט. און כאטש די אלע דעספאראדען (אי דער רענעגאט וואס פיהרט די טערקען געגען זייערע אייגענע ברידער, אי לארע וואס האלט אין איין קעמפען מיט די מיטגלידער פון זיין קלאס) —

זיינען געשטאַלטען, פון דעם דיכטער׳ס פאַנטאַזיע, געהט דאָך אין זיי אַלע דורך איין גרונד־דעאַלער שטריך, וואָס הערשט אויך אין די אַלע, וואָס באַלאַנגען צו זיי: „דער רעאַליזם פון דעם טראַ־גישען". דער הומאָר אין „בעפּאַ" שטעלט מיט זיך פאָר יענע פאָרמע, אין וועלכער די אויפריכטיגקייט צו דער נאַטור שטייגט איבער דעם טעאַטראַלישען עלעמענט און די נעקינסטעלקייט פון זיינע זעהר יונגע ווערק. דאָס מיטגעפיהל פאַר דעם מענשליכען ליידען, וואָס פאַרשלינגט אין בייראָן׳ס פּאַטעטישער פּאָעזיע דעם אינטערעס פאַר אַלעם אנדערע, אָט דאָס געפיהל איז די פאָרם, אין וועלכער דאָס געפיהל פון לעבענס וויכטיגקייט שאַפט אָפּ אַלעס ראָמאַנטישע.

אָט דער געדאנק איז געוואָרען, נאָך דאָס צערייסען מיט ענג־לאַנד, מעהר שאַרף און אמת׳דיג, ווי ווען ס׳ניט איז פריהער. אין „דעם געפאַנגענער פון שילאָן" ווערט באַשריבען די ליידען, וואָס דער איידעלמוטיגער גאַניוואַר האָט איבערגעטראָגען, וואָס האָט אָפּגעלעבט זעקס יאָהר זייענדיג צוגעבונדען צו א סלופּ אויף אַזאַ קורצער קייט, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט לייגען אויף דער ערד, בעת זיינע ברידער, וואָס זיינען אויך אַזוי געווען צוגעבונדען ווי ער, צו די נאָהענטע סלופּעס, זיינען אויסגעגאַנגען און ער האָט ניט געקאָנט זיי אויסשטרעקען זיין האַנד, אום זיי צו העלפען. איצט איז ערשיענען „מאַזעפּאַ" וואָס איז אָנגעשריבען אין דעם זעלבען גייסט: א אינגעל איז צוגעבונדען צו דעם רוקען פון א ווילדען פערד, וואָס טראָגט זיך מיט א צעלאַזענער גריווע און רויכערדיגע פון פאַרע זייטען איבער סטעפּעס און וועלדער, און דער אינגעל, מיט די ליידען פון דער פאַרגאַנגענהייט און מיט א שרעק פאַר דער צוקונפט, און וואָס איז אָפּגעריסען פון זיין געליעבטער, ווערט שרעקליך געפייניגט פון דאַרשט, פון וואונדען און בזיון. ביז איצט האָט בייראָן אויסגעקליבען די שרעקליכסטע פיזישע ליידען; אַפילו דאָרט, וואו די ליידען, ווי ביי באָנוואַרען, קומען פון דער גייסטיגער זייט, און דער סוזשעט האָט געגעבען א מעגליכקייט צו שאַפען א העלדישע פערזענליכקייט — האָט ער פאָרגעצויגען דאָס אָפּשטעלען זיך אויף דער באַשרייבונג פון די ריין־פיזישע ליידען. יעצט אָבער, ווען ביי איהם האָט זיך דערוועקט א רחמנות צו די

גרויסע מאַרטירער פון איטאַליע, איז זיין בליק אויף דעם טראַגי־שען געאַיידעלט געוואָרען.

אין „דאַנטע'ס נביאות" באַשרייבט ער דעם דיכטער'ס מזל אין פאָלגענדע ווערטער: „פיעלע זיינען פּאָעטען, כאָטש זיי רופען זיך ניט אזוי, ווארום וואָס איז דען דיכטען? צו באַשאַפען גוטס אָדער שלעכטס דורך פיעל געפיהל און גייסט. צו קלעטערען מיט איבעראירדישען מוט צום הימעל, צו זיין א נייער פּראָמעטעאוס פאַר נייע מענשען, צו שענקען פון גאָט־געראויבט פארמעגען און צו ענטדעקען שפּעט, אז די וועלט באַצאָהלט מיט פּיין פאַר אַזא גוטסקייט, פאַר אזעלכע אוצרות. זיין האַרץ ווערט צעריסען און הייגט איינזאַם אויף א פעלז איבער'ן ים."

און בייראָן לעגט אריין אין מויל פון'ם גרויסען דיכטער, וואָס איז, ווי ער, פארטריבען געוואָרען פון זיין היים, אזעלכע ווערטער:

„דאָס מזל פון די מענשען פון מיין נאַטור — איז דאָס אויס־שטעהן אין לעבען אלע צרות, האַרצרייסעניש, פארברייננגען די טעג אין אַן אונענדליכען קאַמף און שטאַרבען איינזאַם".

ער שטעלט זיך נאָך פריהער אָפּ אויף טאַסאָ'ס גורל. עס איז געננג א אויבערפלעכליכער פארגלייך צווישען געטע'ס „טאַסאָ" און בייראָנ'ס „טאַסאָ'ס קלאַגע", אז מען זאָל זעהן מיט וואָסער א ליידענשאַפט בייראָנ'ס פאַנטאַזיע האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער האָפנונגסלאָזער פּיין. געטע נעהמט טאַסען א גאַר יונגען, מאָהלט איהם אלס א פאַרליעבטען אינגעל, וואָס פארנעהמט זיך מיט פּאָעזיע, און ער שטעלט איהם אריין אין פּרעה'ס הויף אין א געזעלשאַפט פון שעהנע פרויען, וואו ער פיהלט זיך צייטענווייז גליקליך־אומגליקליך, באַוואונדערט און אויסגעלאַכט. ביירון מאָהלט טאַסאָ'ן א איינזאַמען, א אָפּגעריסענעם פון דער וועלט, א געפאַנגענעם צווישען סצענעם פון משוגעת, ניט זייענדיג קיין משוגענער — א קרבן פון דער באַרבאַריי פון זיין געוועזענעם וואָהלטעטער:

„איך האָב ליעב געהאַט איינזאַמקייט, — נאָר איך האָב קיינ־מאָל ניט געדענקט, אז מיר וועט אויסקומען אָפּפינסטערען מיין לעבען, וואָס פון יעדער געמיינשאַפטליכקייט מיט דער לעבעדיגער וועלט, צווישען משוגעים און זייערע פּייניגער; — ווען איך זאָל

זיין עהנליך צו זיי, וואָלט מיין געדאנק נאָך מיט פיעל יאָהרען צוריק געווען פארדאָרבען, אזוי ווי זייערער, ביז דער סאַמע טיפע־ניש. אָבער ווער האָט מיך אמאָל געהערט שרייען? מיר ליידען אין אזא צעל מעהר ווי דער ים־מאַן וואָס האָט מיטגעמאַכט א שיף־קאַטאַסטראָפע אויף א פוסטען ברעג; פאר איהם איז די גאַנצע וועלט אָפען. מיין וועלט אָבער איז דאָ קאָנצענטרירט — אויף א שטח, וואָס איז, איך צווייפעל, אויב צוויי מאָל גרעסער, ווי מיין קבר וועט זיין. יענעם איז אפילו באַשערט אומצוקומען, קען ער אויפהויבען זיינע אויגען, און מיט א שטאַרבענדען בליק ארומקור־קען דעם הימעל — איך וועל דאָך אפילו ניט האָבען קיין מעגליכ־קייט אויפצוהויבען מיינע אויגען מיט א פאָרוואורף צום הימעל, דערפאַר וואָס זיי זיינען באהאַלטען אונטער'ן דאך פון מיין גע־פענגניש."

געטע האָט פון'ם הויף פון פערערא—א הויף, וואָס איז באַזוכט געוואָרען פון לוקרעציא באָרדזשיא—און, וואו יענע ווילדע ליידענ־שאַפט און גרויזאַמקייט פון דער רענעסאַנס־צייט האָט זיך ענטוויי־קעלט—א קליין־דאַטש ווייַמאַר, וואו די הומאַניטעט פון'ם 18טען יאָהרהונדערט רעגירט אומעטום. בייראָנ'ס בליק ווערט ווי א מאַג־נעט צוגעצויגען פון דער אונערהערטער באַרבאַריי פון'ם הערצאָג פון פערארא: ער פארשטעהט די גרויזאַמקייט פון יענער אונמענשלי־כער פעריאָדע, און זיין געדיכט איז אַן אַנקלאַגע געגען דער קע־ניגליכער אומגערעכטיגקייט און געגען דעם הערשער'ס גרויזאַמ־קייט.

נאָר פון א מעהר שאַרפען, נאָר אויך פון א צו עקזאַלטירטען כאַראַקטער איז די באַשרייבונג פון די טראַגישע געשעהענישען אין דער דראַמע „פאָסקארי", וואו דער פאָטער איז געצוואונגען צו פאַראורטיילען זיין באַליעבטען זוהן, צו די שרעקליכסטע ליידען, און דער זוהן, דער העלד פון דער דראַמע, פארלאָזט די פאָלטער־באַנק, אויף וועלכער ער ליעגט אויסגעצויגען פון דער ערשטער סצענע פון דער פיעסע ביז דער לעצטער, נאָר צוליעב דעם, אז ער זאָל שטאַרבען פון טרויער און פייניגונגען אין גלות, אויף פרעמדע ערד. די טראַגעדיע, ווי אַלע בייראָנ'ס פריהעריגע טראַגעדיעס, איז אָנגעשריבען ווי א מין צו־להכעיס נאָך די אריסטאָטעלישע רעגע־

לען און אין דער פאָרם פון די פראַנצויזישע טראַגעדיעס. ער איז אזוי איבערצייגט, אז דאָס איז דער ריכטיגסטער וועג, אז ער ער־לויבט זיך דעם קאָמישען פאַראַדאָקס, אז ענגלאַנד האָט ביז איצט ניט געהאַט קיין דראַמע.

ניט וועניגע האָבען זיך געוואונדערט דארויף, וואָס בייראָן, דער אויסגעשפראָכענער נאַטוראַליסט פון יענער עפּאָכע, וואָס שטעלט העכער דעם וואַלד פאַר'ן גאָרטען, דעם פּרימיטיווען מענ־שען — פאַר דעם וועלטליכען, און דעם פּרימיטיווען אויסדרוק — פאַר דער געקינסטעלטער שפּראַך, זאָל זיין אזוי שטאַרק באַגייס־טערט פאַר פּאָפּען און זיין קליינער פּאָעטישער גרופּע, וואָס איז פאַרבליבען, ווי סעמועל ראָדזשערס אָדער קראַבע, געטריי צו דער קלאַסישער טראַדיציע און דערפיהרען זיין באַגייסטערונג פאַר זיי ביז דער נאָכמאַכונג פון'ם דהאָמאַטישען סטיל פון דער פאַרגאַנ־גענער צייט.

די ערשטע אורזאַכע דערפון איז געווען בייראָנ'ס פאַרלאַנג צו ווידערשפּרוכען: דער אומשטאַנד, וואָס די ים־שולע, וואָס ער האָט געהאַסט, איז שטענדיג שטאַרק אָנגעפאַלען אויף פּאָפּ'ן, איז געווען גאַנץ גענוג, אז ער זאָל אויפהויבען פּאָפּ'ען ביז'ן הימעל, איהם אָנרופען דער ערשטער דיכטער פון ענגלאַנד, אפילו דעם נאַציאָנאַלען דיכטער פון דער מענשהייט, ווען ער וואָלט מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען אויף זיין אייגענער רעכענונג געשטעלט א דענקמאַל אין א ווינקעל פון דער וועסטמינסטער קירך, פון וועל־כער ער איז אלס קאַטוליק אויסגעשלאָסען געוואָרען. דערצו זיי־נען נאָך צוגעקומען די שול־עראינערונגען פון האראו, וואָס בייראָן האָט ניט פאַרגעסען זיין גאַנץ לעבען, און אין האראָו איז פּאָפּע געווען דער מוסטער־פּאָעט. דערצו נאָך קומט בייראָנ'ס קריטיק־לאָזיגקייט, וואָס קען לויבען גרילפּאַצער'ס „סאפהאָ" און אין דער־זעלבער צייט ערקלערען ליידי בלעסינגטאָן, אז שעקספּיער האָט צו פאַרדאַנקען האלב פון זיין באַריהמטקייט דעם אומשטאַנד פון זיין נידעריגער אָפּשטאַמונג. דערצו איז אויך וויכטיג דאָס, וואָס פּאָפּ איז געווען א הויקער, און ניט קוקענדיג אויף זיין הויקער האָט ער געהאַט א שעהנעם קאָפּ; דאָס, וואָס ער האָט ניט באַ־לאַנגט צו דער הערשענדער קירכע, וואָס ער איז געווען דער דיכטער

פון אריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט, און וואָס זיין מום איז פאַר איהם געווען א קוואַל פאַר סאטירישע פיילען — אַלץ אזעלכע גע־גענשטאנדען, מיט וואָס בייראָן האָט סימפּאַטיזירט — און ענדליך דאָס, וואָס בייראָן, צוליעב זיין נאָרמאַנישער אָפּשטאַמונג, האָט פאַרמאָגט א שטאַרקע נייגונג צו דער רעטאָריק נאָכ׳ן געשמאַק פון ראָמאַנישע נאַציאָנען.

דורך דעם וואָס בייראָן האָט עסטעטיש געקעמפט פאַר׳ן סיסטעם פון פאַרגאַנגענהייט און גלייכצייטיג אָנגעהאַלטען אַלע באַציהונגען מיט׳ן פּאָגרעס, האָט ער א געוויסע עהנליכקייט מיט ארמאַן קאַרעל, וועלכער, — פרייזיניג אין אַלע פּאָליטישע רע־ליגיעזע פראַגען, — האָט באַקעמפט די נייע שול אין דער ליטע־ראַטור. אזוי ווי זיי האָבען ביידע כמעט אין אַלע גייסטיגע גע־ביעטען זיך געטיילט מיט פראַנקרייך׳ס שטאַנדפּונקט פון׳ם 18טען יאָהרהונדערט, איז פאַר זיי געווען גאַנץ נאַטירליך נאָכפאָלגען נאָך איהם אויך דאָרט, וואָס ער איז געווען אונטערשטעליג — אין דער ליטעראַטור. בלי ספק האָבען אָט די טעאָרעטישע פאַנטאַזיעס געווירקט נעגאַטיוו אויף בייראָנ׳ס דראַמען. זיי באַשטעהן פון מאָנאָלאָגען און דעקלעראַציעס. בייראָנ׳ס געניאַליטעט, צוזאַמען מיט דער גראַפּיני גוויטשיאָלי׳ס פּאַטריאָטיזם, האָבען ניט געקאָנט זיי געבען עפּעס מעהר ווי דעם געוועהנליכען פּאָעטישען הויך.

ביי דער אויסאַרבייטונג פון „קין“ און „סאַרדאַנאַפּאַלע“ איז די יונגע גראַפּינע ווירקליך געוואָרען, ווי זי האָט געוואָלט, בייראָנ׳ס מוזע. אין גאַנץ „קין“ איז אדאַ דאָס בעסטע. וועהרענד בייראָנ׳ס מענערשע טיפּען, ווי פיעלע האָבען שוין דאַרויף אָנגעצייגט, זיי־נען אַלע עהנליך איינער אויפ׳ן צווייטען, זיינען די פרויען פיגורען גאַנץ פאַרשידען איינע פון דער צווייטער, כאָטש דאָס האָט מען ווייניגער דערמאָנט. אדאַ — איז ניט דער קין פון׳ם פרויען גע־שלעכט, אָבוואָהל זי איז די פרוי, וואָס איז מעהר ווי אנדערע פּאַ־סענד פאַר איהם. דעם פרויען פּענדאַנט צו קין זעהען מיר אין דער שטאָלצער אַפּאָליבאַמע אין „הימעל און ערד“. פּונקט ווי קין זעהט נאָר חורבות, זעהט זי אומעטום זון־אויפגאַנג, ליעבע, דעם אָנפאַנג פון לעבען און גליק. דער קיפּאַרים וואָס פאַרשפּרייט זיי־נע צווייגען אויפ׳ן קאָפּ פון׳ם קליינעם חנוך, איז פאַר קין דער

בוים פון טרויער; אדאַ זעהט נאָר דאָס, אז ער באַשאַטענט איהר קינד. ווען קין האָט ארויסגעזאָגט זיין פארצווייפלונג אין די ווערטער, אז אלע אומגליקען און דאָס גאַנצע שלעכטס פון דער וועלט וועט אויפבליהען דורך חנוכ'ן, זאָגט אדאַ: „אָ, קין! טו א קוק אויף איהם. זעה, ווי ער איז פול מיט לעבען, קראַפט, שענקייט און פרייד, ווי עהנליך ער איז צו מיר, און אויך עהנליך צו דיר, ווען דו ביסט גוט.“

נאָר אדאַ רעדט אזוי ווינציג, אז ווען מען זאָל צונויפנעהמען אלע איהרע רייד וואָלטען זיי ניט פארנומען קיין אכטעל פון א זייטעל. ווען קין דאַרף אויסקלייבען צווישען וויסענשאַפט און ליעבע, זאָגט זי: „קלייב אוים די ליעבע, קין“. ווען קין דער־הרג'ט הבל'ן און בלייבט איינזאַם, פון ישרען פארלאָזט, ווי א מערדער, ענטפערט זי אויף זיין אויסגעשריי: „פארלאָז מיך!“ מיט פאָלגענדע ווערטער: „עס האָבען דיך שוין אזוי אויך אלע פארלאָזט“. און אָט די פערזאָן האָט בייראָן באַשאַפען כמעט ניט אוועקגעהענדיג פון די ביבלישע ווערטער, ער האָט נאָר אריינגעלעגט די ווערטער, וואָס איינער האָט געזאָגט, אין מויל פון א צווייטען. אין בראשית זאָגט קין, נאָכדעם ווי גאָט האָט איהם פארשאָלטען: „די שטראָף איז שטאַרקער פון מיין קראַפט“, א. אז. וו. ביי בייראָנ'ען בלייבט קין, נאָכדעם ווי דער מלאך זאָגט ארוים זיין קללה, אָהן ווערטער, נאָר אדאַ זאָגט:

„די שטראָף איז שטאַרקער פון זיין קראַפט. באַטראַכט זיך: דו פארטרייבסט איהם פון דעם געזיכט פון דער ערד, ער דאַרף זיך באַהאַלטען פאר גאָט'ס פנים, ער דאַרף ארומגעהן נע ונד, און יעדערער וואָס וועט איהם געפינען קען איהם הרג'ענען.“

בוכשטעבליך די ווערטער, וואָס די ביבעל לעגט אריין אין קין'ס מויל, נאָר בייראָן מיט דעם שאַרפען בליק פון א געניע האָט באַמערקט אין אָט דעם איינציגען אויסדרוק א גאַנצע מענשליכע פיגור, און מיט א פשוט'ען דרוק מיט דער האַנד האָט ער באַשאַפען א סטאַטוע פון דער ערשטער ליעבענדער פרוי.

די צווייטע געשטאַלט, אין וועלכער דו פיהלסט נאָך אין א גרעסערער מאָס די ווירקונג פון דער יונגער גראַפינע, איז די גריכישע שקלאַפין מירא אין „סאַרדאַנאַפאַל“. פון אלע בייראָנ'ס

היסטאָרישע טראַגעדיעס איז עס די בעסטע. דער שטאָלצער סאָר־דאַנאַפּאַל גיט זיך איבער צו פאַרגעניגען מיט אַ זאָרגלאָזער פאַר־אַכטונג צו מענשען און וועלט. ער זוכט ניט קיין קריגערישע באַ־ריהמטקייט, ער וויל זיך ניט קויפען קיין אזוי גערופענעם גרויסען נאָמען מיט׳ן פּרייז פון בלוט פון טויזענדער אונבאַדייטענדע מענ־שען; ער וויל ניט, ווי זיינע פאָרגענגער, מען זאָל זיך פאַר איהם בוקען אין די קירכען, גלייך ווי פאַר גאָט. זיין קאַלטבלוטיגע גרויסהאַלטונג דערגעהט כמעט צו נאַרישקייט. ווען מען נעהמט אַוועק דאָס שווערט ביי׳ם אָבער־פירסט, וואָס בונטעוועט זיך, גיט ער עס איהם צוריק אָפּ מיט די ווערטער:

„נעהם צוריק דיין שווערד און ווייס אז מיר געפעלט בעסער דיין קריגערישע שטאָלצקייט ווי דיין פריסטערטום. בכלל אָבער, האָב איך ניט ליעב, ניט דאָס, ניט יענעס.“

זיין מאַן־קראַפט איז אָפּגעשוואַכט אונטער׳ן איינפלוס פון זיין געגוס־לעבען; ווען מירא, די גריכישע מיידעל, זיין ליעבלינג־שקלאַפין, באַשליסט איהם צו רעטען; זי בעט איהם אַוועקוואַרפען זיין גלייכגילטיגקייט און זיך באַוואַפּענען קעגען זיינע פיינד. זי ליידט אזוי שטאַרק דערפון וואָס זי ליעבט איהם, ווי פון דעם, וואָס דאָס שיקזאַל האָט זי געמאַכט פאַר אַ שקלאַפין.

„פאַר וואָס האָב איך איהם ליעב? די טעכטער פון מיין פאַ־טערלאַנד האָבען נאָר ליעב העלדען. נאָר איך האָב ניט קיין פאַ־טערלאַנד. די שקלאַפין פארלירט אלץ, אויסער איהרע קייטען. איך האָב איהם ליעב — דער שווערסטער רינג אין דער קייט — די ליעבע צו דעם, וועמען דו קענסט ניט אַכטען. — — — איך בין אין מיינע אייגענע אויגען געפאַלען זייט איך ליעב אָט דעם פרעמדען. איך האָב איהם אָנגעפאַנגען מעהר צו ליעבען זייט איך האָב איינגעזעהן, ווי שטאַרק זיינע אייגענע באַרבאַרען האַסען איהם.“

נאָר ווען די פיינד קומען ענדליך צו נאָהענט צום קעניגלי־כען שלאָס, און סאַרדאַנאַפּאַל, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון׳ם אונבאַקוועמען שווערד פאַר זיין צאַרטער האַנד, און פון דעם שווע־רען העלם, וואָס דריקט אַראָפּ זיין קאָפּ, וואַרפט זיך מיט אַן אָפּ־געדעקטען קאָפּ און מיט אַ גרינגען געוועהר אין האַנד אין דעם

שטאַרקסטען פייער פון שלאַכט און שלאָגט זיך ווי אַ העלד — שיינט מירא אויף, גלייך ווי דער שווערער בזיון וואָלט אראָפּגע־פאַלען פון איהר ברוסט:

„אוים בזיון, אך! איך שעם זיך שוין ניט איהם ליעב צו האָ־בען!... דער אלקיד האָט זיך ערנידריגט, אַנטוועגדיג זיך אין די פרויען־קליידער פון אָמפאַלען, — נאָר ער, וואָס טרעט גלייך ארוים פאָראוים ווי הערקולעס, ער, וואָס איז פון דער צערטלענדער רייכ־קייט געוואָרען אַ מאַן און גלייך פון דער שמחה אריין אין שלאַכט, גלייך ווי דאָס שלאַכט־פעלד וואָלט געווען אַ ליעבע־בעט — ער פאַרדיענט אַ גריכיש מיידעל אלס געליעבטע, אַ גריכיש ליעד אלס פרייז און אַ גריכישען קבר אלס דענקמאָל!"

אַ נבואה פאַר בייראָנ׳ען אליין. האָט מען דען אויך ניט גע־קאָנט זאָגען דאָס זעלבע וועגען דעם דיכטער, ווי וועגען זיין העלד, אַז ער האָט געקאָנט טויזענדער פרויען, נאָר קיין איין פרויען־הארץ ביז אָט דעם טאָג?

מ י ר א: דו פרעגסט אַזוינס, וואָס דו קענסט ניט וויסען.

ס א ר ד א נ אָ פּ א ל: וואָס אַזוינס?

מ י ר א: דעם אמת׳ן פרייז פון אַ הארץ — דעם פרייז פון דעם פרויען־הארץ.

ס א ר ד א נ אָ פּ א ל: איך האָב זיי געקאָנט אין די טוי־זענדער.

מ י ר א: הערצער?

ס א ר ד א נ אָ פּ א ל: יאָ.

מ י ר א: דו האָסט ניט געקאָנט קיין איינס. מעגליך, אַז דו וועסט עס אַמאָל געוואָהר ווערען.

גלייך ווי מירא, האָט אויך די יונגע איטאַליענישע גראַפינע אַנגעוויזען איהר געליעבטען די מעהר מענערישע צוועקען, ווי דאָס איינפאַכע לעבענס־פאַרגעניגען; זי האָט, ווי מירא, איהם דערהוי־בען, איהם געצוואונגען אַוועקצוואַרפען דעם סאָרט לעבען, וואָס איז ניט פּאַסענד פאַר זיין גייסטיגער הויכקייט.

מיר האָבען איבערגעלאָזט די פאַרליעבטע אין דער ווילע לאַ־מירא אין ווענעדיג, וואו בייראָן האָט פאַר דער צייט געשריבען זיינע מעמוארען, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט אלס ירושה דעם

קליינעם זוהן פון טאַמאַס מאָר, און וואָס מען האָט, אויפ׳ן פאַר־לאַנג פון בייראָנ׳ס קרובים, פאַרברענט אָהן שום וויכטיגע אור־זאַכען. דעם רוהיגען לעבען פון׳ם ליעבענדען פּאָרעל איז, ווייזט אויס, ניט באַשערט געוועז לאַנג צו געדויערען. דער גראַף האָט עס שוין מעהר ניט געקאָנט פאַרטראָגען. אזוי ווי טערעזא האָט ניט איינגעוויליגט אוועקצוגעהן פון בייראָנ׳ען, האָט מען דורכגע־פיהרט א שיידונג צווישען מאַן און פרוי און די גראַפינע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איהר פּאַרמעגען און געזעלשאַפטליכער שטעלונג; מען האָט איהר פאַרזיכערט א קליינעם יעהרליכען איינקונפט און — אויף דעם תנאי איז די שיידונג געמאַכט געוואָרען — זי האָט איהר איינקונפט געקאָנט באַקומען נאָר ווען זי וועט וואוינען ביי איהר פאָטער אין הויז. דאָרט פלעגט זי בייראָן באַזוכען יע־דען אָוועגד. ער האָט ליעב געהאַט הערען זי זינגען און שפּיעלען די מעלאָדיעס פון מאָצאַרט און ראָסיני. זיין טאַג־בוך פאַר יאַ־נואַר־פעברואַר פון׳ם יאָהר 1821 באַשטעהט כמעט איגגאַנצען פון די פאָלגענדע ווערטער: „בין געפאָהרען רייטענדיג — געשאָסען פון א פּיסטאָלעט — געגעסען מיטאַג — מיך דורכגעגאַנגען, גע־הערט מוזיק און געפּלוידערט נאַרישקייטען — געקומען אַהיים — געלייענט.“

אזוי לאַנג ווי דער גראַף גוויטשיאָלי איז געשטאַנען אין היג־טערגרונד, ווי א שרעקונגס־גייסט האָט זיך אין די ליעבע באַציהונ־גען געפיהלט א געפאַהר און א אָנשטרענגונג, וואָס איז פאַר בייר־ראָנען געווען א וויכטיגער לעבענס־באַדינג. דאָס איינציגע, וואָס האָט איהם פאַרזיכערט, נאָך זיין מיינונג, פון ניט גע׳הרג׳עט צו ווערען אין דער צייט ווען ער פאָהרט רייטענדיג, איז געווען דאָס, וואָס צו זיין זאָטעל זיינען שטענדיג געווען צוגעבונדען פּיסטאָלע־טען, און זיין קונסט אין שיסען איז געווען יעדען באַוואוסט און מען האָט זיך פאַר איהם געשראָקען. די צווייטע זיכערקייט אין דעם, אז מען וועט איהם ניט דער׳הרג׳ענען ביי איהם אין הויז, איז באַשטאַנען אין דעם גראַפ׳ס קאַרגקייט, וועלכער וועט, ווי בייראָן פלעגט זאָגען, קיינמאָל ניט ארויסנעהמען פון קעשענע קיין 20 סקודים אויף צו דינגען א זיכערען בראַוואָ. איצט האָט א נייע און ערעלע אויפפיהרונג פאַרנומען דאָס אָרט פון דער ערשטער.

אויף'ן איטאַליענישען האַלב־אינזעל האָט געהערשט אין דער שטיל אַ שטאַרקע אונצופֿריעדענהייט. נאָך דעם ווי מען האָט אַראָפּגעוואָרפֿען נאַפּאָלעאָנ'ס הערשאַפֿט, זיינען די אַלטע אומבאַ־גרעניצטע הערשער אין דער קירך און אין נעאַפּאָל אַרויסגעטראָ־טען אויף דער סצענע מיט אַן אונבאַגרענעצטען עגאָאיזם. אַלע גוטע סמנים פֿון דער פֿראַנצויזישער ווירקונג האָט מען געזאָלט אָפּמעקען, און אויף זייער אָרט איינפֿיהרען די אַלטע שלעכטע מנהגים. דער אונפֿאַרטרעגליכער דרוק פֿון דער אייראָפּעאישער רעאַקציע, וואָס איז אַרויסגעקומען פֿון'ם הייליגען בונד, האָט גע־צוואונגען די איטאַליענער צו מאַכען אויפֿשטאַנדען, און נאָכ'ן ביישפּיעל פֿון די מאַסאָנען, האָבען זיי באַשאַפֿען אַ גרויסען גע־היימען בונד פֿון קאַרבאָנאַריערס, וואָס האָט איינגיכען אַרומגע־כאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד.

דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון זיין געליעבטער איז בייראָן אַריין אין דעם קרייז פֿון די פֿאַרשווערער. גאַמבעס גאַנצע הויזגעזינד האָט באַלאַנגט צו דעם געהיימען בונד, און טערעזאַ'ס ברודער, פּיעטראָ, אַ הייס־בלוטיגער, צוואַנציג־יעהריגער אינגעל, וואָס איז געוועזען היים באַפֿריינדעט מיט בייראָנען, און איז איהם דערנאָך נאָכגעפֿאָהרען קיין גריכענלאַנד, איז געוועזען איינער פֿון די אייפֿ־ריגסטע און ערפֿאַהרענסטע פֿיהרער. דער קאַרבאָנאַריזם האָט זיך בייראָנען פֿאָרגעשטעלט ווי ער זאָל זיין באַקרוינט מיט דער פּאָ־ליטישער פּאָעזיע. ער האָט דערפֿיהלט אַ האַס צו דעם אומעטיגען פּאַרלאַמענטאַרישען לעבען אין דער היים, אין ענגלאַנד, נאָר אין דער פֿאָרמע האָט די פּאָליטיק אויפֿרעגענד געווירקט אויף זיין פֿאַנטאַזיע. די קאַרבאָנאַריערס האָבען איהם געגעבען אַ גרויסען טיטול און איז געוואָרען אַ קאָמאַנדיר פֿון אַ פּאָלק, וואָס האָט זיך אָנגערופֿען „אַמעריקאַני". ער האָט פֿאַרשאַפֿט געוועהר פֿאַר די פֿאַרשווערערס און האָט געבראַכט דער „קאָנסטיטוציאָנעלער" רעגיערונג אין נעאַפּאָל 1000 לואידעס אום צו קעמפֿען געגען דעם הייליגען בונד. זיינע בריעף פֿלאַקערען פּשוט מיט כעס געגען דער עסטרייכישער רעגירונג. אומעטום וואו ער האָט געוואוינט איז ער געוועזען אַ דאָרען אין די אויגען פֿון דער עסטרייכישער רעגירונג, וואָס פֿלעגט אויפֿעפֿענען זיינע בריעף, האָט פֿאַרוועהרט צו פֿאַר־

קויפֿען די איטאַליענישע איבערזעצונג פֿון „טשאילד העראָלד״ אין די גרענעצען פֿון די איטאַליעניש־עסטרייכישע לענדער, און ווי ער איז געוואָהר געוואָרען, האָבען זיי אפילו גערונגען רוצחים פֿאַר איהם. נאָר, פֿונדעסטוועגען, פֿלעגט ער אליין יעדען טאָג מאַכען זיין רייטענדיגען שפּאַציער. זיינע געפֿיהלען האָבען זיך אויסגע־דריקט אין דעם פֿאַל, ווי אין אַלגעמיין אין אַנדערע, אָדער אין מענערשער העלדישקייט, אָדער אין אינגעלשער מוטוויליגקייט. איז דאָס ניט קיין קינדערשער אויפֿטו, ווען ער שרייבט אָן מיט גרויסע בוכשטאַבען אויף די קעפּלעך פֿון זיינע בריעף:

„נידערטרעכטיגע עסטרייכישע רעגירונג! געמיינע עסטרייי־כישע פּאָליציי! איך ווייס אז איהר עפֿענט מיינע בריעף און לייענט זיי; דערום שרייב איך עס.״

אזוי ווי די שטרענגסטע שטראָף איז געקומען דעם, ביי וועמען מען וועט געפֿינען געוועהר, האָט בייראָן איינגעלאַדען אַלע פֿאַרשווערער פֿון ראָמאַני, זיי זאָלען ביי איהם אין הויז, אָפּלעגען זייער געוועהר; זיין הויז האָט דערפֿאַר באַקומען דאָס אויסזעהן ווי אַן ארסענאַל; זיינע שאַפֿעס און קאַסטענס זיינען געווען פֿול מיט פּראָקלאַמאַציעס. ער איז געווען זיכער, אז די עסטרייכישע רעגירונג וועט זיך קיינמאָל ניט באַשליסען צו מאַכען אַ אונטער־זוכונג אין דעם הויז פֿון אַ מיטגליעד פֿון דער העכסטער ענגלישער פּאַלאַטע.

נאָר עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז עס איז פֿיעל גרינגער איהם ארויסטרייבען, איידער איהם אריינזעצען אין געפֿענגניש. און דאָס איז פֿאָרגעקומען אויף אַ זעהר פּשוט׳ען אופֿן: די גראַפֿען גאַמבאַ האָבען געקראָגען אַ באַפֿעהל צו פֿאַרלאָזען דאָס לאַנד אין פֿאַרלויף פֿון 24 שטונדען. אזוי ווי אין דעם גט איז דאָ אַ באַדינג, אז די יונגע גראַפֿינע דאַרף אָנקומען אין אַ מאָנאַסטיר, אויב זי פֿאַרלאָזט דעם פֿאָטער׳ס הויז, איז די פּאָליציי זיכער געווען אז דורך דעם מיטעל וועט זי לויז ווערען פֿון בייראָנ׳ען. אָט וואָס זי האָט געשריבען צום ענדע פֿון אַ בריעף, וואָס זי האָט געשיקט איהר געליעבטען נאָכדעם ווי זיי האָבען געקראָגען דעם אויבענדערמאָנ־טען באַפֿעהל:

„בייראָן, איך בין אין פֿאַרצווייפֿלונג, אויב איך וועל דיך

דארפען פאַרלאָזען, ניט וויסענדיג, ווען מיר וועלען זיך נאָך אמאָל קענען זעהן — נאָר אויב דו ווילסט, אז איך זאָל אזוי שרעקליך ליידען, וועל איך באַשליסען צו בלייבען. מען וויל מיך איינשפאַרען אין אַ מאָנאַסטיר און דעמאָלס וועסטו מיר אפילו ניט קענען העלפען... איך פאַרשטעה ניט, וואָס מען רעדט צו מיר. מיין אויפרעגונג איז שרעקליך גרויס... נאָר פון וואָס? ניט פון דער געפאַהר, וואָס לויערט אויף מיר. נאָר, — איך רוף דעם הימעל פאַר אַן עדות! אויסשליסליך פון דעם, וואָס איך דאַרף דיך פאַרלאָזען.״ *)

דאָס גרויסע פאַרמעגען, וואָס בייראָן האָט געקראָגען אַ דאַנק זיין הייראַט, און וואָס ער האָט — עס קומט אויס אפילו זאָנדערבאַר! — ער האָט עס פאַר זיך איבערגעלאָזט; דאָס געלד, וואָס ער האָט געקראָגען פאַר ניוסטעד און די 20,000 פ. סט. האָנאָראַרס וואָס מורעי האָט אין פאַרלויף פון עטליכע יאָהרען איהם אויסגעצאָהלט, האָבען איהם געגעבען אַ מעגליכקייט צו טאָן פיעל וואָהלטעטיגע זאַכען. ווען עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אז בייראָן דענקט פאַרלאָזען רעווענאַ, האָבען זיך די דאָרטיגע אָרימע

---

*) דאָס גרויסע ווערק "Lord Byron juge par les temoins de sa vie." וואָס די גרעפין האָט ארויסגעגעבען אין יאָהר 1868, באַטש וואָס עס דערצעהלט אונז פון קיין אינטערעסאַנטעס וועגען בייראָנ׳ס גייסטיגען לעבען אָדער זיין קונסט, נאָר עס דיענט אַלס אַ ריהרענדער באַוויז פון דער קראַפט און טיעפקייט פון איהר ליעבע. דאָס ערקלערונג פון דעם רעטעניש, וואָס די וועלט רופט אָן בייראָן, גיט זי אונז אין איין וואָרט: ער איז געוועזן אַ מלאך, ניט מעהר, ניט ווייניגער, שעהן ווי אַ מלאך, גוט ווי א מלאך — מלאך מיט אַלץ און אלעמען. 1,100 זייטלעך פון דעם בוך זיינען אויסגעשטעלט אין קאַפּיטלעך נאָך זיינע גוטסקייטען: זי ווידמעט זיין מענשען־ליעבע איין קאַפּיטעל, זיין באַשיידענהייט — א צווייטע, א. אַז. וו. דאָס קאַפּיטעל וועגען זיינע חסרונות איז אַ גוטער באַוויז אַז קיין חסרונות האָט ער גאָרניט געהאַט. ווי זיין גייסטיג אזוי איז אויך זיין פיזיש בילד. די שעהנקייט פון זיין נאָז, זיין שטימע, זיינע ליפּען ווערען באַטראַכט יעדעס אין א באַזונדער אָפּהאַנדלונג. עס איז אונבאַגרייפליך, ווי אזוי האָט זיך געקאָנט פאַרשפּרייטען דער נאַרישער קלאַנג, אַז ער איז געווען אַ הינקעדיגער, אָדער ער האָט געהאַט אַ פאַרוואונדעטע פוס. דער חסרון פון זיין גאַנג איז געווען אזוי

לייט, וואָס ער פלעגט פיעל העלפען, זיך געווענדעט מיט א בקשה צום רוימישען לעגאַט, אז ער זאָל איהם ערלויבען בלייבען אין שטאָדט. נאָר גראָדע אין דער ליעבע פון דער באַפעלקערונג צו איהם איז געווען די געפאַהר פאַר דער רעגירונג. דעמאָלס איז בייראָן איבערגעפאָהרען קייז פיזא. נאָר אזוי ווי די טאָסקאַנישע רעגירונג האָט זיך געשראָקען פאַר בייראָנען און פאַר דער פאַמיליע גאַמבא ניט ווייניגער ווי דעם פאַפּ'ס רעגירונג, האָט מען זיי אויך פון דאָרט באַלד ארויסגעשיקט, און בייראָן מיט די גאַמבעס זיינען איבערגעפאָהרען קיין גענוא — דאָס איז געווען בייראָנ'ס לעצטע וואוינאָרט פאַר זיין אָפּפאָהרען קיין גריכענלאַנד.

אונבאַדייטליך, אַז מען האָט ניט געקאָנט באַמערקען אויף וואָסער א פוס ער הינקט. און דאָ ווערט געבראַכט דאָס עדות זאָגען פון זיין שוסטער, וואָס באַהאַלט נאָך ביז היינטיגען טאָג די שוך־העלצלאַך, נאָך וועלכע ער האָט איהם גענייהט שיך אין ניוסטעד; פון זיי קען מען זעהן, אז דער חסרון איז געווען א קוים באַמערקבאַרער. עס איז אונבאַגרייפליך צו פאַרשטעהן, ווי אזוי האָט זיך געקאָנט פאַרשפּרייטען דער קלאַנג, אַז ביי לאָרד בייראָן זיינען אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען אויסגעקראָכען די האָר אויף זיינעשלייפען. אמת, ער האָט געהאַט ווייניג האָר, נאָר פשוט דערפאַר וואָס ער האָט ליעב געהאַט זיי ארומגאָלען ביים שטערן. עס איז אויך אומפאַרשטענדליך, אויף וואָס עס האָט זיך געגרינדעט די נאַרישקייט, אַז זיינע פיס זיינען כלומר'שט שטאַרק דין געוואָרען. אמת, זיי זיינען געוואָרען אַביסעל דינער, נאָר עס איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז ביי אַ מענשען, וואָס פאָהרט שטענדיג רייטענדיג זאָלען די פיס אַביסעל דינער ווערען. ווען דו טהוסט אַ טראַכט, אַז דער בוך איז ארויסגעגעבען געוואָרען מיט 44 יאָהר נאָך בייראָנ'ס טויט, מוז מען גלויבען, אז די ליעבע, וואָס ער האָט דערוועקט צו זיך איז געווען טיעף און דויערענד.

22.

ביירָאן — דער אַפּאָגעי פוּנ'ם נאַטוּראַליזם.

פאַר'ן פעריאָד פון דער צייט פון דעם יאָהר 1818 ביז דעם
יאָהר 1823 איז ביירָאן געווען פארנומען מיט דער בעאַרביי־
טונג פון זיין „דאָן-זשואַן". ווען דער אָנהויב פון דעם מאַנוסקריפּט
איז אָנגעקומען קיין ענגלאַנד, האָבען זיך גלייך א שאָט געטאָן פון
זיינע פריינד און קריטיקער, וועלכע האָבען זיך באַקאַנט מיט דעם
אינהאַלט, אויסדריקען פון שרעק באַגלייט מיט ביטעם וועגען
אויסשניידען אָדער ווייכער מאַכען געוויסע פלעצער, און מיט
אויסגעשריען פון טרויער און אומצופריעדענהייט וועגען דער אונ־
מאָראַלישקייט פון דעם ווערק. אונמאָראַליש — דאָס איז די גרוי־
סע באַשולדיגונג, וואָס ביירָאנען איז אויסגעקומען אויסצוהערען
אויף שריט און טריט אין זיין לעבען און וואָס האָט איהם אויך
פאַרפאָלגט נאָכ'ן טויט; אונטער דער אויסרייד פון אונמאָראַליש
האָט מען זיינע „עראינערונגען" פאַרברענט. און אונטער דער
אויסרייד פון דער זעלבער אונמאָראַלישקייט האָט מען ניט געלאָזט
שטעלען זיין סטאַטוע אין דער וועסטמינסטערישער אַבאַטסטווע.
ביירָאן האָט געענטפערט אין א בריעף צו מורעי'ען:

„ווען מען זאָל מיר זאָגען, אז די פּאָעזיע איז ניט אויסגעהאַל־
טען אין מיין ווערק, וואָלט איך זיך בארוהיגט; נאָר איהר דער־
צעהלט מיר גאָר עפּעס אַנדערשס און פלאַפּעלט עפּעס וועגען מאָ־
ראַל; איך הער דאָס ערשטע מאָל דאָס וואָרט פון'ם מויל פון א
מענשען, וואָס איז ניט געמיין און וואָס באַנוצט זיך ניט דערמיט
פאַר באַטריגערישע צוועקען. און איך ערקלער, אז מיין פּאָעמע
איז אויף אזוי פיעל מאָראַליש, אויף וויפיעל עס קען נאָר זיין מאָ־
ראַליש א פּאָעטיש ווערק, און אויב גוטע מענשען ווילען ניט איינ־

זעהן, אין וואָס איהר מאָראַל באַשטעהט, איז דאָס ניט מיין שולד, נאָר זייערע. אויב איהר ווילט, קענט איהר ארויסלאָזען די פּאָעמע אָהן דעם מחבר'ס נאָמען, — מעגליך, אז דאָס וועט, ענדליך, זיין דאָס בעסטע; נאָר איך וועל קעמפען מיט אַלעמען און אלע זייטען, זיך דורכשלאָגענדיג א וועג, ווי א ווילדער."

די פּאָעמע מיט א גיפטיגער ווידמונג צו סאָוטיי'ן אויף דעם ערשטען זייטעל, וואָס האָט באַדאַרפט ערשיינען אַנאָנים, אפילו אָהן דעם ארויסגעבער'ס נאָמען, און וואס איז, נאָך בייראָנ'ס אויס־דרוק, מיט מעהר שווערקייט אריינגעדרונגען אין דעם ענגלישען גאַסט־צימער, ווי א עלפאַנד אין דעם לעבעל פון א נאָדעל — איז דאָס איינציגע פּאָעטישע ווערק, וואָס קען אין נייצעהנטען יאָהר־הונדערט געשטעלט ווערען אין פארגלייך מיט „פאוסטען", ווארום גראַדע די פּאָעמע און ניט די זעהר־אונבאַדייטליכע אין פארגלייך מיט איהר „מאַנפרעד", האָט בייראָנ'ס נאָמען באַריהמט געמאַכט אויף דער וועלט. פאַר דעם ארויסרוף־עפּיגראַף צו איהר דיענט שעקספּיער'ס פאָלגענדע רעפּליק:

„רענקסטו, אז דערפאַר וואס דו ביסט וואָהלטעטיג דאַרפען שוין ניט זיין קיין זיסע קובענס און ווייןֹ. זיי דאַרפען זיין, שווער איך ביי דער הייליגער אַננאַ, און ביי אונז וועט ברענען אין מויל פון אימבער!"

דאָס איז געווען א עפּיגראַף, וואָס האָט צוגעזאָגט פיעל ארויס־רופענדע און סאַטירישע שפּאַסען, נאָר דאָך האָט בייראָן געשריי־בען מיט זיין פיעל־באַגרינדעטער און נביאיש'ער שטאָלצקייט:

„אויב איהר פאָדערט א נייע עפּאָפּעיע, האָט איהר „דאָן־זשואַן", דאָס איז אזא וואונדערבאַרע עפּאָפּעי פאַר אונזער צייט ווי „איליאַדע" איז געווען פאַר האָמערס".

בייראָן האָט אונז געשענקט דאָס, וואָס שטאַבריאָן האָט גע־דענקט, אז ער האָט שוין באַשאַפען אין זיינע „מאַרטירער" — די עפּישע פּאָעמע פון דער איצטיגער צייט, וואָס קען ניט זיין אויס־געפיהרט אויפ'ן קריסטליך־ראָמאַנטישען יסוד, ווי שטאַבריאָן האָט געוואָלט, און עס קען ניט זיין געגרינדעט אויך אויפ'ן לעבען פון א באַזונדער פאָלק, ווי סקאָט האָט עס געפּרובט טון. עס האָט זיך בייראָנען איינגעגעבען, דערפאַר וואָס ער האָט גענומען פאַר זיין

יסוד ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי די העכסטע קולטור פון זיין יאָהר־הונדערט.

זיין „זשואַן” איז ניט קיין ראָמאַנטישער העלד; ניט מיט זיין שכל און ניט מיט זיין כאַראַקטער שטייגט ער ניט פיעל איבער די אַלגעמיינע פלאַכקייט, נאָר דאָס גליק האָט איהם ליעב, ער איז אויסערגעוועהנליך שעהן, שטאָלץ, געוואַגט און א זעהר גליקליכער מענש, וואָס ווערט אין מעהרסטע פעלע געפיהרט פון זיין מזל ווי פון זיינע פלענער און צוועקען. דעריבער איז ער פאַסענד פאַר א העלד פון א פאָעמע, וואָס דאַרף ארומכאַפּען דאָס גאַנצע מענש־ליכע לעבען און וועמעס העלד קען זיך ניט אויסקלייבען א באַ־שטימט פעלד פאַר זיין טעטיגקייט, דערפאַר וואָס פאַר דער ארענע פון דער פאָעמע'ס האַנדלונג און פלאַץ זיינען ניט געוועזן אָנגע־צייכענט קיין גרעניצען.

די פאָעמאַ, אָט הויבט זי זיך אויף, אָט פאַלט זי, גלייך ווי א שיף, וואָס טראָגט זיך אויף שטורעמדיגע פון דער זון באַלויכטענע כוואַליעס, און וואַרפט זיך פון איין מעסיגקייט צו דער צווייטער. נאָך דער הייסער ליעבע צווישען זשואַנען און יוליען קומט א שיף־בראָך מיט זיינע ליידען פון הונגער און פייניגונגען פון טויט, נאָכ'ן שיף־בראָך — א זעהר שעהנער האַרמאָנישער איינקלאַנג פון יו־גענדליכער ליעבע צווישען זשואַנען און גאַאידען, די העכסטע, די פרייהייטליכסטע און צאַרטסטע לעבענס־ערשיינונג אין דעם גע־שטאַלט פון דעם ערדישען גליק — די נאַקעטע און פּראַכטפולע גרו־פּע, עהנליך צו דער גרופּע פון אַמאָר און פּסיכעיע, נאָר א לעבע־דיגע און ניט קיין טויטע — איבער זיי איז די לבנה שיין פון די גריכישע נעכט, פאַר זיי —דער פּראַכטפולער ים, וועמעס מעלאָ־דישעם בייזוערען זיך באַגלייט זייערע ווערטער פון ליעבע; אַלס א ראַם פאַר זיי — איז דער צויבערענדער קלימאַט פון גריכענלאַנד, און, ענדליך, ביי זייערע פיס, איז דאָס גאַנצע אזיאַטישע רייכקייט פון'ם מזרח: פּורפּורנער סאַמעט, גאָלד, קריסטאַל און מאַרמאָר. און אזוי ווי דאָס איז געקומען נאָך א לעבענס־געפאַהר און פּאָל־שטענדיגער אָפּגעשוואַכטקייט — אזוי קומט גלייך נאָך דער שמחה אין גאַאידעס פּאַלאַץ: פאַר גאַאידען — אַזאַ ליידען, אז איהר האַרץ ווערט צעריסען, און פאַר זשואַנען — א וואונד אין קאָפּ, שווערע

קייטען און פארקויפט ווערען פאר א קנעכט. נאָר מען פארקויפט איהם פאר א קנעכט אין סעראַל אריין און איצט זעהן מיר פאָלגענ־דעס: זיין קאָמישעם איבערטון זיך פאר א יונגער מיידעל, זיין ווערען פארגעשטעלט פאר דער געליעבטער סולטאנערע, און די נאַכט־סצענע אין דעם סעראַל מיט איהר גאנצען פייער און אראָ־מאט, מיט איהרע שטיפערישע און געפיהלפולע שפּאסען. באַלד נאָך דעם טראַגען מיר זיך איבער צו איזמאאיל'ס באַלאגערונג, צו די סצענעס פון דער גראנדיעזער מענשען־שחיטה און צו אלע גרוי־זאמקייטען פון דער אידעעלאָזער מלחמה, און גראָבער סאָלדאַ־טשינע, וואָס זייַנען באשריבען אין אזעלכע פארבען און מיט אזא קראפט, וואָס מיר האָבען נאָך ניט באגעגענט אין קיין פּאָעזיע פון אן אנדער לאנד. דערנאָך פאָלגען מיר נאָך זשואַנען צום פּאַלאץ פון יעקאטערינא דער גרויסער — אין דעם לאַנד פון די פאָלירטע בארבארען פון מזרח־איירָאפּא, וואָס ווערט רעגיערט פון א געניאַ־לישער פרוי, און פון דאָרט קיין ענגלאנד, אין דעם פארשפּראָכענעם לאַנד פון רויבעריי אויף די גרויסע וועגען, פון מאָראַל, פּלוטאָקראַ־טיִ און אריסטאָקראטי, פון הייראַט, וואָהלטעטיגקייט און צביעות.

דיזע אויבערפלאכע באשרייבונג גיט נאָר א נאַקעטע סכעמע וועגען דעם אינהאַלט פון דער פּאָעמע. ניט נאָר נעהמט זי ארום מיט דער איבערראשענדער און פיעלזייטיגקייט די גרינדליכע ווי־דערשפּרוכען פון'ם לעבען, נאָר זעהר אויספיהרליך באַקוקט זי יעדע פון איהרע מעסיגע ערשיינונגען. דער דיכטער האָט אין יעדער איינציגער געשעהעניש טיעף אריינגעשטופּט דעם זאָנד פון זיין פּאַנטאזיע, באָאָבאכטענדיג יעדע לאַגע, ווי פון דער פּסיכאָלאָגי־שער אזוי פון איהר אויסערליכער זייט. דער אנטישער כאראַק־טער פון גוטעס, געניאַליטעט האָט איהם ערלויבט צו האַלטען זיך אומעטום, וואו עס איז נאָר מעגליך געווען אין דער מיט, און אפילו אין „פאוסט", וואו ער ענדיגט מיט א שרעקליכער ערנסטקייט דאָס מענשליכע לעבען, הויבט ער זעהר פּאַמעלאַך אויף דעם שלייער, וואָס פארדעקט עס. איבער דעם פארלירט אָפט זיין ווערק דאָס ערסטע לעבענס־אנגעשטרענגטקייט. דער געניע פון'ם לעבען און טויט געפינט ניט אָפט א גענוגענדע גראָמע לופט אטמאָספערע, אום צו צושפּרייטען אין איהר אינגאנצען זיינע גיגאנטישע פליגלען.

בייראָן, פאַרקעהרט, באַמיהט זיך קיינמאָל ניט צו באַרוהיגען דעם לעזער, איהם שוינען. ער איז אַליין קיינמאָל ניט רוהיג, ביז וואַ־נען ער וועט ניט אַרויסזאָגען אַלץ, ביז וואַנען ער וועט ניט זאָגען זיין לעצט וואָרט וועגען דער זאַך; ער איז אַ שטאַרקער שונא פון יעדען אידעאַליזם, וואָס באַשעהנט אַ זאַך; זיין גאַנצע קונסט צייגט נאָר אָן אויף דער נאַטור און אויף דער ווירקליכקייט, און ער שרייט אויס, זיך ווענדענדיג צום לעזער: דערקען עס!

מיר וועלען נעהמען איינעם פון זיינע בעסטע טיפּען. צום ב. ש. — יוליאַן. זי איז 23 יאָהר אַלט, זי איז שעהן, גרינג און באַוואוסטלאָז פאַרליעבט אין זשואַנען, איז צופריעדען מיט איהר פופציג־יעהריגען מאַן, נאָר דאָך, ניט באַגרייפענדיג דאָס, וואָלט זי געוועזן צופרידענער, ווען ער זאָל זיך לאָזען פאַרבייטען אויף צוויי פינף־און־צוואַנציג־יעהריגע מענער. צוערשט, קעמפט זי מיט אַלע כחות צו אָפּהיטען איהר ריינקייט, דערנאָך פאַרלירט זי זי: דאָך האָט זי נאָך ביז איצט ניט באַגאַנגען קיין געמיינקייט אָדער קאָמישעס. נאָר דאָ צייגט בייראָן זי פאַר אונז אין אַ זעהר שווערער לאַגע: דער מאַן טרעפט דאָס פּאָרעל, אומגעריכט, און מיר ענטדעקען פּלוצלונג נייע זייטען פון איהר נשמה: זי לייגט, זי נאַרט אָפּ, זי שפּיעלט אַ קאָמעדיע אַזוי געשיקט, וואָס עס אי־בערראַשט אונז. הייסט דאָס, אז זי איז ניט געוועזן אַזאַ גוטע און סימפּאַטישע, ווי זי האָט זיך אונז פריהער אויסגעדוכט. מיר האָ־בען, הייסט עס, זיך טועה געוועזן?... ניין. בייראָן ווייזט אונז נאָך אַ טיעפערען שטריך פון איהר נשמה, וואָס ער צווינגט זי אָנשריי־בען דעם באַריהמטען אבשיעד־בריעף צו זשואַנען, אַ דורכגעפיהל־טער, אַ ריינער פרויען בריעף, איינער פון דער פּאַעמעס פערלען. הייסט עס, אַז דער נשמה קאַמף שליסט ניט אויס קיין געטריי־שאַפט, ליעבע שליסט ניט אויס קיין ליגענס, דער ליגען שליסט ניט אויס דאָס אַרויסצייגען אין געוויסע מאָמענטען די העכסטע נשמה־צאַרטקייט און איהר העכסטע שעהנקייט. — און איצט, דער בריעף, וואָס איז פון איהם געוואָרען? זשואַן לייענט איהם אויף דער שיף מיט פייכטע פון טרערען אויגען — נאָר דער ריהרענדער פאַרגלייך צווישען די פאַרשיעדענע מיטלען פון ליעבע־ערשיינונג ביי דעם מאַן און פרוי ווערט דאָ איבערגעריסען מיט אַ ים־קראַנקהייט;

זשואַנעס ווערט ניט־גוט גראָדע דאַמאָלס, ווען ער לייענט דעם בריעף: — אָרימער בריעף, אָרימע יוליא, אָרימער זשואַן, אָרימע מענשהייט! איז דען ניט אַזוי דאָס מענשליכע לעבען? און דער־נאָך שווימט דער אומגליקליכער בריעף ווידער ארויס פון אויבען. ווען אין דער צייט פון הונגער אין שיפעל, ווען די מאַטראָסען וואָס האָבען איבערגעלעבט די שיף־קאַטאַסטראָפע האָבען שוין אָפּגע־געסען די לעצטע פּאָרציע, און אָפּגעצערטע, אומגליקליכע באַקוקען מיט זייערע הונגעריגע אויגען איינער דעם צווייטענ'ס פּאַרטריי־קענט געזיכט, און ווען זיי באַשליסען וואַרפען גורל אום צו באַ־שטימען וועמען פון זיי מען דאַרף טויטען און אויפעסען — גע־פינט מען דאַמאָלס ניט אויפ'ן שיפעל קיין אַנדער פּאַפּירעל, אוי־סער דעם פּאָעטישע, ליעבעס־פולען יוליא'ס בריעף, און מען נעהמט איהם צו פון זשואַנ'ען, אום איהם צורייסען אויף שטיקלאַך און זיי נומערירען. איינס פון דיזע נומערירטע שטיקלאַך פּאַפּיר ברענגט פעדרילען דעם טויט. עקזיסטירט ערגיץ ווירקליך אַזאַ אָרט אונ־טער'ן הימעלס־דעק, וואו מען זאָל קענען באַגעגענען אין איין רייהע די טרוימערישקייט פון ליעבע און די קאַניבאַלישע באַדערפעני־שען, — וואו זיי זאָלען זיך קענען באַגעגענען אויף איין און דעם זעלבען שטיקעל פּאַפּיר?... בייראָן ענטפערט, אַז ער ווייסט וועגען אַזאַ אָרט. דאָס איז — די ערד.

גלייך נאָך דעם פיהרט מען אונז צו גאַאידען. אין פאַרגלייך מיט איהר זיינען אַלע פריהערדיגע בייראָנ'ס גריכישע מיידלעך נאָך ניט קיין רייפע און אונזיכערע אַנוואַרפען. נאָך קיינמאָל איז אין דער פּאָעזיע פון דער איצטיגער צייט ניט באַשריבען געוואָרען מיט אַזאַ קונסט די ליעבע פון אַ אונמיטעלבאַרער, ווילדער נאַטור־טאָכטער. די בעסטע געטע'ס פרויען־פיגורען — גרעטכען און קלערכען — זיינען קליין־בירגערליכע מיידלעך, און ניט קוקענדיג אויף זייער גאַנצער אידעלקייט ליעגט דאָך אויף זיי דער שטעמ־פעל פון דעם קליינבירגערטום; דו פיהלסט אַז זייער מחבר איז דער זוהן פון אַ פראַנקפורטער בירגער, פאַר וועמען די נאַטור ענטדעקט זיך אין קליין־בירגערליכען שטאַנד, פונקט ווי ער זעהט די קולטור אין דעם לעבען פון'ם קליינעם דייטשען הויף. אין בייר־ראָנ'ס פראַכטפולע פרויען געשטאַלטען איז ניטאָ קיין סימן פון

קליינבירגערליכקייט, קיינע קליינבירגערליכע זיטען און געוואוינ־הייטען האָבען ניט איבערגעאַנדערשט זייער פרייע נאַטירליכקייט. די פיהלסט ווען די לייענסט וועגען זשואַנען און גאַאידען, אַז ביי־ראָן שטאַמט אָפּ אויף אַ גלייכער ליניע פון רוסאָ'ן, נאָר אין דער זעלבער צייט פיהלסטו אויך דאָס, אַז זיין הויכע אומאָפּהענגיגע געזעלשאַפטליכע לאַגע אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם גרויסען מזל, וואָס איז אויסגעפאַלען אויף זיין גורל האָבען איהם געגעבען אַ מעגליכקייט צו קוקען פון אַ פרייערען שטאַנדפונקט אויף דער מענשליכער נאַטור, ווי דער פון וועלכען רוסאָ האָט געקוקט אויף איהר.

„אַזוי האָבען זיי געשפּאַנט פאַראויס האַנד אָן האַנד איבער די בליסטשענדע שטיינער און קרעבס־שיידלאַך, האָבען געטראַטען איבער'ן הארטען און גלאַטען זאַמד. און אין די אַלטע ווילדע הייה־לען, וואָס דער שטורעם־ווינד האָט אויסגעגראָבען, גלייך ווי דורך אַ פון פריהער צונויפגעשטעלטען פּלאַן, אין די הוילע קעלערס מיט די געוועלבטע סטעליעס און צעלען האָבען זיי גערוהט, און האַל־טענדיג זיך אַרומגענומען האָבען זיי זיך אונטערגעגעבען דער שעהנ־קייט פון דעם פורפורנעם זון־אונטערגאַנג. זיי האָבען געקוקט אויפ'ן הימעל, וועמעס ציטערדיגער פלאַם האָט זיך צעשפּרייט איבער'ן גאַנצען הימעל, גלייך ווי אַ בלויער אָקעאַן, אַ אומגעהייערער און אַ בלאַסקענדער: זיי האָבען געקוקט אַראָפּ אויפ'ן גלאַנצענדיגען ים, אונטער וועלכען עס האָט זיך אויפגעהויבען ווי אַ האַלבער־קוגעל די ליכטיגע לבנה; זיי האָבען זיך צוגעהערט צו דעם קלאַפּען פון די כוואַליעס און צום גרינגען ווינטעל, און האָבען געזעהן ווי זייערע אויגען האָבען העל געפינקעלט, קוקענדיג איינער אויפ'ן צווייטען; דאַמאַלס האָבען זיך זייערע ליפּען דערנעהענטערט און זיך באַהעפט אין אַ קוש, אַ לאַנגער, לאַנגער קוש פון יוגענד, און ליעבע, און שעהנקייט, וואָס האָט אַלץ קאָנצענטרירט אין איין כשוף, וואָס איז געווען אָנגעצונדען פון אויוון... גאַאידע האָט ניט גערעדט וועגען צווייפלען, האָט ניט געפאָדערט קיין שבועות און האָט זיי ניט געגעבען; זי האָט קיינמאָל ניט געהערט וועגען צוזאָגעכצען צו ווערען אַ ווייב און וועגען הייראַט־באַדינגונגען".

— וואָסער אַ לעזער וועט ניט דערפיהלען מיט באַגייסטערונג, —

צום מייסטען נאָך אויב ער האָט זיך באַקאַנט מיט דער עראָטישער צביעשקייט פון דער פראַנצויזישער רעאַקציאָנערער ליטעראַטור — אַ פרישען שטראָם פון אינגער, הייסער ליידענשאַפט, דעם דיכטער'ס באַגייסטערטע באַצויבערונג פון דער ריינקייט פון דער נאַטירליכער ליעבע, און איהר טיעפער, אונאויפהערענדער אָפּלאַכען פון דער פיליסטישער מאָראַל פון די אַזוי גערופענע פיינע מענשען. נאָר עקזיסטערט דען אַ וועלט — אַ גוט איינגעריכטעטע וועלט — אין וועלכען צוויי און צוויי — איז פיער, אַ וועלט פון חיות, אין וועל־כער אַלס געמיינע און די נידעריגסטע באַדערפעניששען קענען יעדע מינוט לאָזען וויסען וועגען זיך — און אין וועלכער עס קענען אין דער זעלבער צייט פּאַרקומען אַזעלכע שעהנע ערשיינונגען אין דעם מענשליכען לעבען, אַז אין דעם געשטאַלט פון אַ מינוטיגען גלאַנץ, אַז אין פאַרלויף פון עטליכע מינוטען, עטליכע טעג, עטליכע מאָנאַ־טען, אין פאַרלויף פון עטליכע יאָהר ? יאַ, ענטפערט בייראָן, אַזאַ וועלט עקזיסטירט : דאָ טאַקע וואָס ליגט אָן אָפענע פאַר אונז אַלעמען. און ער טראָגט אונז גיך אַריבער אויף אַ מאַרק פון שקלאַפען, אין דעם סעראַל, אויף אַ שלאַכט־פעלד, וואו רציחות און גוואַלדטהאַטען ווערען באַגאַנגען סיסטעמאַטיש, און וואו מען הויבט אויף קליינע קינדער אויף שפּיזען.

אַט וואָסערע גראַנדיעזע ווידערשפּרוכען די פּאָעמע ענטהאַלט אין זיך. נאָר דאָס איז ניט קיין געפיהלפולע, סאַטירישע, שפּאַ־סיגע עפּאָפּעיע, ווי אַריאָסטע'ס עפּאָפּעיע — דאָס איז אַ ליידענ־שאַפטליכע פּאָליטישע, טענדענציעזע פּאָעמע, וואָס איז פול מיט אונצופרידענהייט, כעס, דראָהונג, און קריגערישע אויסרופען, מיט לאַנגע, אַפּט־ווידערהאָלענדע, שאַרפע קלאַנגען פון אַ רעוואָלוציאָ־נערען קריעגס־טראָמפּייט.*) בייראָן באַשרייבט ניט נאָר די שרעק, נאָר ער טייטשט זיי אויך אויס. נאָך דעם ווי ער האָט נעבראַכט צו יעקאַטערינאַ'ן די נייעס וועגען סואוואראָוו'ס „קצב'ס" זיעג, זאָגט ער :

„ער האָט אָנגעשריבען די ליעד, האָט זי איבערגעלעגט אויף

---

*) „ביסלעכווייז וועל איך זיך צוטרובען, ווי ראָלאַנד'ס האָבען אין דער צייט פון ראָנעסוואַלישער שלאַכט". (דאָן־זשואַן, 87).

מוזיק און האָט איהר צוגעגעבען אַ פּאַסענדען אַקאָמפּאַנימענט פון קרעכצען און הייזעריגקייט; פיעל וועלען זי ניט זינגען, נאָר קיינמאָל וועט מען זי ניט פאַרגעסען, דערפאַר וואָס איך וועל אַזוי לאַנג ריידען ביז וואַנען די שטיינער וועלען ניט אָנהויבען שרייען נעגען די וועלט־טיראַנען. זאָל קיינער ניט וואַגען זאָגען, אַז מיר קריכען פאַר אונזערע הערשער, נאָר זאָלט איהר, אונזערע אור־אייניקלעך, זיך דערוויסען פון אונזער באַשרייבונג, ווי אַזוי עס האָט זיך געלעבט אין דער צייט, ווען די וועלט איז נאָך געווען פאַרשקלאַפט".

פאַרגלייכט אין דעם פּונקט דאָן־זשואַן'ען מיט „פּאוסט'ען" די גרויסע פּאָעמע פון צוויי יאהר־הונדערטע, און איהר וועט דערפיהלען, אַז דער ברייטער היסטאָרישער הויך אין „דאָן זשואַנען", פאַר־מאָגט דיזעלבע קראַפט, וואָס דער פילאָסאָפישער גייסט וואָס באַ־זעלט „פּאוסט'ען". און אויב מיר וועלען איהם פאַרגלייכען נאָך דער מאַכט פון דער פאַנטאַזיע מיט זיין רוסישען שפּראָצלינג — פּושקין'ס „יעווגעני אָנעגין", אָדער מיט זיין נאַרוועגישען שפּראָצ־לינג — „אַדאַם האָמאָ" פון פּאַלודאַן מיולער; וועלען מיר באַ־מערקען אין דער ענגלישער פּאָעמע דעם גייסט פון דער נאַטור און דער געשיכטע נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, אַ דאַנק איהר פאַר־גלייכען מיט'ן וועלטליכען טאָן און פּאָליטישער ניט־רייפקייט פון דער רוסישער פּאָעמע אין דעם שמאָל־מאָראַלישען שטאַנדפּונקט אין דער אַזוי טאַלאַנטפול־אָנגעשריבענער נאַרוועגישער פּאָעמע. אין „דאָן זשואַן" געפינען מיר געשיכטע און נאַטור, גלייך ווי מיר געפינען אין „פּאוסט" נאַטור און טיעפזיניגע פילאָסאָפיע; אין דער ערשטער פּאָעמע צעשפּרייט זיך דאָס מענשליכע לעבען אין דער גאַנצער ברייטקייט, ווערענד אין „פּאוסט" ווערט זי פאַרשמאָלט אין איין פאַרקערפּערונג פון דער פּערזענליכקייט, אין דער גאַנצער „דאָן זשואַן" איז אַ פּרוכט פון אונצופרידענהייט, וואָס שרייבט אויף פאַר די אויגען פון די גרעסטע פון דער וועלט זיין: מנא, מנא, תקל ופרסין.

נאָר אין דעם ווערק ערשיינט בייראָן דאָס ערשטע מאָל אַליין מיט זיך. די גרינדליכע לעבענס־ערפאַהרונג האָט איהם אַזוי אויסגעלערנט צו דערקענען דעם גאַנג פון דער וועלט'ס ענטוויק־

לונג, אום אוועקצואווארפען אַן אַ זייט דעם ניט־רייפען אידעאַ־ליזם. ער האָט גוט געוואוסט, וואָסער אַ פאָרם עס טראָגט דער מיטעלער מענש און וואָס עס זיינען זיינע וועגווייזערס אין לעבען. בייראָן׳ען האָט מען אָנגערופען מענשען־פיינד איבער זיינע שאַרפע אָפּלאַכענישען פון אַזעלכע זאַכען. ער האָט אויף די פאָרוואורפען געגעבען אַ ריכטיגען ענטפער מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„פאַר וואָס רופען זיי מיך מענזאנטראָפּ? דערפאַר וואָס זיי האַסען מיך, און ניט איך זיי..." פארשטעהט דאָך, ער איז אַמאָל געוועזען ציניש, נאָר ציניש איז דאָך אָפט די נאַטור אליין. איז ער דען ניט גערעכט, ווען ער זאָגט (49 ,5): איינינע רעדען וועגען דעם רוף צו ליידענשאַפט, צווייטע וועגען דעם רוף צום געפיהל און די דריטע, ענדליך, ווענדען זיך צום שכל... נאָר קיין קלאַנג ווירקט ניט שטאַרקער אויף דעם מענשען׳ס בעסטע געפיהלען, ווי דער אַליץ־ווייכמאַכענדער, מעכטיגער קלונג — דער קלונג פון׳ם גלאָק, וואָס רופט צום מיטאָג.

איז ער דען ניט גערעכט, ווען ער באַווייזט און׳ברחמנות׳דיג די שטאָלצקייט און דעם עגאָאיזם פון דער ליעבע (73 ,9) אָדער געהט ער דען ווייט אוועק אין סאַטירע און אין ביטערניש ווען ביים באַשרייבונג פון דעם פאַמיליען־לעבען זאָגט ער:

„פאַרשטעהט זיך, אַז האָבען אַ פיינע פאַמיליע איז זעהר אַן אָנגענעמע זאַך, נאָר מיט׳ן באַדינג, אַז די קינדער זאָלען ניט אַרייג־קומען נאָך׳ן עסען; ס׳איז זעהר שעהן צו זעהן אַ מוטער, וואָס האָדעוועט אַליין איהר קינד, נאָר מיט׳ן באַדינג, אַז דאָס האָדעווען זאָל זי ניט מאַכען דינער".

אָך, אַזוי לאַנג ווי די שעהנע זאַכען האָבען נאָך אַ צווייטע זייט, דאַרף מען דעם דיכטער ניט פאַרוועהרען צו אָנווייזען אויף איהר, ווי אַזוי די מאָראַליסטען זאָלען דערביי ניט קרעכצען! נאָר די ערטער זיינען, אָהן צווייפעל, די סאַמע צינישע אין דער פּאָעמע, עהנליך צו דעם פאַרביטערטען אַרויסטריט אין רוסאָ׳ס געשמאַק געגען דער ציוויליזאַציע, די פרייד פון וועלכער וואָס דריקט זיך אויס אין אַזעלכע ווערטער, ווי מלחמה, טשומא, גוואַלדטהאַט, אַ. ז. וו. ווערט שטענדיג באַגלייט מיט הייסע ערקלערונגען אין ליעבע צו דער נאַטור (זעה 8—68).

„מען רעדט וועגן מיר אין אַנאָנימע אַרטיקלען — שרייט בייראָן אויס — (3, 104) אַז איך האָב ניט קיין רעליגיעזיטעט... מיינע אַלטאַרען — זיינען בערג און דער ים, ערד, לופט, שטערן, אַלץ וואָס גערט אַרויס פון דעם גאַנצן גרויס, וואָס האָט געבראַכט אויף דער וועלט אונזער נשמה און וועט זי צוריק נעהמען צו זיך".

נאָר, פאַרשטעהט זיך, אַז אַזאַ פאַרגעטערונג פון דער נאַטור האָט ניט געשטימט מיט'ן טעאָלאָגישען ריטואַל. דערנאָך גערט בייראָן איבער נאָך אַמאָל צום לויבען די פרייהייט פון געדאַנק, גלייך ווי ער זאָל ווידערהאָלען דעם געזאַנג פון „טשאַילד - העראָלד":

„איך זאָל אפילו בלייבען איינער אַליין, דאָך וועל איך ניט פאַרבייטען די פרייהייט פון מיין געדאַנקען אויף אַ טראָהן".

דערנאָך טרעטען ערטער־ווייז אַרויס אויף דער סצענע די ביטערסטע אַנפאַלען אויף דער ערקלערונג פון דער באַשאַפונג פון זינד, וואָס די טעאָלאָגען לערנען, און ערטערווייז אַ בייסענדע סאַ־טירע אויף דער אָרטאָדאָקסיע און אויף דער אַלגעמיין־אָנגענומע־נער לעהרע, אַז קראַנקהייט און אומגליקען מאַכען דעם מענשען פאַר אַ גלויביגען. וועגען זינד זאָגט ער אַזוי:

„נאָר דער הימעל, ווי קאַסיע האָט געזאָגט, איז העכער פון אַלץ — קיין וואָרט מעהר, לאָמיר תפלה טאָן". מיר דאַרפען ראַ־טעווען אונזערע נשמות פון יענער צייט ווען חוה'ס איבעררעדען און אדם'ס פאַלען האָבען אַריינגעשליידערט אין קבר אַריין די גאַנצע מענשהייט, און חוץ דעם, די פויגלען, די חיות און פיש. „דעם שפערלינגס פאַלען — איז דעם שטן'ס אַרבייט". כאָטש אין וואָס עס באַשטעהט זיין פאַרברעכען — ווייסען מיר ניט; נאָר ווייזט אויס, אַז ער איז געזעסען אויף יענעם בוים, וואָס חוה האָט אַזוי אַרומגעזוכט".

פון דער פראַזע קען מען זעהן, וויפיעל געוואַגטער און שאַרפער עס איז געוואָרען ביירא'ן טאָן זינט דער צייט פון „קין", צ. ב. וועגען דער אַזוי גערופענער האָספּיטאַלער אָרטאָדאָקסיע זאָגט ער (6, 5, 11):

„וואָס מעהר איך לייד פון קראַנקהייטען, אַלץ מעהר גלויביגער ווער איך: דער ערשטער קלאַס האָט מיך געצוואונגען אָנהויבען גלויבען אין גאָט (אין וועלכען איך האָב, אייגענטליך, קיינמאָל ניט

געצווייפעלט, ווי אין שד); דער צווייטער — אין דער געהיימער אונשולד פון דער יונגפרוי; דער דריטער — אין דער עקזיסטענץ פון דער שלעכטסקייט; דער פערטער האט אזוי זיכער פעסטגע־שטעלט פאר מיר דעם עקזיסטענץ פון דער גאנצער דריי־אייניגקייט, אז איך האב פרום געבעטען, אז די דריי־אייניגקייט זאל באשטעהן פון פיער פערזאנען, אום איך זאל בעסער גלויבען".

בייראן איז דערגאנגען צו דעם פונקט אין זיין לעבען אלס דיכטער, אז ער האט ניט געוואוסט ווי אזוי צו דרוקען זיינע ווערק. זיין ארויסגעבער האט זיך דערשראקען און האט זיך אינגאנצען אפגעזאגט פון ארויסגעבען זיינע ביכער. די ערשטע לידער פון „דאן זשואן" האבען מיט גרויסע מיהע געקראגען אין ענגלאנד א בוך־הענדלער וואס האט זיך באשלאסען צו נעהמען זיי אויף קאמי־סיאן. בייראן זאגט אליין, פארגלייכענדיג זיין מזל מיט נאפא־לעאן'ס (דאן זשואן, 11 ,56):

„זשואן איז געווען מיין מאסקווא, פאלעריא — מיין לייפציג, און קין שטעלט זיך מיר פאר אלס מיין מאן־סען־זשאן. דאס מערכען Belle Alliance קען יעצט אויפהויבען דעם קאפ, ווארום דער לייב איז געפאלען".

מיר האבען שוין געזעהען, אז סאוטי האט געוואגט צו זאגען אין זיין פאררעדע צו דעם געדיכט: „דער וויזיאן פון'ם געריכט". ער האט, ווי אן אמת'ער פאררעטער געפאדערט פון דער רעגי־רונג, אז זי זאל ארויסלעגען א פארבאט אויף צו פארקויפען ביירא'ן'ס ווערק; און אז דער אנפאל איז געווען געריכטעט געגען ביירא'נען — האט סאוטי אליין ניט געלייקענט אין זיין ענטפער אין אן ארטי־קעל אויף ביירא'ן'ס טענות. מיט פרייד שרייט ער אויס דארט:

„איך האב איבערגעגעבען צו א געזעלשאפטליכער פאראכטונג די מיטגלידער פון דער שולע, ווי די פיינד פון דער רעליגיע און זייער פאטערלאנד, דער געזעלשאפטליכער ארדנונג און די מאראל. איך האב דעם א נאמען געגעבען — די שולע פון די שדים — דער נאמען פאסט זיך זעהר צו זייערע גרינדונגס־רעגעלען, אזוי צו דער פערזאן פון זייער פיהרער. איך האב זיי געווארפען א שטיין, וואס האט גלייך געטראפען גלית'ן אין קאפ. איך האב צוגענא־געלט זיין נאמען צו דעם עשאפאט פאר אייביגער שאנדע און שפע־

טעניש, ווי לאַנג מען וועט איהם געדענקען. נעהמט איהם אראָפּ פון דאַרטען ווער עס קען!"

אזוי האָט געשריבען אַן אונטערגעקוועטשטער, וואָס האָט געקראָגען געהאַט, שרייבערעל, וועלכער האָט, נאָך בייראָן'ס ווערטער „זיך צוגעלייגט ביז דעם נאָמען פּאָעט — לאָורעט". בייראָן האָט געענטפערט מיט זיין וואונדערבארער סאַטירע: „דער וויזיאָן פון'ם געריכט". געאָרג דער דריטער איז אויך ביי איהם, ווי ביי סאַוטין, קומט צו די טויערען פון דעם הימעל און פאָדערט, אז מען זאָל איהם אריינלאָזען. נאָר דער הייליגער פעטער האָט ניט קיין ביסעל חשק איהם צו פאָלגען. די שליסלען ביי די שומרים פון די טויערען זיינען פאַרראָסטעט געוואָרען; די טויערען עפענט מען זעלטען אויף: פון'ם יאָהר 1789 געהן אלע מענשען גלייך אין גהינום אריין. די כרובים ווילען שוין אריינלאָזען דעם אלטען. נאָר דער שטן טרעט ארויס אלס באשולדיגער און ער און מיכאל הויבען זיך אָן שפּאַרען וועגען דעם רעכט אויפ'ן טויטען. יעדערער פון זיי ברענגט עדות און צווישען זיי ערשיינט אויך סאַוטי, וועלכער הויבט אָן אין דער הויך לייענען זיינע ווערק און ער ווערט, א דאנק דעם, אזוי דערעסען, אז אלע — די מלאכים ווי די רוחות — צולויפען זיך, און דער אלטער קעניג באַנוצט זיך מיט דער אונארדנונג, וואָס איז געוואָרען מיט'ן טומעל און לויפט אריין אין טויער. פון פאַרצווייפלונג איבער סאַוטי'ס פאַרלעזונג דערלאַנגט איהם דער הייליגער פעטער מיט די שליסלען איבער'ן קאָפּ, סאַוטי פאַלט אויף דער ערד, מיט זיינע ווערק, נאָר ער כאַפּט זיך באַלד צוריק אויף די פיס, „וואָרום די זאַכען וואָס ווערען פאַרפוילט ביז'ן גרונד זיינען אזוי גרינג ווי א קאָרב". דאָס קליינע מוסטערהאַפטע ווערק געהט נאָך פּונקט נאָך פּונקט נאָך סאַוטי'ס געדיכט, וואָס ער פאַראָדירט*). מיט גרויסע מיהע איז אַנגעקומען דאָס אָפּדרוקען עס. מורעי האָט עס ניט געוואָלט ארויסגעבען, און קיינער פון די לאַנדאָנער ארויסגעבער האָט זיך ניט באַשלאָסען דאָס צו טאָן.

אין דער צייט פון די אלע שווערקייטען האָט בייראָן געמאַכט

*) אַנפאַלען אויף סאַוטי'ן באגעגענען זיך אויך אין „דאָן־זשואַן", 18, 10, 85, 9, 93, 80, 3, 205, 1.

זיין סאַמע אנאַלאַגישען שריט אין דער ליטעראַטור, וואָס האָט מעהר פון אלץ געבראַכט שאַדען אין די אויגען פון די ענגלישע לעזער. איין טאַלאַנטפולער, נאָר ניט גאָר קיין אויסגעצייכענטער מענש, דער ראַדיקאַלער דיכטער לעיג הענט, וועמען בייראָן האָט באַזוכט צוזאַמען מיט מאָר'ען נאָך אין דער פריהער יוגענד (צוליעב דעם, אַז ער זאָל ארויסגעבען זיינע געדאַנקען), ווען מען האָט איהם איינגעשפּאַרט אויף צוויי יאָהר אין געפענגניס פאַר'ן באַליידיגען דעם פּרינץ רעגענט, און וועלכער איז איצט געווען אין פריינדליכע באַציהונגען מיט שעלי'ן — האָט געוואָלט גרינדען אַ ראַדיקאַלען זשורנאַל צוזאַמען מיט שעלי'ן און בייראָן'ען. שעלי האָט זיך אַליין צוליעב באַשיידענהייט אָפּגעזאָגט, נאָר ווען ער האָט נאָר געזאָגט געגנט'ען, אַז איהם וועט זיך, מעגליך, איינגעבען ארייַנקריגען בייראָנען אַלס מיט־ארבייטער האָט געגנט פאַרלאָזט ענגלאַנד מיט דער ווייב און קינדער, האָט איבערגעלאָזט אַלע געשעפטען, וואָס האָבען איהם געגעבען אַ מעגליכקייט צו עקזיסטירען, און איז געקומען אָהן געלט, אָהן הילף, קיין איטאַליע, וואו בייראָן האָט איהם פריינדליך אויפגענומען איהם מיט דער פאַמיליע אין זיין הויז. נאָר אין גיכען איז קלאָר געוואָרען, אַז אַזעלכע צוויי מענשען קענען ניט שטימען צוליעב דער פאַרשידענאַרטיגקייט פון זייערע כאַראַקטערע און טאַלאַנטען; בייראָן'ען האָט שאָקירט געגנטס צו גרויסע פאַמיליאַריטעט, און דעם צווייטען האָט אָפּגעשטופּט בייראָן'ס גרויסהאַלטונג. נאָר דער גרעסטער אומגליק איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס בייראָן האָט זיך איינגאַנצען ערנידריגט אין די אויגען פון די ענגלענדער מיט זיין חבר'ן זיך מיט אַזאַ אומווירדיגען, אין פאַרגלייך מיט איהם, מענטשעל.

אומזיסט האָט טהאָמאַס מאָר איהם געוואָרנט, זיך אָפּזאָגענדיג אַליין צו שיקען אַן ארטיקעל פאַר דעם זשורנאַל, און האָט איהם געשריבען :

:איהר קענט אַליין אָנפאַנגען אַ קאַמף געגען דער גאַנצער וועלט, וואָס דאָס אַליין באַדייט שוין צופיעל, דערפאַר וואָס די וועלט אַזוי ווי בריאַרי, איז אַ פיעל־הענטיגער דזשענטעלמאַן, נאָר אום צו זיין אין דער לאַגע דאָס צו טאָן, דאַרפט איהר זיין אַליין. געדענקט, אַז

די מיאוסע הייזער, וואָס רינגלען אַרום דעם סאָבאַר פון דעם הייליגען פעטער לאָזען איהם ניט באַקוקען ווי עס געהער צו זיין".

נאָר בייראָן, אויב ער האָט שוין געגעבען זיין וואָרט צו שטיצען גענטען, האָט שוין ניט געקאָנט דאָס נעהמען צוריק. ער האָט ניט פאָראויסגעזעהען אין יענער צייט, אַז די ערשטע זאַך וואָס גענטע וועט טאָן נאָך זיין טויט וועט זיין דאָס אַרויסגעבען פון די דריי בענדער פון זיינע ווערק, אום צו באַפלעקען זיין אַנדענקען. *)

ער האָט אָפּגעגעבען גענטע'ן „די וויזיאָן פון'ם געריכט און הימעל און ערד"—אַ מערקווירדיג געדיכט, וואָס באַשרייבט דעם חורבן פון דער וועלט. נאָר דער זשורנאַל, וואָס האָט צוערשט באַדאַרפט הייסען „טהי קאַרבאָנאַרי", נאָר צוליעב פּאָליטישע גרינדע האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען „טהי ליבעראַל", האָט אויפגעוועקט אַזאַ אומצופרידענהייט און פאַרדראָס וואָס האָט זיך קוים געקאָנט האַלטען און איז טאַקע אונטערגעגאַנגען נאָכ'ן פערטען נומער אַזוי איז אויסגעקומען, אַז בייראָן איז געבליבען אינגאַנצען אַרויסגעוואָרפען פונ'ם ליטעראַרישען פעלד און נאָר איין וועג איז פאַר איהם פאַרבליבען אָפען — דער וועג פון טעטיגקייט און פון ווירקליכען, פאַקטישען קאַמף.

נאָר צוערשט האָט זיין רעוואָלוציאָנערער פּאַטאָס געפונען אַן אויסגאַנג אין „דאָן זשואַן" און אין „בראָנזעווין יאהר־הונדערט". שעלי האָט געגלויבט, אַז בייראָן פאַרמאָגט גענוג עהרגייציגקייט און טאַלאַנט, אַז ער זאָל ווערען דער רעטער פון זיין געדריקטען פאַטערלאַנד. נאָר אין דער הינזיכט איז ער געווען ניט גערעכט, וואָרום דער לאַנגזאַמער קאַמף פאַר דער פרייהייט פון דער ענגלישער אָפּאָזיציע האָט ניט געטויגט פאַר בייראָנען. חוץ דעם האָט ניט נאָר די שלעכטע פּאָליטישע לאַגע פון ענגלאַנד איהם אויפגערעגט, נאָר אין זיין אומצופרידענהייט מיט אַלע אַרטען פון אונטערדריקונג און מיט זיין פיינדשאַפט צו צביעות איז ער געוואָרען

---

*) טאָמאַס מור פאַרגלייכט איהם גאַנץ גרינדליך מיט אַ הונט, וואָס האָט געקראָגען אַן ערלויבנעס צו וואוינען מיט אַ לייב אין איין שטייג, און ער גיט נאָך זיין טויט די עקעלהאַפטסטע אָנצוהערענישען וועגען דעם.

א קעמפּער פאַר דער גאַנצער ליידענדער וועלט. זיין בלוט האָט געזאָדען ווען ער האָט געטראַכט וועגען דער שקלאַפריי אין אַמעריקא, וועגען דער שלעכטער באַהאַנדלונג פון דעם אָרימען קלאַס אין אירלאַנד, וועגען דער מאַרטירערטום פון די פּאַטריאָטען אין איטאַליע. זיינע סימפּאַטיעס זיינען שטענדיג געווען אויף דער זייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

בייראָן איז צוערשט געווען באַגייסטערט פון נאַפּאָלעאָנען; נאָר ווען ער האָט געזעהן, אַז דער העלד פון זיין צייט איז אַזוי פאַרקליינמוטיגט געוואָרען, אַז ער איז געוואָרען אַן אימפּעראַטאָר, האָט פאַרניכטעט אַלע „זיך אויפבאַפּענדע מענשליכע רעכט“ און אַז ער האָט, ענדליך, אין פאַנטענעבלאָ אויסגעקליבען בעסער זיך אָפּזאָגען פון׳ם טראָהן איידער צו באַגעהן זעלבסטמאָרד, איז ער מיט שרעקליכע ביטערע ווערטער אָנגעפאַלען אויף זיין געוועזענעם אידעאַל. א סך עהנליכקייט איז פאַראַן אין דער באַציהונג פון געטע׳ן און בייראָנ׳ען צו נאַפּאָלעאָנען, ווארום ביידע לאַכען אָפּ פון דער אַזוי־גערופענער פרייהייטס־קריעג פון זייער פאַטערלאַנד געגען נאַפּאָלעאָנען; נאָר דער אונטערשיעד באַשטעהט אין דעם, וואָס די שטאָלצקייט פון דעם ענגלישען קעניג און זיין פּרייזיניגקייט מאַכט פאַר איהם אונמעגליך די נאַרישע ענטציקונג, מיט וועלכער דער דייטשער דיכטער איז אָנגעפילט. נאַפּאָלעאָן׳ס קריגערישע בלוטיגע באַריהמטקייט האָט ניט געקאָנט מאַכען קיין איינדרוק אויף דעם, וואָס האָט אין פּראַכטפולע ווערטער אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז ס׳איז פיעל שעהנער צו אויסטריקענען אַן איינציגע טרער, איידער צו פאַרגיסען א גאַנצען ים מיט בלוט. (דאָן זשואַן, 5, 3). און וואָס איז נאָר באַגייסטערט געוואָרען פון די קריעגס־מענשען וואָס האָבען ווי לעאָניד און וואַשינגטאָן געקעמפּט פאַר פרייהייט.

ער האָט שוין לאַנג געפּאָכעט מיט זיין רו איבער׳ן קאָפּ פון׳ם פּרינץ רעגענט און פיעלע מאָל האָבען זיך זיינע קלעפּ געשאָטען איבער׳ן פּרינצ׳ס פעטען לייב. „אירלאַנד שטאַרבט פון הונגער, און געאָרג וועגט 14 פּוד!“ זאָגט ער, און אין דער עפּיגראַם, וואו ער פאַרגלייכט איהם מיט קאַרל דעם ערשטען און הענריך׳ן דעם אכטען, שרייט ער אויס: „קאַרל (אָהן א קאָפּ) איז פאַר זיין פאלק

און הענריך (אָהן אַ הארצען) איז פאַר זיין פרוי". איצט האָט ביי־ראָן אָנגעהויבען אָנפאלען אויף זיין פאַטערלאנד. ער איז אָנגע־פאלען אויף אלע אונגערעכטיגקייטען, אלעס ניט־פאַסענדעס אין איהם, אָנהויבענדיג פון דער לעגענדע וועגען דער קעניגין'ס מיי־דעלשער אונשולד און ענדיגענדיג מיט דער פאָדערונג פון אַ היינט־וועלטיגער געדאנקען־ריכטונג.

„איך האָב זעהר ליעב דאָס פאַטערלאנד, אַזוי אַז איך וועל בע־סער זאָגען צעהן ניט־אמת'ען וועגען די פראַנצויזען, איידער איין אמת'דיגען וואָרט וועגען די ענגלענדער. אַזאַ אמת וואָלט געקאָנט זיך פאַרגלייכען מיט אַ רעגירונגס־פאַרעטונג". (7, 22).

ער האָט שוין לאנג געפּאָכעט מיט זיין רוט איבער'ן קאָפּ פון'ם איבער'ן פרינץ'ס פעטען לייב. „אירלאַנד שטאַרבט פון הונגער, אבטען, שרייט ער אוים: „קאַרל (אָהן אַ קאָפּ) איז פאַר זיין פאָלק נאָר איין פאַרדיענסט פאַר דער וועלט, ער האָט אונטערדריקט דעם אלטען אָנלעהן־שטעקען פונ'ם לעגיטיזם.” ענדליך וואגט ער מיט אַ פּאַטאָס און ערנסטקייט, וואָס זיינען גאַנץ אנדערש ווי אין טהאָמאס מאָר'ס סאַטירישע בריעף, צו ערקלערען ענגלאַנד, ווי שטאַרק עס האָט איהר טאָרישע פּאָליטיק זי דערנידריגט און פאַרהאַסט ביי אלע פעלקער פון דער וועלט. ער האָט ניט קיין פיעל גרונטען, זאָגט ער, פאַרוואָס ער זאָל ליעב האָבען דאָס שטיקעל ערד, וואָס באַלאַנגט צו אַ נאַציע, וואָס האָט געקענט זיין די בעסטע פון אלע; נאָר כאָטש ער איז פאַרפליכטעט צו איהר מיט זיין געבורט, פיהלט ער אַן אויסמיש פון עהרעפורכט און טרויער פאַר איהר געפאַלענער עהרע און איהר געוועזענער גרויסקייט:

„אַך, ווען זי זאָל אינגאַנצען באַגרייפען ווי פאַרהאַסט עס איז איצט געוואָרען איהר גרויסען נאָמען, ווי די גאַנצע וועלט ערוואַרט אויפ'ן קלאַפּ וואָס וועט אָפּדעקען איהר ברוסט; ווי אלע פעלקער רעכענען זי פאַר זייער ערגסטען שונא — זייער אַמאָל געאַכטעטען, ליגנערישען פריינד, וואָס האָט אַמאָל פאַרגעשלאָגען דער מענשהייט פרייהייט און איצט וואָלט ער געוואָלט פאַרשמידען אלע מענשען, אפילו זייערע געדאַנקען.

קען זי זיין שטאָלץ אָדער זיך גרויסען מיט איהר פרייהייט, ווען זי איז די ערשטע פון די שקלאַפען? די נאַציע איז אין

תפיסה, און ווער איז דער פארוואַלטער פון דער תפיסה? אויף אזא קרבן פון די קייטען און פון דער תפיסה. קען מען דען אָנרו־פען פרייהייט ז׳י פשוטע פריווילעגיע צו דרעהן דעם שליסעל אין שלאָס? דער וואָס האָט די קייטען איז אויך אזוי ווייט פון דעם הנאה האָבען פון די פארגעניגען פון דעם הימעל און לופט, ווי דער וואָס טראָגט זיי״.

בייראָן איז אין יענער צייט געשטאַנען אויף אזא הויך, אז קיינע טומלען וועגען דער וועלט׳ס פאָדערונגען האָבען איהם ניט געקענט אונבאַקוועם מאַכען; ער האָט פאַרפאָלגט די, ווי ער האָט עס אָנגערופען, „מיניסטערסטווע פון די מיטעלמעסיגקייטען״ אפילו נאָך׳ן טויט פון איהרע מיטגלידער. ער האָט קסעלטרין ניט געלאָזט רוהען אפילו אין קבר, ווארום, ווי ער דריקט זיך אויס אין דער פאָררעדע צו „דאָן זשואַן״, זיין סיסטעמע פון אונטערדריקונג און צביעות האָט נאָך עקזיסטירט אפילו נאָך זיין טויט. ער האָט געהאסט דעם לעגיטיזם און די ווידערהאָלטע ביז עקעל פראזען וועגען בריטאַניען, וואָס האָט געוועלטיגט איבער די ים׳ען, וועגען איהר דריי צייהניגקייט און וועגען איהר וואונדערבארער קאָנסטי־טוציע. אויף די פראַכטפולע גאָלדענע זעק — זאָגט ער נאָך נאַ־פאָלעאָן׳ס פאַלען —־ שטעהן ווידער אמאָל „געזיכטער מיט אמת־חיה׳דיגע שטריכען״.

אזוי ארום עפענט בייראָן אויף אין אייראָפּא די ראַדיקאַלע אָפּאָזיציע, וואָס האָט אין מיטען פון דעם צוואַנציגסטען יאהר־הונ־דערט אויפגעפלאַקערט געגען דעם פּאָליטישען ראָמאַנטיזם אין דעם הייליגען בונד. דער לעצטער איז געווען, נאָך זיין מיינונג, ניט עפּעס אנדערש ווי א פּאָליטישע צבועצטווע פון אייראָפּא, וואָס איז דערהויבען געוואָרען אין א סיסטעם. ער איז אָנגעפאַלען אויף דעם הייליגען בונד, אויף דער צבועצישער פּאָליטיקע פון די קאָנגרע־סען, און האָט אָפּגעלאַכט דערפון וואָס צוואַנציג אָריגינאַלען און ליעבאך וועג׳ען באשליסען דעם מענשענס מזל.

„אָ, אוילבערפארם! —· זאָגט ער — דו ביזט א איידעלער מענש, וואָס האָסט באפרייט די נעגרען — דו, וועמעס פאַרדיענ־סטען מען קען ניט גענוג לויבען אין געדיכטען און באזינגען אין ליעדער, — דו, וואָס האָסט אראָפּגעקלאַפּט דעם גראַנדיעזען זאנג

— דו ביזט דער מאָראַלישער וואשינגטאָן פון אַפריקאַ! נאָר דאָ בלייבט איבער נאָך אַ קליין ביסעל ארבייט פאַר דיר, אויב דו וואָלסט נאָר אין איין שעהנעם טאָג געוואָלט ברענגען אין אָרדנונג אויך די צווייטע האלב פון דער מענשהייט. דו האָסט באַפרייט די שווארצע — און איצט מאַך די ווייסע פאַר שקלאַפען! מאַך אויך פאַר אַ שקלאַף דעם פליבעוואַטען באַריהמער אַלעקסענדער'ן, און שיק אָפּ די דריי הייליגע קעניגען אין סענעגאַל, און לערען זיי, אַז דער סאוס, וואָס איז גוט געוועזן פאַר דער גאַנז איז אויך גוט פאַר די גענז; אַז דאָס וואָס איז אַ גערעכטיגקייט פאַר איינעם איז דאָס אויך אויך פאַר די איבריגע, און פרעג זיי דאַמאלס, ווי עס געפעלט זיי צו קריגען שמיץ פון אַ בייטש אויפ'ן אָרט פון מיטאָג־מאָלצייטען".

וואָס פאַר אַ שפּראַך! וואָס פאַר אַ קלאַנגען עס צוטראָגען זיך צווישען דער טויטער שטילקייט אין דער אונטערדריקטער איירָאָפּאַ. די קלאַנגען צוטראָגען זיך אין דער פּאָליטישער לופט און זיי הערען ווייט ארום; קיין איין וואָרט פון לאָרד בייראָן פאַלט ניט אויף דער ערד ס'זאָל ניט דערהערט ווערען, און די גרויסע צאָהל פארוואָגעלטע און פארפאָלגטע, די אונטערדריקטע און די פרייהייטס־ליבהאָבער פון גאַנץ איירָאָפּאַ, האָבען געווענדעט זייערע בליקען צו דעם איינציגען מענשען, וואָס איז אין מיטען דער גרויסער אָפּשוואַכונג פון דער אינטעליגענץ און כאראַקטער, וואָס האָט אומעטום געהערשט, איז געבליבען איינער אליין שטעהן אין זיין גאַנצער וואוקס, פראכטפול פון אַפּאָלאָן, מענעריש ווי אַכילעס, שטאָלצער ווי אַלע מאַכטהאָבער פון איירָאָפּאַ צוזאַמענגענומען. בייראָן, דער אומעטום אונבאַרירטבאַרער ענגלישער פּער, איז געוואָרען דער אָרגאַן פון דער שטילער פאַרביטערונג, וואָס האָט געדריקט די הערצער פון די בעסטע פרייהייטס־ליעבענדע מענשען פון איירָאָפּאַ, וועהרענד ער האָט אָהן שטערונגען און אונבאַשטראָפט געגעבען פרייהייט צו אַלע אויסברוכען פון זיין רעוואָלוציאָנערען כעס.

ער האָט אַליין ערקלערט די פּאָעזיע אַלס אַ ליידענשאַפט. זיין אייגענע פּאָעזיע איז איצט געוואָרען די אמת'ע פארקערפּערונג פון ליידענשאַפט. הערט ווי אַזוי ער האָט געשטורעמט איירָאָפּאַ:

„די שפּעטעריגע דורות, אויסהערענדיג די געשיכטען פון די

היסטאָריקער װענען אונזערע הערשער, װעלען מיט שװערקייט גלויבען, אַז אַלץ װאָס מיר לעבען איצט איבער האָט פּאַסירט אין דער װירקליכקייט; זיי װעלען דערביי אויסדריקען אַזאַ פאַרװאונדערונג, אַזוי װי מיר קוקען איצט אויף די איבערבלייבעכצען פון די מאַמענטען, זיך חדוש'ענדיג װאָסערע מענשען האָבען דאמאלס געלעבט. שטעלט זיך פאָר, אַז מען זאָל אויסגראָבען פון דער ערד געאָרג דעם 4-טען? די צוקינפטיגע מענשען װעלען מיט שװערקייט גלויבען, אַז אַזאַ קרענק האָט אַמאָל עקזיסטירט, — נאָר אַלץ איינס! זאָל גאָט אָפּהיטען דעם מלך און די מלכים! װארום אויב ער װעט זיך אָפּזאָגען זיי צו היטען, צװייפעל איך צו מענשען װעלען עס װעלען. עס דוכט זיך מיר, אַז איך הער, אַ קליין פויגעלע פּיסטשען, אַז דער פאָלק װעט צוביסלעכװייז װערען שטאַרקער. דאָס אונטערטעניגסטע פערד קלאַפּט מיט די אונטערשטע פיס װען דער שפּאָן שניידט זיך שטאַרק איין אין זיין פלייש. און דעם אָרימען המון איז שוין נמאס געװאָרען צו נאָכטאָן איוב'ם ביישפּיעל. צוערשט באַקלאָגט זיך נאָר דאָס פאָלק, און דערנאָך הויבט עס אָן שילטען און דערנאָך — אַזוי װי דוד האָט געכאַפּט דעם פּיילענבויגען און איז געגאַנגען געגען דעם גבור, אַזוי כאַפּט זיך דאָס פאָלק פאַר דעם ערשטען געװעהר װאָס די פאַרצװייפלונג גיט איהם און עס צופלאַקערט זיך אַ מלחמה. איך װאָלט דער ערשטער אַליין װעגען דעם באַדויערט װען איך זאָל ניט װיסען, אַז נאָר אַ רעװאָלוציע קען אָפּריינינגען דעם גהינום. איך װעל דאמאלס קעמפען (מעגליך, אַז אין װערטער, נאָר אויך מעגליך, אַז מיט טהאַטען) געגען יעדען, װאָס װעט מלחמה האַלטען מיט'ן געדאנק, און די פיינד פון דעם געדאנק זיינען געװען די ערגסטע דעספּאָטען און בלבולים-פאַרשפּרייטער. איך װיים ניט, װער עס װעט זיעגען; נאָר װען איך זאָל עס אפילו װיסען אויף צו פריהער, װאָלט מיין װיסען מיט גאָרניט װייך געמאכט מיין אמת'ען, הייסען, אויפריכטיגען האַס צו אַלער אַרט דעספּאָטיזם פון אַלע פעלקער פון דער װעלט (24, 9, 51, 50, 8, 39, 9, 137, 8).

.23

בייראָן׳ס טויט.

בייראָן האָט פאַראויסגעזעהען אַ רעוואָלוציע; ער האָט מיט ביטערניש געזעהן, אַז די פּלענער פון די קאַרבאָנאַרען ווערען צע־שטערט. נאָר ענדליך, איז זי צופלאַקערט געוואָרען, די רעוואָלוציע! „פון די שפּיצען פון די אַנדען, ביז די שטיינערנע רוקענס פון אָפאָן" האָבען געפלאַטערט די איינע און זעלבע פאָהנען. ער איז אַרויסגעטריבען געוואָרען פון דער ליטעראַטור אין ענגלאַנד. מען האָט איהם געטריבען אין איטאַליע פון איין שטאָדט אין דער צווייטער. ער האָט שטענדיג געזאָגט, אַז אַ מענש מוז טאָן פאַר דער מענשהייט מעהר ווי שרייבען געדיכטען. פיעל מאָל האָט ער זיך אויסגעדריקט וועגען דער קונסט, ווי אַלס אַ לוקסוס. איצט האָט זיך אַלץ פאַראייניגט און איהם געוועקט צו טהאַט. דאָס איינציגע, וואָס האָט איהם אָפּגעהאַלטען, דאָס איז — דער געדאַנק וועגען דער גראַפינע גוויטשיאָלי. ער האָט באַשלאָסען נעהמען אַן אַנטייל אין דער מלחמה פאַר דער באַפרייאונג פון די קרעאָלען, ער איז געוועזן שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם גאַנג פון דער אַרבייט אין דרום־אַמעריקאַ, און שוין זיין אָדע צו וועניציע פאַר־ענדיגט זיך מיט די ווערטער, אַז ס׳איז בעסער, פיעל בעסער, איידער איינגעזונקען צו ווערען אין איטאַליען׳ס בלאָטע, אַוועק־פאָהרען צו די נאָך פרייע גרעקען אין זייער פערמאָפּילע, אָדער שווימען אויפ׳ן ים און ברייננגען קיין אַמעריקאַ נאָך איין פרייען מענשען.

נאָר די שטרעבונג צום לאַנד, וואָס האָט איהם די ערשטע באַגייסטערט צום דיכטען איז געוועזן שטאַרקער פון אַלץ. ער האָט זיך צעשיידט מיט זיין געליעבטער, ווארום ער האָט ניט גע־

וואָלט זי ברייננגען אין אַ געפאַהר. דער ענגלישער קאָמיטעט פון די עלינאַפילען האָבען איהם אויסגעקליבען פאַר אַ מיטגליעד. און ער האָט מיט זיך אוועקגעפיהרט פיעל געלד פון׳ם קאָמיטעט. אין ליוואָרנאָ האָט ער געקראָגען אין לעצטען טאָג פון׳ם אַפּפּאַהר דעם ערשטען און לעצטען גרוס פון געטען — דער באַרימטער סאָנעט צו בייראָן׳ס פון׳ם אַלטען קינסטלער. גאַנצע פינף מאָנאַטען האָט ער געלעבט אין קעפאַלאָניע, האָט זיך מיט היטץ גענומען פאַר׳ן לערנען די גריכישע לאַגע, וואָס איז געשטורעמט געוואָרען פון אַלע זייטען מיט די גריכישע פיהרערס, וואָס זיינען אַלע געווען אין קריעג איינער מיט׳ן צווייטען און אַלע האָבען זי געשלעפּט צו זיין זייט. די צעטיילונג פון דעם קריעגס־מאַטעריאַל, דאָס געוועהר און געלד האָבען געפאָדערט אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ער האָט גע־פיהרט מיט דער אייזערנער פּליים. ענדליך האָט בייראָן אויס־געקליבען צווישען די גריכישע פיהרער און האָט באַשלאָסען אוועק־צופאָהרען צו מאַוראָקאָרדאַטאָ און מיסאָלאָנגי. ווען ער איז געווען אין קעפאַלאָניע האָט ער געקראָגען די בעסטע פאָרשלעגע. די גרעקען האָבען, אין אַלגעמיין, גענויגט געווען צו אַ מאָנאַרכיסטי־שער פיהרונג, און נאָך טסעלאָוני׳ס פאַרזיכערונג, וואָס האָט גוט געוואוסט די נעגענזייטיגע באַציהונגען פון די גרעקען, זיי האָבען באַשלאָסען, אַז אויב בייראָן זאָל דערלעבען ביז׳ן קאָנגרעס אין סאַלאָן — זאָל מען איהם פאָרשלאָגען ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי די גריכישע קרוין.

ווען בייראָן האָט זיך ארויסגעזעצט אין מיסאָלאָנגי האָט מען פאַר איהם געמאַכט כמעט אַ קייזערליכע אויפנאַמע. סאַלוטען פון הארמאַטען און אַ באַטויבענדע מוזיק האָבען איהם באַגריסט, וועהרענד די גאַנצע באַפעלקערונג איז ארויס אויפ׳ן ברעג, און אין הויז, וואָס מען האָט פאַר איהם צוגעגרייט האָט איהם ערוואַרטעט מאַוראָקאָרדאַטאָ מיט אַ גלענצענדער פאַרזאַמלונג פון גריכישע און אויסלענדישע אָפיצירען. 5000 מענשען זיינען געווען אין שטאָדט. בייראָן האָט זיך אונטערגענומען צו פיהרען פינף הונ־דערט לוסיאָטען (אַלבאַנעזעם) וואָס זיינען נאָך׳ן טויט פון מאַרקאָ באָצאַרי געבליבען אָהן אַ פיהרער. פאַר זיך אַליין האָט ער אויס־געקליבען די געפעהרליכסטע פּלעצער, גלייך ווי ער זאָל זוכען דעם

טויט. ער האָט געוואָלט זיך אונטערנעמען צו קאָמאַנדירען דאָס חיל וואָס האָט געדאַרפט געהן קיין לעפאַנטאָ, און האָט געהאָפט אז מיט ענערגיע און בראַווקייט וועט ער אויסקויפען זיין ווינציגע קריעגס־ערפאַהרונג; דאָס סטראַטעגישע פיהרען פון דער קאָמאַנ־דע וועט זיין די פליכט פון דעם גענעראַל־שטאַב. ביי די אומ־שטענדען האָט ער געהאַט אַ געלעגענהייט זיך צו איבערצייגען, וואָסער אַ גרויסע ווירקונג עס האָט די אייגענע ניט שרעקעדיגקייט אויף אַ האַלב ווילדען פאָלק. ער האָט אויף זיינע סוליאַטען גע־מאַכט אַזאַ שטאַרקען איינדרוק דערמיט, וואָס ער האָט אזוי גוט געקאָנט שיסען, וועהרענד זיי אַליין זיינען גאָר קליינע שיסערס געוועזען, און מיט זיין גלייכגילטיגקייט צו אַ געפאַהר. ער איז ווי אַליין גאָר געוואָרען אַ גרעסערער מענש. אמת, עס פלעגען איצט אויך ביי איהם טרעפען די אַנפאַלען פון זיין אַלטער מעלאַנכאָליע, נאָר דער ליכטיגער וועג פון כבוד איז געלעגען פאַר איהם. זיין שטימונג האָט ער איבערגעגעבען אין אַ ליעד, וואָס איז אפשר דאָס בעסטע פון אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעשריבען; אין אַ ליעד וואָס ער האָט אָנגעשריבען לכבוד זיין 36 יעהריגען געבורטס־טאָג, פאַר־גלייכענדיג עס מיט די שורות, וואָס זיינען פול געוועזען מיט פאַר־צווייפלונג, וואָס ער האָט אָנגעשריבען צו זיין 33 יעהריגען גע־בורטס־טאָג פיהלסטו דעם גרויסען אונטערשיעד אין זייער שטימונג. צוזאַמען מיט זיין פאָרגעפיהל וועגען דער נאָהענטקייט פון זיין טויט, דריקען זיך אויס אין דער ליעד די מוטיגסטע געדאַנקען:

„עס איז שוין צייט, אז דאָס הארץ זאָל אויפהערען צו קלאַ־פען, אויב עס מאַכט שוין ניט צו קלאַפען אַנדערע הערצער. נאָר אויב איך קען שוין מעהר געליבט ניט זיין, טאָ ערלויב מיר צי ליעבען! מיינע טעג זיינען עהנליך צו פאַרוועלקטע בלעטלעך! די בלומען און פרוכט פון דער ליעבע זיינען פאַרשווינדען: ווערים, פאַרוואורף און טרויער — דאָס איז מיין חלק: נאָר ניט אזוי, און ניט דאָ, דאַרפען מיינע געדאַנקען אויפטרייסלען מיין נשמה, און אויך ניט איצט, ווען די רום דעקט צו דעם העלד'ס טויטען־קאַסטען און באַקראַנצט זיין שטערען. — די שווערד, די פאָהנען, די שלאַכט־פעלדער רינגלען זיך אַרום! דער ספּאַרטאַנעץ, וועלכען מען האָט געטראָגען אויפ'ן פעלד, איז פרייער ניט געוועזען! געה, זוך דאָס,

וואָס מען זוכט זעלטענער ווי מען געפינט עס — דעם קריעג־העלד'ס קבר; און נאכדעם קוק זיך אָרום, קלויב זיך אוים אַן אָרט און האָב דיין אייביגע רוהע".

איינע פון בייראָן'ס ערשטע זאָרגען, ווי מען האָט געקאָנט פון איהם ערוואַרטען איז געווען זיין באַמיהען זיך ווי ווייט מעגליך צו פאַרלייכטערען דעם באַרבאַריזם, מיט וואָס מען האָט געפיהרט די מלחמה ביז דאַמאָלס. ער האָט באַפרייט איינינע טערקישע אָפיצירען און האָט זיי געשיקט מיט אַ בריעף צו יוסוף־פּאַשאַ, וואָס איז מיט זעהר שעהנע אויסדריקען געווען געשריבען: ער האָט געבעטען דעם פּאַשאַ צו באַגעהן זיך מענשליך מיט די געפאַנגענע גריעקען, ווארום די מלחמה־אומגליקען זיינען אַזוי אויך גרויזאַם. דערנאָך האָט ער זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אַנגעווענדעט אויף די אויפגאַבען וואָס זיינען אויף איהם אַרויפגעלעגט געוואָרען און ער האָט אַרויסגעוויזען אַזוי פיעל פּראַקטישען שכל אין געגענזאַץ צו די פּאָעטישע בליקען פון זיינע מיטהעלפער.

וועהרענד די איבריגע ענגלענדער, די מיטגלידער פון'ם קאָמיטעט, מיט זייער ליעבע צו דער אבסטראַקטער אידעע, האָבען געוואָלט אַנהויבען ציוויליזירען גריכענלאַנד מיט'ן גרינדען דאָרט פון אַ פרייער פּרעסע, מיט'ן שרייבען פון צייטונגס־אַרטיקלען, א. ז. וו. איז ביי בייראָן'ען דער קאַרבאָנאַרי אינגאַנצען פאַרשוואונדען געוואָרען פאַר'ן פּאָליטיקער. מיט אַ ניט וואַקלענדיגער איינגעשפּאַרטקייט און ענערגיע, האָט ער זיך שטענדיג באַמיהט צו שטיצען אויף די אין דער ווירקליכקייט עקזיסטירענדע באַציהונגען, און הויפּטזעכליך און פריהער ווי אַלץ, אויף דעם וואָס אַלע גריכען איינינען זיך — אויף זייער פיינדשאַפט צו די טערקען. ער האָט געגלויבט, אַז דאַרויף קען מען זיך גיכער פאַרלאָזען ווי אויף זייער ליעבע צו פרייהייט און רעפּובליק. סטענגאָפּ האָט געוואָלט גרינדען שולען. בייראָן האָט געפּאָדערט און צוטיילט גראַנאַטען. סטענגאָפּ האָט געשטרעבט מיט דער הילף פון די מיסיאָנערען צו איינפיהרען דעם פּראָטעסטאַנטישען קריסטענטום. בייראָן, וואָס האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ שריט קען מאַכען, אַז די גריכישע גייסטליכע זאָלען זיך אויסשליסען פון'ם אויפשטאַנד, האָט נאָר געוואָלט אַריינפיהרען קיין גריכענלאַנד געלד און געוועהר. דערנאָך

האָט ער אויפגעהערט צו אָנפאַלען אויף די אייראָפּעאישע מלוכות. ער האָט באַשיינפּערליך געזעהן, ווי מיאוס דער קאַרבאַריזם איז דורכגעפאַלען אין קאַמף מיט דער אָרגאַניזירטער מאַכט. האָט צום אַלעם ערשטען געוואָלט קריגען אַנערקענונג פאַר גריכענלאַנד פון די גרויסע רעגירונגען.

צום אומגליק איז זיין געזונד געווען צו שוואַך פאַר אַזעלכע גראַנדיעזע פּלענער. ער פלעגט אין מיסאָלאָנגי מאַכען רייטענדיגע שפּאַצירען אויף דער שטאָדט־וואַנד, און אום צו ווירקען אויף די איינוואוינערס פאַנטאַזיע איז ער אַרויסגעפאָהרען מיט אַן אָטראַד פון פופציג סוליאָטען, וואָס זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך איהם צו פוס, און זיי זיינען אַזוינע פלינקע לויפערס, אַז זיי זיינען געלאָפען מיט געוועהר אין די הענד, ניט אָפּשטעהענדיג פון'ם פערד, אפילו דאַמאַלס ווען ער האָט עס געיאָגט אַם ערגסטען. אויף איינע פון אַזעלכע שפּאַצירען איז ער אין גאַנצען דורכגעווייקט געוואָרען. נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון געהן א היים און זיך לעגען אין בעט אריין. „אויב איך וועל אָננעהמען אַזעלכע פאָרהיטונגס־מיטלען וואָס פאַר א סאָלדאַט וועט פון מיר זיין!" האָט ער גע־זאָגט. אויפ'ן צווייטען טאָג איז ער אַריינגעפאַלען אין א גרויסען פיבער — דריי מענשען האָבען איהם קוים געקאָנט איינהאַלטען — און ער האָט אַזוי שטאַרק געליטען, אַז ער האָט געזאָגט: „איך האָב ניט מורא פאַר'ן טויט, נאָר די שמערצען בין איך ניט בכח איבערצוטראָגען". אין דער צייט וואָס ער איז געווען אין א האַלב־פאַר'חלש'טען צושטאַנד האָבען זיך אין זיין צימער אריינגעריסען עטליכע אויפגערעגטע סאָלדאַטען, וואָס האָבען, פאָכענדיג מיט די שווערדען, געפאָדערט א פאַרגיטיגונג פאַר עפּעס א כלומרשט־דיגער באַליידיגונג. בייראָן האָט זיך אויפגעשטעלט אויף זיין בעטעל און ווערענדיג אַלץ מעהר רוהיגער, וואָס מעהר זיי האָבען געשריען, האָט ער מיט דער קראַפט פון זיין בליק און באַוועגונ־גען זיי באַרוהיגט און זיי געצוואונגען צו פאַרלאָזען דעם צימער.

ער האָט נאָך פריהער געשריבען צו מאָר'ן:

„אויב עפּעס ענגליכעס צו אַ פיבער, איבערמיעדקייט, הונגער, וועט מאַכען א סוף צום לעבען פון אייער אַפּאָלאָן־ברודער — דער־מאָנט מיך ביי א גלאָז וויין און אין אייערע ליעדער. איך האָף,

אז די גוטע זאַך וועט זיעגען: אָבער איינס ווייס איך, אז די עהרע־רעגעלען וועל איך אזוי שטרענג אָפּהיטען, ווי מיין מילכיגע דיעטא".

דעם 12־טען אַפּריל האָט בייראָן זיך נאָך אמאָל געמוזט לעגען אין בעט, און דער פיבער איז שוין מעהר פון איהם ניט אָפּגע־טראָטען. דער 18טער אַפּריל איז געווען דער ערשטער טאָג פון פּסח, וואָס די גריכען פייערען געוועהנליך מיט שאָסען פון ביקסען און פון גראַנאַטען איבער די גאַסען. נאָר אַלס אַכטונג צו זייער וואָלטהעטער איז דער יום טוב אריבער אין אַ פאָלקאָמענער שטיל־קייט. דער 19טען אַפּריל איז געווען דער לעצטער טאָג פון זיין לעבען. ער איז געלעגען און גערעדט פון היץ, עס האָט זיך איהם געדוכט, אז ער פיהרט אָן אַ שלאַכט און ער האָט געשריען: „פאָראויס, פאָראויס, שרעקט זיך ניט!" ווען ער איז צו זיך געקו־מען האָט ער געבעטען זיין קאַמער־דיענער אויסהערען זיין לעצטען פאַרלאַנג. ער האָט געזאָגט: „געה צו מיין שוועסטער און זאָג איהר... געה צו דער ליידי בייראָן און זאָג איהר..." אָבער די שטימע איז שוואַך געוואָרען און ער האָט נאָר געקאָנט ארויסשטאַמ־לען איינציגע נעמען: אווגוסטא - אדא. „איצט האָב איך דיר אַלעס געזאָגט" — האָט ער פאַרענדיגט זיין רעדען. „אַך, מילאָרד, האָט דער דיענער געענטפערט, איך האָב ניט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט פון דעם וואָס אייער האָכהייט האָט מיר געזאָגט". „ער האָט מיך ניט פאַרשטאַנען!" — האָט בייראָן אויסגעשריען מיט אַ פולען פון פאַרצווייפלונג בליק. „וואָס'ר אַן אומגליק, — איצט איז שוין צו שפּעט". און האָט נאָך געהערט עטליכע איינ־ציגע ווערטער פון זיין מויל: „אָרימע גריכענלאַנד! אָרימע שטאָדט! מיינע אָרימע קנעכט!" דערנאָך האָבען זיך זיינע געדאַנקען געווענדעט צו זיין געליעבטער, וואָרים ער האָט געזאָגט אין איטאַליעניש: „איך לאָז איבער אַ זאַך דער וועלט עפּעס, וואָס איז מיר זעהר טייער". און פאַרנאַכט האָט ער געזאָגט, „איצט וועל איך אנשלאָפען ווערען" — און אַלץ האָט זיך געענדיגט.

בייראָן'ס טויט האָט אָנגעמאַכט אַ רעש איבער גאַנץ גריכענ־לאַנד, דאָס פאָלק האָט געקוקט אויף דיזען פאַרלוסט ווי אויף אַ בייזער נאַטור־ערשיינונג, פון וואָס מען קען ניט פאָראויסזעהען די

רעזולטאַטען. אין דעם זעלבען טאָג איז פּאַרעפענטליכט געוואָרען פאָלגענדער דעקרעט:

„פון דער צייטווייליגער רעגירונג פון מערב גריכענלאַנד:

דער פּסח איז היינט פון א יום־טוב־טאָג פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א טרויערטאָג: לאָרד נאָעל בייראָן איז זעקס אוהר נאָכמיטאָג געשטאָרבען נאָך א ניין טאָגיגער קראַנקהייט... דאַריבער באַפעהל איך:

1) מאָרגען פאַרטאָג וועלען געפייערט ווערען 36 האַרמאַטען־שאָסען, וואָס וועלען באַצייכענען די צאָהל יאָהרען פון'ם גרויסען פאַרשטאָרבענעם.

2) אַלע געזעלשאַפטליכע געביידען, און אויך די געריכטס־פּלעצער וועלען זיין פאַרשלאָסען אין פאַרלויף פון דריי טעג.

3) אַלע געשעפטען, אויסער די אַפּטייקען, וועלען אויך געשלאָסען זיין, און עס ווערט שטרענג באַפוילען ניט צו דערלאָזען קיין שום פאַרוויילונגען, ווי עס ווערען געוועהנליך געפייערט די פּסח־טעג.

4) אן אַלגעמיינער טרויער ווערט ארויפגעלעגט אויף א משך פון איין־און־צוואַנציג טעג.

5) אין אַלע געבעט־הייזער וועלען געמאַכט ווערען הזכרות.

געגעבען געוואָרען אין מיסאָלאָנגי, דער 19טער אַפּריל פון יאָהר 1824.

א. מאַוראָקאָרדאַטאָ".

עס איז ניט נויטיג קיין אנדערע באַווייזען וועגען דעם איינדרוק וואָס בייראָן'ס טויט האָט געמאַכט אויף די צו איהם נאָהענטשטעהענדע מענשען. די גריכישע באַפעלקערונג איז געלאָפען מיט א געוויין איבער די גאַסען און געשריגען: „ער איז געשטאָרבען. דער גרויסער מענש איז געשטאָרבען". דעם דיכטערס טויטען־קערפּער האָט מען איבערגעפיהרט קיין ענגלאַנד וואו די גייסטליכע האָבען ניט ערלויבט איהם צו באַגראָבען אין ווינקעל פון דעם וועסטמינסטערישער אַבאַסטווע, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דיכטער. נאָר הויך אויפהויבענדיג זיך איבער ענגלאַנד'ס שאַנדע און גריכענלאַנד'ס לויב איז זיין רוהם פאַרשפּרייט געוואָרען איבער דער גאַנצער וועלט.

אין׳ם גייסטיגען לעבען פון רוסלאנד און פוילען, פון שפאניען און איטאליען, פון פראנקרייך און דייטשלאנד האָבען די קערנער, וואָס ער האָט פארזעעט מיט א פולער האנד, גענעבען פרוכט. די שפראָצונגען האָבען געגעבען בלומען, און די בלימעלעך האָבען גע־געבען קעמפענדע מענשען, וואָס זיינען גרייט צו געהן אין שלאכט. די סלאווישע נאציאָנען, וואָס האָבען געקרעכצט אונטער דעם יאָך פון טיראניי, האָבן נאָך זייער נאטור געהאט א נייגונג צו א מע־לאנכאָליע, און יעניגע פון זיי, ביי וועמען די היסטאָריע האָט ענט־וויקעלט רעוואָלוציאָנערע אינסטינקטען, האָבען ליידענשאפטליך געלייענט בייראָנ׳ס פּאָעזיע. פושקין׳ס „אָנעגין", לערמאָנטאָוו׳ס „דער העלד פון אונזער צייט", מאלטשעווסקי׳ס „מארי", מיצקע־וויטש׳עס „קאָנראד וואלענראָד", סלאָוואצקי׳ס „לאמברא און בע־נאָווסקי" צייגען ווי טיעף בייראָנ׳ס אידעען האָבען אריינגעדרונ־גען אין די נשמות פון דיזע פּאָעטען. די ראָמאנטישע פעלקער, וועמעס זיסע עבירות ער האָט באזונגען און וואָס האָבען זיך איצט ערשט נעגרייט צו אן אויפשטאנד האָבען איבערזעצט און ליידענ־שאפטליך געלערענט זיינע ווערק. די עמיגרירענדע שפאנישע און איטאליענישע דיכטער האָבען איבערגענומען זיין קריג׳ס־אויסרוף. אין שפאניען האָט זיך געגרינדעט א מוכטאָווע געזעלשאפט, און איטאליע איז דזשיאוואני בערשע פריהער פון אלע אונטערגעפא־לען אונטער בייראָנ׳ס איינפלוס, און דער זעלבער איינפלוס, כמעט אין אזא שטארקער מאָס באמערקט זיך אויך ביי לעאָפּאָרדען אין דזשימוסטין. אין פראנקרייך האָט בייראָנ׳ס טויט נאָך געמאכט א פיעל שטארקערען איינדרוק. עס איז אריבער אינגאנצען עט־ליכע טעג צווישען דער געשעהעניש און שאטאָבריאנ׳ס איבערגעהן אין לאגער פון דער אָפּאָזיציע. און די ערשטע טאט, וואָס דער דיכ־טער האָט געטאָן נאָך זיין פאלען איז געווען זיין אריינטרעטען אין דער מיטגליעדערשאפט פון דעם גריכישען קאָמיטעט. גיוגאָס „לעס אָריענטאל׳ס" איז ניט געווען אזוי פיעל ריין־מזרחיש, ווי עס זיינען געווען די מזרחישע פּאָעמען פון די דייטשע דיכטער; גיוגאָ, פּאָהרענדיג צום מזרח האָט געמאכט זיין וועג דורך גריכענלאנד, און איז לאנג פארבליבען צווישען די העלדען פון דער באפרייאונגס־קריעג. דעלאווין האָט באזונגען בייראָנ׳ען אין א וואונדערבארען

נעדיכט. לאַמאַרטין האָט צוגעשריבען די לעצטע ליעד צו „טשײַילד העראָלד“; מערימע איז שטאַרק באַאײַנפֿלוסט געוואָרען פֿון בײַראָנ׳ס אונגעצוימטען גײַסט; אַלפֿרעד־דע־מיוסע האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך איבערנעמען אויף זיך די ירושה פֿון דעם גרויסען דיכטער. און אַפֿילו לאַמענע האָט גיך אָנגעהויבען געברויכען אַזאַ שפּראַך, אין וואָס פֿיעל ווערטער און זאַצען האָבען דערמאָנט בײַראָנ׳ס שפּראַך אין זײַנע סאַטירישע ווערק. דײַטשלאַנד איז נאָך געווען זעהר צוריקגעשטאַנען אין פּאָליטישען זין, אום צו האָבען עמיגראַנטען און אַרויסגעטריבענע צווישען איהרע דיכטער; נאָר איהרע געלעהרטע האָבען מיט דער שטילער באַגײַסטערונג פֿון פֿילאָלאָגען געקוקט אויף גריכענלאַנד׳ס אויפֿשטאַנד; זיי האָבען אין איהם געזעהן דעם ווידערגעבורט פֿון דער אור־אַלטער עלאַדע; אַזעלכע דיכטער ווי ווילהעלם מולער און אַלפֿרעד מײַסנער, האָבען געשריבען פּראַכטפֿולע געדיכטען לכבוד בײַראָנ׳ען און אין לאַנד אַליין זײַנען געווען אַזעלכע ליטעראַטאָרם וואָס האָבען זיך געהאַלטען פֿאַר עמיגראַנטען און אַרויסגעטריבענע און אויף וועלכע בײַראָנ׳ס פּאָעזיע האָט אַ דאַנק דעם, געהאַט אַ באַזונדער שטאַרקע ווירקונג; דאָס זײַנען געווען שריפֿטשטעלערס פֿון אידישער אָפּשטאַמונג, און באַזונדערס בערנע און הײַנע. הײַנע׳ס בעסטע פּאָעטישע ווערק, צוזאַמענגעסטעלטע „דײַטשלאַנד“, „דאָס ווינטערדיגע מעשה׳לע“ זײַנען אַ פֿאָרטזעצונג פֿון בײַראָנ׳ס אַרבײַט. דער ראָמאַנטיזם אין פֿראַנקרײַך און דער ליבעראַליזם אין דײַטשלאַנד זײַנען בײדע אַרויסגעוואַקסען פֿון דער גלײַכער ליניע פֿון דעם נאַטוראַליזם אין בײַראָנ׳ס פּאָעזיע.

24

שלום.

דער נאטוראליזם אין ענגלאנד'ס גייסטיגען לעבען פאנגט זיך אָן ביי וואָרדסוואָרט'ן אין דעם געשטאלט פון ליעבע — וואָס דער דאָרפישער איינוואוינער פיהלט צו דער אויסערליכער נאטור, אין דעם געשטאלט פון אָנגעזאמעלטע איינדריקען פון דער נאטור אין די ליעבעס־באַציהונג צו הויז־חיות, קינדער, פויערען און צו אַלע פשוט־הערציגע מענשען. אמאָל געהט ער אראָפּ פון'ם וועג און פארגעהט אויף א שטעגעל, וואָס האָט ניט קיין ארויסגאנג, און פארוואנדעלט זיך אין א פלאַכער נאָכמאַכונג דער נאטור. סאוטי און דער הייַנטיגער דייטשער ראָמאנטיק, פאָלגט איהר נאָך אין דער וועלט פון לעגענדען און אבערגלויבענישען, נאָר ער האַלט זיך אָפּ פון איהרע ערנסטע איבערטרייבונגען א דאנק זיין קלאָרען פאר־שטעהן. דאָס דאָרף און דער ים און אַלע עלעמענטען פון'ם ווירקליכען לעבען. דער נאטוראליזם פארטיעפט זיך אין דעם גייסטליכען לעבען און אין דער געשיכטע פון א גאַנץ פאָלק ביי סקאָט'ען און ער שילדערט מיט לעבעדיגע פארבען דעם מענשען, ווי די פרוכט פון איין ראַסע און איין באשטימטען יאָהר־הונדערט; ער עראָבערט אין קיט'ס פערזענליכקייט די גאַנצע געפיהלפולע וועלט און ער פארנעמט איין צייט א נייטראלע לאגע צווישען דעם רוהיגען אפרוה אין דער באָאבאכטונג פון דער נאטור און דער פראָ־פּאַגאנדירונג פון דער נאטור'ס באפוילען און די ווירקליכע איינ־געבאָרענע רעכט . ער ווערט עראָטיש און ליבעראל־פּאָליטיש ביי

מאַר׳ען, ווען מען דאַס צוזעהן פון די ליידען פון זיין אייגענעם איגזעל מאכט איהם צו איבערגעהן אין לאַגער פון די פריוויזיניגע. ער ווערט פארוואנדעלט ביי קעמפבעלען אין א לויב־געזאנג צו ענגלאַנד, אלס די ים־קעניגען, און אין דעם אויסדריקען פון דער בריטישער פריי־זיניגקייט. ער טרעט ארויס ביי לענדאָרען אין געשטאַלט פון דעם היידמאַנישען הומאַניזם. נאָר ער נעהמט ביי איהם אָן א צו אפּ־שטויסענדען, שטאָלצען, אויסזעהן, אום צו צוציהען אייראָפּאַ אויף זיין זייט. ער דריקט זיך אויס ביי שעלי׳ן אין א פּאָטעטישער באַ־גייסטערונג מיט דער נאַטור און מיט׳ן פּאָעטישען ראַדיקאַליזם, וואָס איז באַזירט אויף גרויסע פּאָעטישע פעהיגקייטען; נאָר זיין אַבסטראַקטנע די גאַנצע וועלט אַרומנעמענדער אַפּשטעמפּלונג צוזאַמען דערמיט, וואָס דער דיכטער איז זעהר פריה פאַרלאָפען פאַר זיין צייט און איז זעהר פריה געשטאָרבען ברייננט עס דערצו, וואָס שעלי׳ס ליעד פאַרלירט זיך, כמעט פון קיינעם ניט געהערטע, אַזוי אַז אייראָפּאַ האָט אפילו קיין אהנונג ניט, וואָסער אַ דיכטער זי פאַרמאָגט און וועלכען זי פאַרלירט.

נאָר גלייך ווי אַ קול האָט זיך אויפגעהויבען נאָך דעם פאַר־ברעכען פון פּאַטראָקלעס טויטען־קערפּער, אַזוי הויבט ביירראָן אויף, נאָך שעלי׳ס טויט, זיין שטימע מיט א גראַנדיעזער מאַכט. די אייראָפּעאישע דיכטונג איז דורכגעלאָפען ווי א פאַרשלאָפען און רוהיג טייכעלע, און דער וואָס האָט ארומגעשפּאַצירט אויפ׳ן ברעג, האָט ניט געהאַט אויף וואָס אָפּצושטעלען זיין בליק. נאָר פּלוצלונג, אום צו פאָרטזעצען דעם לויף, אַי זערשיענען בייראָן׳ס פּאָעזיע, אונטער וועמעס פּים דער באָדען איז אָפט מאָל אַפּירגעשוואומען, אַז ער איז ווי קאַסקאַדין געפאַלען פון איין אָרט אויפ׳ן צווייטען, און אַלע האָבען געקוקט אויפ׳ן טייכעלע פון יענעם פּלאַץ, וואו זיינע כוואַ־ליעס פאַלען ארונטער. דאָ זעהען מיר ביי ביירראָנ׳ען ווי דאָס טייכעל בלעזעלט זיך און קאָכט, דאָ הערען מיר ווי עס רוישט גלייך

ווי מוזיק, און מיט א ליעד שיקט עס די אָדע צום הימעל. דאָ איז די וואַסער שרעקליך און אין דער זעלבער צייט וואונדער־שעהן — ווייזט זי זיך אונז אין איהר גאנצער אויפגערעגטקייט מיט איהר ווייסען שוים, זי דרעהט זיך אין א ראָד, צוקלאַפּט זיך און צעברעכט אַלעס, וואָס שטעהט איהר אין וועג, און לעכערט דורך אפילו די שטיינער אין דער גאַנצער לענג. און אין מיטען דעם וואַסער־פּאַל הויבט זיך אַרויס דאָס, וואָס בייראָן באַשרייבט אין „טשאַילד האר־אָלד" אַזוי ווי די פּראַכטפולע אירידע — א רעגענבויגען פון א אױ־סערגעוועהנליכער בלענדיגקייט, דער סימן פון האַרמאָניע, שלום און גליק אין דער פרייהייט, וואָס ניט אלע זעהען נאָר עס זעהט זי יעדער איינער, אויף וועמעס קאָפּ די זון שיינט און קען זיך שטעלען אויפ׳ן ריכטיגען פּלאַץ. דאָס האָט פאַראויסגעזאָגט פאַר אייראָפּא בעסערע טעג.